פון זילבערן געפעס. נישט איינמאל פלעגט דער פריץ פון גאריי צופארן אין זיין קארעטע צו ר׳ אלעזרן און פארמשכנען דער פריצהס צירונג פאר גאלדענע דוקאטן. איצט איז ר׳ אלעזר באבאד געווען נישט צו דערקענען. די הויכע שמאלע געשטאלט האט זיך אויסגעבויגן ווי א ליכט, די בארד — א שפיציקע, ווי א קלין — איז געווארן אשגרוי, דאס איינגעדארטע פנים האט געקריגן א רויטלעכע מראה, ווי פון ציגל. די אויגן, וואס זענען געזעסן צו־נאענט פון בידע זייטן ביינערדיקער אפגעשיילטער נאז, זענען געווארן ארויסגעבאלט, און עס האט אויסגעוויזן, דאס זיי זוכן עפעס אויף דער ערד. ער האט זיך ארומגעדרייט אין אן אלטן הוט פון שעפסן־פעל, אין א צייגענעם כאלאט, די לענדן ארומגעגארטלט מיט א שטריקל, די פיס ארומגעוויקלט מיט שמאטעס, ווי עס זענען אנגעקליידט פראסטע לייט, אדער גאר הייזער־גייער. ער איז נישט געקומען דאווענען, האט אליין געשאפט אין שטוב, אויסגעקערט, צוגעברייט געקעכטס פאר זיך און דער איינציקער

טאכטער, און איז אפילו געגאנגען צו די מארק־זיצערינס קויפן פאר א פרוטה קאפער. וויפל מאל עמיץ האט געפרואווט אים אויספרעגן, וואס ער מאכט און ווי עס איז אים צוגעגאנגען אין דער פרעמד, האט ר׳ אלעזר א ציטער געטון ווי פון א בייז געדעכעניש, איז ווי איינגעשרומפן געווארן, געקוקט ערגעץ איבער יענעמס אקסל און אפגעענטפערט:

— עס נו... צו וואס די רייד?... פאלג מיך א גאנג!...

טייל האבן געזאגט, אז דער ייד טוט תשובה אויף אמאליקע זינד. טעמע רחל די פרומע האט נאכדערציילט, דאס איינמאל שפעט אין דער נאכט, ווען זי איז פארביי זיין פענצטער, האט זי פארנומען ווי ר׳ אלעזר שפאנט אהין און צוריק מיט שווערע טריט און זאגט עפעס מיט א יאמערדיקן ניגון. אנדערע האבן זיך איינגערוימט א סוד, דאס ר׳ אלעזר באבאד איז צערודערט, טוט נישט אויס זיינע קליידער צום שלאפן און לייגט זיך אונטער א לאנג מעסער צוקאפנס, ווי א קימפעטארין. די מויד, רעכעלע, א בתולה פון זיבעצן יאר, האט געשלעפט דעם לינקן פוס און איז דערום זעלטן ארויסגעקומען אינדרויסן, נאר זיך פארבארגן אין איר חדר. זי איז געווען א הויכע, א גרינלעכע, א יפת תואר, מיט לאנגע שווארצע האר ביז צו די קניען. אין אנהויב, ווען ר׳ אלעזר איז אנגעקומען, האבן לייט זיך ארייגעלייגט אין א שידוך, ווארן עס איז געווען א שאנד, דאס אזא באיארטע מויד זאל זיצן אן א מאן. אבער ר׳ אלעזר האט נישט געענטפערט די שדכנים נישט יא און נישט ניין און זיי זענען מיד געווארן אומזיסט אויסצוברענגען רייד. דערצו האט רעכעלע גלייך אנגעפאנגען ארויסצואווייזן אויסטערלישע בענג. ווען עס האט געדונערט, האט זי געשריגן געוואלד און זיך באהאלטן אונטערן בעט. מיט די יונגע ווייבלעך און מוידן, וואס זענען געקומען זי באשוינען, האט זי נישט אויסגערעדט קיין ווארט און זיי פארטריבן. פון פרימארגן ביז אוונט איז זי געזעסן אפגעזונדערט, האט געשטריקט זאקן אדער גאר געלייענט אין לשון־קודשדיקע ספרימלעך, וואס זי האט מיטגעברענגט פון דער פרעמד. צומאל האט זי פארפלאכטן די צעפ און זיך אוועקגעשטעלט ביים פענצטער. די גרויסע טונקעלע אויגן האבן געקוקט איבער אלע דעכער — ברייט־צעעפנטע, שארף־צעבליצטע, גלייך זי וואלט געזען זאכן פון אלעמען פארהוילענע. ווייל

וואויל זי האט געהאט א מום, זענען מאנסלייט דורך איר געקומען צו זינדיקע געדאנקען. ווייבער האבן אויף איר געשאקלט מיט די קעפ, זיך איינגערוימט אין די אויערן:

— אן עלנטע יתומה נעבעך, און א שלאפע...

— א מרה־שחורהניצע...

the holiday guests dined at a table set with silver. Many a time the lord of Goray drove up to Reb Eleazar's in his carriage to pawn his lady's jewelry for gold ducats.

But Reb Eleazar was now unrecognizable. The long, narrow body had bent like a candle, the wedge-shaped beard had turned ash-gray, the emaciated face was brick-red. Reb Eleazar's eyes, set close to his bony, peeling nose, now protruded, and seemed always to be looking for something on the ground. He wandered about wearing an old sheepskin hat and nondescript housecoat; a rope girdled his waist, his feet were wrapped in rags, like those of beggars. He never came to the prayer house to pray; he did his own housework, sweeping up, preparing food for himself and his daughter, and even going to the market to fetch a copper's worth of food from the women who sat near their carts. Whenever he was asked how he was getting along and how he had fared during the time he had been away, Reb Eleazar would shiver as though at some dreadful thought, would shrink into himself, look past his questioner's shoulder, and reply, "Why talk about it? What's the use?"

Some said he was doing penance for his sins. Teme Rachel, the pious woman, added that once late at night she had passed his window and had observed him pacing back and forth and speaking aloud in a sad voice. Others whispered that he was out of his mind, that he did not take his clothes off when he went to sleep, and that he placed a long knife under his pillow nights, like a woman in labor, to keep away the devil.

His daughter, Rechele, who was seventeen years old, had a lame left foot and seldom showed herself outside, preferring to remain hidden in her room. She was tall, with a greenish complexion, but handsome, with long black hair that hung down to her waist. In the early days after Reb Eleazar's arrival people had tried to arrange a match for her, because it was a pity for so old a girl to sit at home without a man. But Reb Eleazar did not answer the matchmakers, never said either yes or no, and they soon grew tired of useless talk. Besides, Rechele's behavior was strange from the beginning. When it thundered she would scream and hide under the bed. To the young wives and girls who came to call on her she said nothing, driving them away with her indifference. From early morning till night she sat alone, knitting stockings or merely reading in the Hebrew volumes she had brought from abroad. Sometimes she would stand at the window braiding her hair. Her large, dark eyes gazed beyond the rooftops—wide-open, brilliant, as though seeing things concealed from others. Though Rechele had a deformity, she aroused sinful thoughts in men. Women shook their heads when they spoke of her, whispering:

"The poor lonely orphan . . . so feeble a child. And such a melancholy thing."

# ר׳ בינוש און זיין הויזגעזינד

אין לובלין איז ר׳ בינוש געווען פאַרנומען טעג און נעכט. טויזנטער ווייבער זענען נאָך ת״ח ות״ט געבליבן עגונות און דאָס בית־דין האָט נישט איינמאָל געמוזט אָוועקקוקן פון דין און זיי אויפבינדן. אין די פאָדערשטובן פון דעם קהל־הויז, וואו ר׳ בינוש איז געזעסן צוזאַמען מיט נאָך גרויסע רבנים, האָט זיך אָן אויפהער געהערט דאָס געוויין פון נקבות. טייל זענען אומגעגאַנגען צופוס פון שטאָט צו שטאָט און נאָכגעקוקט אין די פנקסים פון דער חברה־קדישא אויב עס זענען דאָרטן נישט פאַרצייכנט די נעמען פון זייערע מאַנען. אַנדערע האָבן געמוזט נעמען חליצה און האָבן געקלאָגט אויף די שוואָגערס, וואָס האָבן פאַרלאַנגט באַלוינונג. אַ סך מאָל האָט זיך פאַרלאָפן, דאָס אַ אשה האָט חתונה געהאַט און דערנאָך איז צוריקגעקומען איר ערשטער מאַן, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון קנעכטשאַפט ביי די טאַטערן, אָדער די קהלה פון סטאַמבול האָט אים אויסגעקויפט פון געפענקעניש און צוריקגעשיקט קיין פוילן. עס האָבן זיך דאָרט, אַרום דער געביידע פון וועד ארבע הארצות, אַרומגעדרייט שדכנים, וואָס האָבן צונויפגעפאָרט פאָרלעך און געשלעפט אָדרויפן; שנאָרערס האָבן אָפגעריסן די פאָלעס; האַלבע און גאַנצע משוגעים האָבן געלאַכט, געוויינט, געזונגען; קיילעכיקע יתומים האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אין הויף, פאַרוואָרלאָזטע און קרעציקע, געבעטלט און גערעדט עזותקייטן. יעדן טאָג איז געקומען אַן אַנדערער שליח פון אַ יידישער קהלה און דערציילט וועגן אַלערליי נאָכוויען, וואָס זענען געבליבן פון כמעלניצקין און פון די שוועדישע זעלנער. גאַנץ אָפט האָט ר׳ בינוש געבעטן גאָט, ער זאָל אים צונעמען פון דער וועלט, מחמת ער האָט מער קיין כוח נישט געהאַט אויסצוהערן אַזויפיל צרות. דאָ, אין גאָריי, איז געווען מנוחה. קיין דין־תורהס זענען נישט געווען, שאלות — ווייניק. פרנסה האָט געפעלט, גאָר דערפאַר האָט דער רב געהאַט גענוג צייט. די גרויסע בית־דין־שטוב איז געווען אָפגעטיילט פון די איבעריקע שטובן דורך אַ פאָדערהויז און די שטילקייט האָט דאָ געהויערט אין אַלע ווינקלען. אַן איינציקע פליג האָט אַרומגעזשומעט, זיך אָנגעשלאָגן אָן פענצטער; אַ מייזל האָט געטון אַ קראַץ אין דיל; די גריל הינטערן אויוון האָט פון צייט צו צייט אַ נאָגנדיקן גרילץ געטון, לאַנג זיך צוגעהערט צו איר אייגענעם ווידערקול און אָנגעהויבן פונסניי, ווי אויף אַ צרה, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרגעסן. דער באַלקן איז געווען שוואַרץ פון רויך; די ווענט האָבן געשימלט און ס׳פלעגן איבערנאַכט אויף זיי אויפגיין שוואָמען, ווייסע און גרינגע, אָן ממשות, ווי נישט פון דער־וועלט. אויפן טיש זענען געלעגן אומגעווירטע בויגנס פאַפיר און גענדזענע פעדערס. ר׳ בינוש איז שעהן־לאַנג געזעסן און געטראַכט זיינע מחשבות, געקנייטשט דעם הויכן שטערן, יעדעס מאָל אַ בליק געטון איבער די געלע פאָרהאַנגלעך פון די פענצטער, ווי ער וואָלט עמעצן אויסגעקוקט. הגם מער ווי אַ האַלב שטעטל איז באַשירעמט געוואָרן און צוריקגעקומען, האָט מען פון דרויסן זעלטן געהערט רייד און קינדער־שפיל. ס׳האָט אויסגעוויזן, ווי דאָס ביסל יידן וואָלט זיך אַריינגעגנבעט אַהער און מען האַלט אין איין צוהאָרכן זיך אויב דער פיינט קומט נישט נקמה נעמען.



## *Rabbi Benish and His Household*

In Lublin Rabbi Benish had been constantly busy. The events of 1648 and 1649 had left thousands of women neither married nor widowed, since it was uncertain whether their husbands were alive. Often the rabbinical court had to veer from the strict letter of the law and release a woman from the marriage bond. In the anterooms of the community house where Rabbi Benish sat in judgment with other great rabbis, there was always a crowd of weeping women. Some of these unfortunates wandered from town to town, searching the registers of the holy burial societies for the names of their lost husbands. Others, forced to release their brothers-in-law from the obligation of marrying them, complained bitterly of the fee demanded for such consent. Often, one of these women would remarry, only to have her first husband return; he would have escaped from Tartar slavery or been ransomed by the Jewish community of Stamboul. Around the building where the Council of the Four Lands met, marriage brokers bustled, matching prospective couples and extracting advances on their fees; beggars tugged at the jackets of passers-by; persons who were half- or completely mad laughed, cried, sang; children who had lost father and mother wandered about the courtyard, abandoned and mangy, insolently begging. Daily, emissaries arrived, each from a different Jewish community, recounting the suffering that had come on the heels of Chmelnicki and the Swedish soldiers. More than once Rabbi Benish begged God to transport him from this world, as he no longer had the strength to hear these sorrowful stories.

But here in Goray all was calm. There were no judicial disputes, few queries concerning the holy law. True, the town offered him only a scant living, but for that very reason the rabbi had enough time for himself. His room was separated from the rest of the house by a large corridor, and silence reigned throughout. A solitary fly buzzed, beating against the windowpane; a mouse scratched along the floor; the cricket behind the stove would chirp monotonously for a few minutes, then listen to its echo for a long while before beginning anew, as though mourning an unforgettable sorrow. The ceiling was blackened by smoke; the walls were mildewed, and the stain of a white-and-green mold would appear nightly, rising, it seemed, from another world. On the table lay unlined sheets of paper and goose-feather quills. Rabbi Benish sat there for hours at a time, deep in thought, his high forehead wrinkled, and every now and then he would cast an expectant glance at the yellowed window curtains. Although more than half the town had returned by now and found shelter, the sound of talk and of children at play was rarely heard outside. It seemed as though the few Jews who had come back to Goray were all indoors, their ears alerted for news of the enemy's vengeful return.

געקוילעט אין נאַראָל בשעת דער שחיטה און זי, נעכעלע, האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין לובלין ביי נגידישע קרובים. דאָס ווייבל האָט זיך געפירט ווי אַמאָל, אין די גוטע צייטן, פלעגט ליגן אין בעט ביז שפּעט אין טאָג און געוואַרט די שוויגער זאָל איר צושיקן מילך מיט אַ הייטל. אפילו דאָס, וואָס זי איז געווען אַן עקרה, האָט זי זיך גערעכנט פאַר אַ מעלה, נעכעלע די שנור. זי פלעגט אינדערוואָכן אָנטון אַ זיידן קאָפּקעלע און אָנהענגען אין די אויערן גרויסע גילדערנע אויערינג. די מאָגערע פינגער זענען געווען באַשטעקט מיט רינגלעך. אַ דאַרע, מיט אַ קראַנקער ברוסט, איידל געבאָדן, מיט אומגעזונט־רויטע בעקלעך און אויסגעוויינטע אייגעלעך — האָט זי נישט אויפגעהערט צו האָבן טענות, דאָס איז זי אַריינגעפאַלן אין אַ גראָב הויז, אייביק עפּעס געמורמלט מיט אירע דינע ליפּן, געקרימט די נאָז, ווי זי זאָל שטענדיק שפּירן אַ ריח. דאָס חדר, וואָס מ׳האָט איר אָפּגעגעבן, האָט זי אויסגעפּוצט מיט אַלערהאַנט תכשיטים. ס׳זענען דאָ געהאָנגען אַלערליי צורות אויסגענייט אויף קאַנווע: יצחק אויף דער עקדה ,משה מיט די לוחות, אהרן הכהן מיטן חושן און אפוד אויף דער ברוסט. אויף די בעטן זענען געלעגן קישעלעך. דאָס פענצטער איז געווען פאַרהאָנגען מיט אַ געדיכט אויסגעהאָפטענער פאָרהאַנג און דערפון איז אין דעם פאַרפאַלקישן שטיבל אַלעמאָל געשטאַנען אַ האַלבע טונקלקייט. נעכעלע האָט זיך אַרומגעדרייט אין אַ געהאָפטן שירצל, ווי אַ פּריצהלע, מיט אַ פלעדערוויש געזוכט שטויב און שפּינוועבס, גערעדט מיט אַ קרעכצנדיקן ניגון צו איר מאַן לוין, און פון דאַנען געצונדן דאָס פייער פון צאַנקערײַ.

עוזרס ווייב און קינדער זענען געגאַנגען אָנגעטון אין פּראָסטע קליידער, האָבן געוואוינט ענג, געגעסן אין דער גרויסער קיך צוזאַמען מיט דער דינסטמויד. אַ חוץ זיי זענען נאָך דאָ געווען עטלעכע יתומים נאָך די טעכטער, וואָס זענען געשטאָרבן אין לובלין בשעת דער מגפה. ביים רב איז אויך געזעסן אַ טאָכטער אַ גרושה. אַלע צוזאַמען האָבן געפירט אַ שטילע מלחמה קעגן לוין און זיין ווייב, נאָכגעטראָגן פיינטשאַפט דער רביצין, הלמאי זי גיט אים נאָך. ס׳האָבן זיך אויך אַרומגעריסן און געגראָבן אויף זיך: נעכעלע מיט דער רביצין; נעכעלע מיט אירע שוועגערינס; ביידע ברידער צווישן זיך; די יתומים מיט דער באָבען, מיט די פעטערס און מומעס און איינער מיטן אַנדערן. וועגן נעכעלען האָט מען גערעדט, דאָס זי האָט אָנגעטון כישוף איר מאַן, ער זאָל זי ליב האָבן און נאָכגיין אירע פאַלשע וועגן. עוזרס ווייב האָט געשוואוירן, דאָס נעכעלע גייט אַרויס יעדן שבת־צונאַכטס אָנצוקלייבן קרייטעכצער. מ׳האָט זי אויך אַמאָל געטראָפן אַריינגיין צו דער מכשפה קונעגונדע, וואָס וואוינט הינטערן שטעטל, נעבן דעם צווינטער. אַמאָליקע יאָרן פלעגט ר׳ בינוש פּרוּוון זיך אַרײַנלייגן אין שלום. דער ייד האָט מורא געהאַט פאַר דער זינד פון קריגערייען, געוואוסט, דאָס אַלע שטראָפן קומען אויף אַ הויז צוליב דער דאָזיקער עברה. איצט האָט דער אַלטער רב מער נישט געהאַט קיין כוח דערצו. די יאָרן זענען געווען געציילטע און צו פאַרריכטן איז געווען אַ סך. ער האָט געדאַרפט פאַרענדיקן עטלעכע ספרים. אַ חוץ דעם האָבן די ביטערע גזירות פון ת״ח ות״ט דערפירט דערצו, דאָס ביי אים זאָלן אויפסניי זיך אויפוועקן די אַלטע קשיות וועגן אמונה, ידיעה ובחירה, צדיק ורע לו. ר׳ בינוש איז געזעסן אָפּגעשלאָסן, מער נישט געקומען נעכטיקן צו דער רביצין אין איר שלאָף־חדר. פלעגט אַמאָל עמעץ פון דער משפחה זיך אַרײַנקריגן אין בית־דין־שטוב און אָנהייבן מיט אָפּזאָגענישן און מסירות, איז ר׳ בינוש אויפגעשטאַנען אין זיין גאַנצער גרויס; די באָרד האָט זיך געוואָרפן ווי לעבעדיק, איין האַנט האָט געקלאַפט אין דעמבענעם טיש און די אַנדערע האָט אָנגעוויזן אויף דער טיר.

— אַ—רויס! — האָט ער געשריגן. — איך וויל מער נישט הערן!... פליגן!...

father had been murdered in Narol during the massacre in that town; Nechele had been reared in the home of wealthy relatives in Lublin. She behaved as she had in the past, lying abed till late in the afternoon waiting for her mother-in-law to send the maid to her with a jug of milk. Nechele even reckoned her barrenness a virtue. Weekdays she wore silk headkerchiefs and gold earrings. Her lean fingers were cluttered with rings. Thin, flat-chested, with an aristocratic figure, unhealthily red cheeks, and eyes weak from crying, Nechele never ceased complaining of how she had fallen into a vulgar house; her thin lips mumbled constantly, and her nose crinkled as though she suffered from the nasty Goray smells. She decorated lavishly the room given to her and her husband. The walls were hung with various canvasses: representations of *The Sacrifice of Isaac, Moses Holding the Tables of the Law, The High Priest Aaron in Breast-Plate and Vest.* The bed was strewn with small pillows. A thick embroidered curtain hung over the windows, keeping the conjugal chamber in semi-darkness. Nechele, lady-like in an embroidered blouse, a feather duster in hand, sought out dust and cobwebs, and addressed her husband with melancholy sighs that kept alive the fire of discontent.

Ozer's wife and children, on the other hand, dressed in crude clothing, lived in crowded quarters, and ate in the large kitchen with the servant girl. In addition to them, Rabbi Benish's household included several orphans left behind by his daughters who had died in Lublin during the cholera, and one daughter who had been divorced. All these individuals conducted a silent campaign against Levi and his wife, transferring their resentment to the rabbi's wife, who they considered had succumbed to Levi. The various parties also were at one another's throats, and told stories behind one another's backs, the following being adversaries: Nechele and the rabbi's wife; Nechele and her sister-in-law; the two brothers; the orphans and their grandmother. Of Nechele it was said that she had bewitched her husband, causing him to remain in love with her and follow her false ways. Ozer's wife swore that Nechele went out to gather herbs every Sabbath eve. Someone also once met her going in to see the witch, Kunnigunde, who lived beyond the town, near the gentile cemetery.

In the past, Rabbi Benish had tried to bring peace to his household. The rabbi feared the sin of controversy, knowing that every visitation inflicted on a house sprang from this transgression. But now the old rabbi no longer had the strength to make peace. His years were numbered and there was much to put in order. He had several works to complete. Moreover, the bitter persecutions of the years 1648 and 1649 had re-awakened in him the old paradoxes regarding faith, predestination and freedom of will, and the suffering of the virtuous. Rabbi Benish sat alone, locked in, and no longer visited his wife Friday nights in her bedroom. On the rare occasions when a member of his family came into his room to begin tattling and informing, Rabbi Benish would rise to his full height; his beard leaping like a living thing, one hand beating on the oaken table, the other pointing to the door.

"Get—out!" he would shout. "I've heard enough. Pests!"

# אויסטערלישע שמועות

שוין עטלעכע יאָר צייט, ווי מען האָט אין פוילן דערציילט אויסטערלישע מעשיות.

נאָך ווען ר׳ בינוש איז געזעסן אין לובלין, זיינען דערגאַנגען צו זיינע אויערן וואונדערלעכע זאַכן. אַלע האָבן גערעדט וועגן דעם ירושלימער שד״ר ברוך גד, וועלכער איז גייענדיק דורך דער מדבר פאַרוואָגלט געוואָרן אויף יענער זייט פון טייך סמבטיון און געבראַכט אַ בריוו אויף פאַרמעט פון די עשרת השבטים. דעם בריוו זאָל האָבן געשריבן דער יידישער מלך אחיטוב בן־עזריה און עס איז דאָרט געווען אָנגעזאָגט, דאָס צום קץ איז שוין נאָענט. אָפּשריפטן פון דעם כתב האָבן מיט זיך אַרומגעפירט עטלעכע ארץ־ישראל־יידן, וואָס זענען אַרומגעפאָרן איבער אַלע מדינות זאַמלען געלט.

די גרעסטע מקובלים פון פוילן און אַנדערע לענדער האָבן אַנטפּלעקט אַלערליי רמזים אין זהר און אין פאַרצייטישע קבלה־ספרים, אַז די טעג פון גלות זענען געציילטע. כמעלניצקיס שחיטות זענען געווען די געבורטס־ווייען פון משיח. על פי סוד האָבן זיי געמוזט זיך אָנהויבן שנת ת״ח און זיך פאַרציען ביז סוף פון היינטיקן יאָר, התכ״ו, ווען ס׳וועט זיין די גאולה שלמה.

שטילערהייט האָט מען גערעדט וועגן די אַלע זאַכן, פון אויער צו אויער, נישט אַרויסצורופן אַ צערודערונג צווישן ווייבער און געמיינע לייט, וואָס זייער פאַרשטענדיקייט איז קליין. פונדעסטוועגן האָט אויך דער המון אויף זיין שטייגער געשמועסט וועגן אַ הילף אויף יידן.

כמעט אין יעדער יידישער שטאָט האָט זיך געפונען אַ פאַרשוין, וואָס איז אומגעלאָפן און האָט אָנגעזאָגט די בשורה, אַז גאָר אינגיכן וועט מען ווערן אויסגעלייזט. טייל האָבן געשריגן, דאָס זיי הערן בלאָזן מיטן גרויסן שופר, אַנדערע האָבן געוועקט צו תשובה, אויסגערעכנט זייערע אייגענע און אַלעמענס זינד ; נאָך אַנדערע האָבן געטאַנצט אין די גאַסן פון גרויס פרייד און געפּויקט אויף פּייקלעך.

פּשוטע ווייבער האָבן געזען חלומות אומגעווייגלעכע. אין שלאָף זענען צו זיי געקומען טויטע קרובים און דערציילט וועגן די וואונדער, וואָס וועלן בקרוב געשען. מ׳האָט געזען אין שלאָף און אויף דער וואָך דעם אָרימאַן, וואָס רייט־אָן אויף אַן אייזל ; מ׳האָט געהערט אליהו הנביאס רוף : גאולה באה לעולם. אַ גרויסער וואָלקן האָט אַראָפּגענידערט און אַלע יידן מיט ווייבער און קינדער האָבן זיך אויף אים אַרויפגעזעצט, אָוועקצופליען קיין ירושלים. פאָרויס האָבן געשוועבט די שולן און בתי־מדרשים. אַ דינסטמויד פון בעכעוו האָט דערציילט, אַז דרימלענדיק האָט זי געזען אַ פייערדיק געביי, הויך ביז צום הימל, ליכטיק ווי די זון. אַרום איר האָבן יידן, אין זיידענע מלבושים, מיט שטריימלען אויף די קעפּ, געקניט און געזונגען זמירות. איר בעל־הבית, אַ למדן, האָט גלייך פאַרשטאַנען, דאָס די מויד האָט די זכיה געהאַט צו זען דאָס בית־המקדש של מעלה מיט די לוויים, און איז מיט איר געפאָרן איבער אַלע קהלות אַרום, זי זאָל נאָכדערציילן איר חלום. אַלטע גוים, וואָס קוקן אויף די שטערן, כדי וואָרצוזאָגן, האָבן געלאָזט וויסן, אַז אין מזרח באַווייזט זיך יעדע נאַכט אַ שטערנדל, וואָס פירט אַ שטרייט מיט אַלע אַנדערע מזלות, שלינגט זיי איין און ווערט אַלץ גרעסער, ביז דאָס באַקומט אַ געשטאַלט ווי פון דער לבנה. עס האָט געזאָלט זיין אַ צייכן, דאָס די קלענסטע און פאַרשעמטסטע אומה וועט זיך שטאַרקן איבער די פעלקער און הערשן איבער זיי. עס זענען אויך געווען גלחים, וואָס האָבן עדות געזאָגט, דאָס זיי האָבן געזען אין הימל די מלחמה מיט גוג ומגוג און דעם נצחון פון ישראל.

זאַכן נישט צום באַגרייפן זענען פאָרגעקומען אויף דער וועלט. אָרחי־פּרחי, הייזער־גייער, וואָס וואָגלען פון שטאָט צו שטאָט און פון לאַנד צו לאַנד, האָבן דערציילט, אַז אין בעהמען איז געפאַלן אַ האָגל פון קיזלשטיינער און אָנגעמאַכט אַ חורבן. אין טערקיי איז בשעת אַ רעגן אַראָפּגעפאַלן אַ ריזיקע שלאַנג, וואָס האָט צוגעדעקט עטלעכע שטעט און געטויט אַ סך יידן־פיינט. אין שעברעשין האָט אַ וואַסער־טרעגער געהערט אַ בת־קול, און אין פּילעוו האָט אַ פיש געשריגן שמע ישראל, ווען

*Extraordinary Rumors*

For a number of years now, extraordinary rumors had swept through Poland.

During the time Rabbi Benish still dwelt in Lublin he had heard amazing things. All men were discussing the Jerusalemite rabbinical emissary, Baruch Gad, who, in journeying through a desert, had blundered across the other side of the river Sambation; he had brought back with him a parchment letter from the Ten Lost Tribes, supposedly written by the Jewish king, Achitov, the son of Azariah. According to this letter, the end of days was near. Copies of the writ were in the hands of a few Land of Israel Jews who journeyed from country to country collecting money.

The greatest cabalists in Poland and other lands uncovered numerous allusions in the Zohar and in antique cabalistic volumes proving that the days of the Exile were numbered. Chmelnicki's massacres were the birth-pangs of the Messiah. According to a secret formula, these pangs were destined to begin in the year 1648 and extend till the end of the present year, when the full and perfect redemption would come.

All these things were quietly talked about, the news passing from ear to ear, so as not to cause a stir among women and uneducated men, whose understanding was limited. Nevertheless, the common people, too, had their own way of predicting the help that would surely come to the Jews.

In almost every town one person ran about testifying that the Jews would all soon be redeemed. Some declared that they could hear the great ram's horn being blown, signifying the end of days; others aroused the people to return to God, reckoning up their own as well as the sins of others; still others danced in the street for joy, and beat drums.

Ordinary women dreamed remarkable dreams. Dead kin told them all about the wonders that would soon occur. Sleeping and waking, people saw, riding an ass, that pauper who was to be the Messiah; they heard Elijah the Prophet call: "Redemption cometh to the world!" A great cloud lowered, and all the Jews with their wives and children sat on it to fly to Jerusalem. Before them flew their prayer houses and study houses. A servant girl from Bechev related how, dozing, she had seen a fiery building as high as heaven, and bright as the sun. Around it, Jews in silken garments, wearing the fur caps of the devout, kneeled and sang the Sabbath psalms of praise. Her master, a learned man, immediately understood that the girl had been considered worthy to glimpse the heavenly Temple, with the Levites in attendance; he had made the rounds of the communities with her, that she might describe her vision. Gentile soothsayers divulged that more than once they had observed, in the eastern sky, a tiny star at war with all the others, gradually assimilating them and waxing larger until it became the size of the moon. This was taken as a sign that the smallest and most humble of nations would overcome the peoples of the earth and rule them. Priests, also, testified that they had seen the battle of Armageddon waged in Heaven, with Israel victorious.

Incomprehensible things occurred everywhere. Vagabonds who wandered from town to town and from land to land told of a hail of flintstones that had fallen in Bohemia. During a rainstorm in Turkey a gigantic snake had slithered from the sky, overwhelmed a number of cities, and killed many Jew-haters. In Shebreshin a water carrier had heard a heavenly voice, and in Pulav a fish had cried, "Hear, O Israel!" while being scaled in honor of the Sabbath

מ'האָט אים אָפּגעשאָבן לכבוד שבת. מ'האָט אויך גערעדט אַ סך וועגן דעם, וואָס דאָ און דאָרט פאַרנעמט מען פּלוצים ממש מיט די אויערן דאָס קול, וואָס קומט פון באַרג חורב: שובו בנים שובבים. אַ זינדיקער רופא, וואָס האָט פאַרנומען דאָס דאָזיקע קול דריי מאָל דורכאַנאַנד, האָט זיך אָפּגעשיידט פון ווייב און קינדער, אָנגעגורט אַ זאַק אויף די לענדן און איז אַוועק אין גלות. אין יעדער שטאָט, וואו ער איז געקומען, האָט ער זיך געלייגט אויף דער שוועל פון בית־מדרש און יעדער איינער, וואָס איז אַריינגעקומען, אָדער אַרויסגעגאַנגען, האָט געמוזט אויף אים אָנטרעטן און אים אַ שפּיי טון אין פּנים. דערביי האָט ער אויסגערעכנט מיט געוויין און געיאָמער אַלע זיינע שלעכטע מעשים. מ'האָט אויך אַ סך גערעדט דערפון, וואָס גראָד היינטיקע ציַיטן, ווען יידן ווערן געפּייניקט און געטרעטן, האָבן זיך אין אַלע לענדער גענומען מערן גרים. אַלץ אָפטער האָט געטראָפן, אַז גויים האָבן שטילערהייט געלאָזט זיך מל זיין און אויף זיך גענומען דעם יאָך פון תורה, ווי וואויל די שטראָף ביי מלכות איז געווען זייער אַ האַרבע. דאָס זענען אַלץ געווען געוויסע סימנים, דאָס צו דער לאַנגער פינצטערער נאַכט פון קנעכטשאַפט נעמט אַ סוף און די צייט פון אויסלייזונג איז נאָענט.

אָבער אַממיינסטן האָט מען גערעדט וועגן איינעם אַ גרויסן און הייליקן מאַן, שבתי צבי, וואָס ער זאָל זיין יענער, וואָס אויף אים וואַרט מען שוין זיבעצן הונדערט יאָר און וואָס זאָל אַנטפּלעקט ווערן אינגיכן. טייל האָבן געהאַלטן, אַז ער איז משיח בן יוסף, וואָס דאַרף, ווי עס שטייט געשריבן אין הייליקע ספרים, געהרגעט ווערן; אַנדערע האָבן געטענהט, דאָס משיח בן יוסף האָט געהייסן ר' אברהם זלמן און איז אומגעקומען אין טישעוויץ אויף קידוש־השם, און אַז שבתי צבי וועט זיין משיח בן דוד. אַלערליי שמועות זענען אומגעגאַנגען וועגן אים. טייל האָבן געזאָגט, אַז ער וואוינט אין ירושלים אין אַ פּאַלאַץ, אַנדערע — אַז ער פאַרבאַרגט זיך ערגעץ אין אַ טיפער הייל צוזאַמען מיט זיינע תלמידים; טייל האָבן געוואוסט, אַז ער רייט יעדן טאָג אויף אַ פערד מיט אַ זיידענעם זאָטל און פופציק קנעכט לויפן פאַר אים, אַנדערע — אַז ער פאַסט פון שבת צו שבת און פּייניקט זיין גוף מיט די שווערסטע פּיין. יעדער משולח האָט געברענגט אַנדערע מעשיות. אַ פרענק, וואָס האָט זיך פאַרוואָלגערט קיין לובלין, האָט געשוואוירן, דאָס שבתי צבי איז הויך ווי אַ צעדערבוים, אָנגעטון אין גאָלד, זילבער און טייערע שטיינער, און אַז מען קאָן נישט קוקן אין זיין פּנים אַריין — אַזוי לייכט עס. אַ ישיבה־בחור, וואָס איז אַהער פאַרוואָגלט געוואָרן פון יענע מקומות, האָט גאָר זיך אַרויסגעכאַפּט, דאָס שבתי צבי פירט מחלוקת מיט די רבנים און זיי האָבן אים געלייגט אין חרם, ווייל ער האָט געלעסטערט. מ'האָט אויך אַ סך דערציילט וועגן דעם פּוילישן מיידל שרה, וואָס איז אַנטרונען פון די קאָזאַקן, האָט מיט איינמאָל באַגונען נביאות־זאָגן, אַז זי וועט זיין משיחס ווייב, און האָט חתונה געהאָט מיט שבתי צבי. אין דער צייט, ווען איניקע האָבן דערציילט וועגן איר, אַז זי איז אַ צנועה און זייער אַ גאָטספאַרכטיקע, האָבן אַנדערע זיך געסודעט, דאָס זי איז געזעסן אין אַ הורן־הויז.

ר' בינוש האָט וועגן אַלץ געהערט, אָבער ער האָט געהאַלטן פון דעם פּסוק אין דניאל: והמשכיל בעת ההיא ידום — און ער האָט נישט גערעדט. די גאַנצע צייט, וואָס דער ייד איז געזעסן אין לובלין, האָט ער אָנגעגעבן, ווי ער וואָלט פון גאָרנישט געוואוסט. — נאָך מיט אַ סך יאָרן פאַר שנת ת"ח האָט ר' בינוש אשכנזי איינגעזען, דאָס פּוילישע יידן גייען אויף אַ פאַלשן וועג. צופיל האָט מען זיך געגראָבן אין פאַרבאָרגענע זאַכן, צו־ווייניק האָט מען געטרונקען פון דעם אָפענעם קוואַל פון תורה. תנ"ך און לשון־קודש זענען געווען טריף. די פאַר־צייטישע פּוסקים האָט מען זעלטן געלערנט. שוואַכע קעפּלעך האָבן

eve dinner. Some had heard a voice from Mount Horeb crying, "Return, O my wayward children!" A sinful leech, to whom this heavenly voice came three times running, deserted his wife and children, girded sackcloth on his loins, and went into exile. He lay down on the threshold of the study house in every town he came to, and all who entered or left had to step on him and spit in his face, while he, sobbingly, confessed all his misdeeds. A great deal of emphasis was placed on the fact that in these dreadful times, when Jews were being tormented and driven out of town after town, the number of converts from Christianity increased in every land. Very often, converts had themselves circumcized secretly and took on the yoke of the holy teachings, despite the harsh punishment this brought. These were all distinct omens that an end was coming to the long, dark night of servitude, and that the time of liberation was drawing near.

But people most often spoke of one great and holy man, Sabbatai Zevi, who was said to be the one for whom Israel had been waiting these seventeen hundred years and who would be revealed in a short time. Some insisted that he was Messiah, the son of Joseph, who, as the holy volumes indicated, was to be killed as the precursor of the true Messiah; others argued that Messiah, the son of Joseph, had already come in the person of one Reb Abraham Zalman, who had perished in Tishevitz, martyred for the sanctification of God's name, and that Sabbatai Zevi would be the true Messiah, the son of David. Various rumors concerning him were passed around. Some said that he dwelt in a palace in Jerusalem, others that he hid with his disciples in a deep cave; some knew as a fact that he rode daily on a silk-saddled horse with fifty runners before him—others, that he fasted from Sabbath to Sabbath and wracked his body with the most severe torments. Every emissary brought another story. A Frank who had wandered to Lublin swore that Sabbatai Zevi was as tall as a cedar, wore gold, silver, and precious stones, and that it was impossible to look at his face because of its brilliance. A Talmud scholar from some distant place revealed that Sabbatai Zevi was involved in a controversy with the rabbis, and that they had laid a ban on him, for blasphemy. People also had much to say about Sarah, the girl from Poland, who having fled the Cossacks had prophesied that she was destined to be the Messiah's wife—and had married Sabbatai Zevi. While some declared she was modest and God-fearing, others whispered that she had been a whore.

Rabbi Benish knew of these rumors and tales, but he heeded the verse in Amos: "Therefore the prudent doth keep silence in such a time"—and he kept silent. As long as Rabbi Benish dwelt in Lublin he pretended to hear nothing. For many years he had known that Polish Jewry was taking the wrong path. They delved too deeply into things that were meant to be hidden, they drank too little from the clear waters of the holy teachings. The study of the Bible and Hebrew was looked down upon. The early commentators

איז נישט דערפילט געוואָרן, האָט דער רב אָנגענומען אַ פול מויל וואַסער. דער ייד האָט איינגעזען מיט אונטערטעניקייט, דאָס די השגחה לענקט גאָר אין אַנדערער זייט און מחמת ער האָט נישט געוואוסט באַשייד, וואָס מען וויל אין הימל, האָט ער אינגאַנצן אַראָפּגעלאָזט די הענט. יעדער טאָג האָט געבראַכט נייע שמועות, קיינמאָל נישט געאַנטע, איינע פאַרקערט פון דער אַנדערער, אָפט אין סתירה צו די רייד פון די פאַרצייטישע. יידן האָבן אַלץ מער זיך געטיילט אין כתות. אפילו די גרויסע לייט זיינען נישט געאייניקט געווען אין זייערע דעות. עס איז אויך נישט געווען די צייט צו שטראָפן דעם המון, דען עס זענען אומגעגאַנגען שווערע שלאָפקייטן, און ר׳ בינוש איז פון לובלין צוריק אַוועק קיין גאָריי, אין דער העק צווישן בערג, וואָס איז האַלב חרוב און אָפּגעריסן פון דער וועלט. דאָ האָט דער זקן זיך אָפּגעשלאָסן צווישן פיר ווענט, ווי אין אַ תבה, כדי איינער אַליין איבערצוקומען די צייטן פון בייז. בלויז זעלטן פלעגט ר׳ בינוש אַרויסגיין פאַר דער שוועל פון הויז, זיך אומקוקן אין אַלע זייטן, אָפּשטעלן . . . ־טרעגער אָדער אַ חדר־יינגל און פרעגן:

— וואָס וועט זיין דער תכלית, אַ? . . .

— וואָס וויל ער, דער אויבערשטער? . . .

said nothing. For he perceived that divine providence willed otherwise; as he did not know what Heaven wished, he humbly acquiesced. Each day brought its news, never anticipated, never the same, often contradicting that of the day before. More and more, Jews divided into sects. Even the great rabbis could not agree. Nor was this age of sickness and catastrophe the time to harangue the people.

And Rabbi Benish returned from Lublin, to the town that lay in the midst of the hills, half in ruins and cut off from the world. There the old man immured himself as within an ark, to endure the bad years in solitude. Only on rare occasions did Rabbi Benish cross the threshold of his house. He would glance about him, and inquire of a passing porter or school boy:

"How will it end?"

"What does God want?"

## ד

## גאָריי פאַר גזירת ת״ח

חשון שנת התכ״ו. שוין אַ וואָך ווי עס האָט געגאָסן אַ שלאַקס־רעגן און אין די נעכט האָט געברויזט אַ שטורעם־ווינט, גלייך זיבן מכשפות וואָלטן זיך אויפגעהאַנגען. דאָס געוויסער האָט פאַרפּלייצט קעלערס, אָפּגעשווענקט דעם טינק פון די ווענט, אויסגעלאָשן דאָס פייער אין די אויוונס. אין די וועלדער זענען פיל ביימער אויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל. דער נאָענטער גיך־שטראָמיקער טייך האָט אויפן וועג באַקומען אַ פאַרשטאָפּונג און פאַרגאָסן די טאָלן אַרום. די פליגל פון די ווינט־מילן האָבן זיך אָפּגעריסן פון די קייטן — און מעל איז דערדום געוואָרן ביוקר. די געציילטע גאָרייער נגידים, וואָס האָבן צוגעברייט עסנוואַרג אין זומער, זענען געזעסן אָפּגעשלאָסענע אין די דירות און פאַרמיטן צו דאַוונען בציבור, נישט אָנצוקוקן די געמיינע לייט און נישט אויסצוהערן זייערע קלאָג־רייד. זיי האָבן געדרימלט, די בעלי־הבתים, אונטער פוכענע איבערבעטן, זיך געקוויקט מיט הייסער גריץ, גערויכערט טאַבאַק און געדענקט אין אַמאָליקע יאַרידים און אין משוגענע פריצים, וואָס האָבן געוואָרפן מיט דוקאַטן. זיי האָבן נישט אָנגעצונדן ביינאַכט קיין ליכט מחמת מורא פאַר גזלנים, תמיד געווען גרייט צו באַגראָבן האָב־און־גוטס און צו אַנטרינען. אין אָרעמע שטובן זענען די טעפּ געשטאַנען ליידיק און קאַלט. די וועגן זיינען געווען צעשטערט און קיין פור האָט זיך נישט באַוויזן. זעלטן האָט אויפגעטויכט אַ פּויער מיט אַ קליין זעקל אויפן רוקן. ער איז געזונקען איבער די קנעכלעך אין זומפּ, גענישטערט צווישן די קלייטלעך און געקווענקלט זיך לאַנג, ביז ער האָט פאַרקויפט דאָס הייפל קאָרן. ווייבער אין גרויסע מאַנסבילשע שטיוול, אין צעריסענע שאַלן אויף די קעפּ, זענען אַרויסגעקראָכן צו אים, ווי ווערעם פון די לעכער, געריסן פון די הענט און געדונגען זיך אַזוי לאַנג ביז די אָנצייניקע מיילער זענען געוואָרן בלוי פון קעלט.

— דראָהאָ, האָספּאָדו! — האָבן זיי גערעדט האַלב יידיש האַלב יוניש — טעמני וויק נאָ טעבע . . . פּרעה׳ס מכות נאָ טוואָיו האָלאָוואו! . . . *)

אין גאָריי איז געווען נישט שטיל. אַ לייפער, וואָס איז אסרו־חג־סוכות אַוועק אין דאָרף, איז מער נישט צוריקגעקומען און מען האָט גערעדט, דאָס די גויים האָבן אים גערצחנט און צוגערויבט דעם האַלבן שאָק גראָשנס. אַ יונג אַן אויפקויפער, וואָס האָט גענעכטיקט ביי אַ היימישן ערל אין אַ שייער, האָט אינמיטן דער נאַכט דערהערט ווי

*) טייערער בעל־הבית . . . אַ פינצטער יאָר אויף דיר . . . פּרעהס מכות אויף דיין קאָפּ . . .

## 4

## *The Old Goray and the New*

October 1666. The rain had been coming down in torrents for a week, and every night that week the wind had blown as fiercely as though seven witches had hanged themselves. The downpour had flooded cellars, washed plaster off walls, put out fires in ovens. In the woods many trees were uprooted. The swift stream that ran near Goray had been blocked in its course and had overflowed the low places. The windmill sails had been torn from their chains, hence meal was dear. The few who were well off in Goray and who had laid in stocks of food during the summer months remained secluded at home, fearful of worshiping in congregation, lest they see the misery of the poor and hear their complaints. They dozed under goosefeather comforters, relished hot grits, smoked tobacco, dreamed of the fairs of old, and the mad, spendthrift gentry. For fear of thieves, they lit no lamps at night and would, at the slightest provocation, have buried their property and goods in the earth and made off. On the stoves of the poor, the pots stood empty and cold. The roads were dangerous, and no wagons dared venture into town. On rare occasions, a peasant carrying a small bag on his back would swim into view. He would sink above his knees in the mud, and plod from shop to shop, deliberating over where to sell his handful of rye. Women in mannish boots, their heads covered with torn shawls, would crawl forth to meet him like worms emerging from their holes. Tugging at his arms they would bargain for hours, until their toothless mouths became blue with cold.

"A black year on you, dear sir," they would cajole, mockingly, half in Yiddish, half in Ukranian. "Pharaoh's plagues fall on your head!"

Goray was unquiet. A runner who had left for a distant village a day after the Feast of Tabernacles had not returned, and it was said that for his thirty-odd groschen the peasants had murdered him. Only by a miracle had a youth who traveled from farm to farm buying up produce escaped disaster. Spending the night in the silo of a peasant he had been wak-

יענער שלייפט די האַק אים צו הרגענען און נאָר דורך אַ נס איז ער באַשירעמט געוואָרן. די שלאַפע זענען געוואָרן פאַרצערט און ביסלעכווייז אויסגעשטאָרבן. גרונם שמש האָט זיך דאַן געפעדערט פאַרטאָג און געקלאַפּט אין אַלע טירן צוויי מאָל מיט זיין הילצערנעם האַמער, צום צייכן, דאָס מען זאָל אויסגיסן דאָס וואַסער פון די טונעס און זיך גרייטן צו דער לוויה. ר' בינוש האָט זיך באַמיט בייצושטיין די אָרעמע־לייט אין זייער נויט. ער האָט איינגעפירט אַ תקנה, דאָס די פאַרמעגלעכע זאָלן געבן מעשר פון געבעקס און גרויפּן, בוינען און אַרבעס, אייל און שייטן האָלץ. יעדן דינסטיק זענען אומגעגאַנגען צוויי גבאים מיט אַ זאַק; אָבער פון וועגן דעם יקרות זענען די לייט געוואָרן קאַרג און האָבן אויסבאַהאַלטן די שפּייז. קיין פלייש וואָלט נישט געווען אויסגע־פעלט, וואָרן קעלבער זענען געוואָרן פאַרקויפט בזול. איז אָבער דער אַלטער שוחט נהרג געוואָרן און קיין נייער האָט זיך נאָך דאָ נישט באַזעצט. האָט מען געוואָלט קוילען אַ רינד — האָט מען געמוזט דאָס טרייבן מיילנווייט ביז אַ שעכטהויז.

נישט צו דערקענען איז געווען גאָריי, די אַלטע יידישע שטאָט. אַמאָל איז אַלץ צוגעגאַנגען מיט אַ סדר. די מייסטערס און זייערע געזעלן האָבן געאַרבעט און די סוחרים האָבן געטריבן האַנדל; די שווערס האָבן געגעבן קעסט און די איידעמס האָבן געלערנט; די יינגלעך זענען געגאַנגען אין חדר און צו די מוידן זענען געקומען רביצינס. אויף אַלע שטאָטישע זאַכן האָבן אַכט־געטון ר' אלעזר באַבאַד

---

און די שבעה־טובי־העיר. האָט עמעץ אָפּגעטון אַ זינד, האָט מען אים גערופן צו בית־דין; האָט ער נישט געפאָלגט דעם פסק, האָט מען אים געשלאָגן מלקות, אָדער צוגעבונדן צו דער קונע אין פאָליש. דאָנערשטיק און פרייטיק פלעגן די נויטבאַדערפטיקע גיין מיט טאָרבעס איבער די הייזער; שבת האָבן גבאיטעס צונויפגענומען חלה און פלייש, פיש און אויבסט. האָט געטראָפן ביי אַ געמיינעם מאַן אַ בתולה איבער די פופצן יאָר, האָט קהל זיך צונויפגעלייגט, געמאַכט אַן אויסשטייער און זי אויסגעגעבן פאַר אַ יתום, אָדער אַן עלטערן ייד אַן אלמן. בלויז פון דרשה־געשאַנק האָט דאָס פּאָר געהאַט עטלעכע יאָר אויסצוקומען. שפּעטער האָט דער מאַן געטון אַ מלאכה, אָדער ער איז אַוועק אויף דער מדינה און מ'האָט אים אַרויסגעגעבן אַ כתב. אַוודאי האָבן אויך געטראָפן אַלערהאַנט שטרויכלונגען. צומאָל פלעגט אויסברעכן אַ קריג צווישן מאַן־און־ווייב און מ'האָט געמוזט פאָרן גטן־זיך קיין יאַנעוו, דען דער טייך אין גאָריי האָט געהאַט צוויי נעמען און מ'האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי צו שרייבן אין גט. ס'פלעגט געשען, דאָס אַ מאַנסביל איז אַוועק און איבערגעלאָזט אַן עגונה, אָדער ר'איז דערטרונקען געוואָרן אין אַ מים שאין להם סוף, און זי האָט נישט געטאָרט חתונה־האָבן. יעדן פאַר־פּסח פלעגט ווערן אַ צאַנקעריי אין גאָריי צוליב דעם יום־טובדיקן

ened by the sound of his host murderously sharpening a hatchet. The feeble wasted away, and one by one they died. Each death brought Grunam the Beadle running through town in the early morning. Hurriedly, he would rap twice on each shutter with his wooden mallet, as a sign that the water was to be poured out of the house's water-run to thwart evil spirits (that no evil spirits might be mirrored there) and the household was to prepare for a funeral.

Rabbi Benish labored to be with the poor in their hour of need. He issued a decree that the wealthy must share a tithe of their bread and grits, yellow peas and beans, linseed oil, and cords of wood. Tuesdays, two public-spirited citizens made the rounds of the town with a bag for the tithe; but the high cost of things had made people mean, and they hid their food. There should have been no lack of meat, since calves were cheap. But the old slaughterer had been killed, and no new one had settled in Goray. Anyone who wanted to slaughter a beast had to drive it to a slaughterhouse miles away.

The old Jewish town of Goray was unrecognizable. Once upon a time everything had proceeded in an orderly fashion. Masters had labored alongside their apprentices, and merchants had traded; fathers-in-law had provided board and lodging, and sons-in-law had studied the holy teachings; boys had gone off to school, and school mistresses had visited the girls at home. Reb Eleazar Babad and the seven town elders had kept a sharp watch on all town affairs. Those who sinned were brought to court; those who did not obey the court's ruling were flogged, or pilloried in the prayer-house anteroom. On Thursdays and Fridays the needy went from house to house carrying beggars' bags, collecting food for the Sabbath; on the Sabbath itself the good women of the town collected white bread and meat, fish and fruit for the needy. If a poor man had a daughter over fifteen years old who was still unwed, the community contrived to arrange a trousseau, and give her in marriage to an orphan youth or an elderly widower. The money that the groom received at the wedding sufficed to support them for months. After that, the man worked at something or other, or went about the countryside with a writ from the community certifying that he was a pauper. Of course, all sorts of misfortunes occurred. At times man and wife fell to quarreling, and they would have to journey to Yanov for a divorce—for the Goray stream had two names, and no one knew which was the proper one to use in locating Goray in the bill of divorcement according to the strict letter of the law. (*"The town of Goray, on the banks of the River thus-and-thus."*) Sometimes a man would go off, leaving his wife behind him, or be drowned somewhere in some body of endless waters whence his corpse might never be recovered. In such a case the widow could not marry again. Every year before Passover there would be a great furor in Goray over the paschal wheat, which the community would give as a concession to some man of influence—who

וריק, וואָס קהל פלעגט פאַרפאַכטן צו אַ תקיף, און יענער האָט געגעבן מעל געמישט מיט קלייען. ס'רוב פלעגט מען אים פאַרשעלטן און ער האָט נישט אויסגעלעבט דאָס יאָר. פונדעסטוועגן איז איבעראיאָר אַ צווייטער להוט געווען נאָך דעם פאַרדינסט. שמחת־תורה האָט מען אין דער שניידערשער שול זיך געשלאָגן צוליב הקפות, און חברה־קדישא האָט זיך אָנגעשיכורט ביי דער סעודה און געבראָכן געפעס. אַ פּאָר מאָל אין יאָר פלעגט ווערן אַן אונטערגאַנג און מענדל באָגרעבער האָט אָפּגעשפּאָרט עטלעכע גילדן. אָבער דאָס איז דאָך דער שטייגער פון דער וועלט. מיט די דאָרף־גויים האָט מען געלעבט אין פרידן, אין שטעטל האָט בלויז געוואוינט אַ שבת־גוי, אַ באָד־גוי און נאָך אייניקע, וואָס זענען געזעסן אין זייטיקע געסלעך, אַרומגערינגלט מיט הויכע צוימען, זיך נישט צו וואַרפן אין די אויגן . . . פאַר חגאות, ווען ס'זענען פאַרבייגעגאַנגען גאָריי גרויסע המונים גויים, האָבן יינגלעך געהאַנדלט מיט פעסער זיס וואַסער. אויף די יאָרידים זענען זיך צונויפ־געפאָרן פויערן פון אַלע דערפער אַרום. פערד האָבן געהירזשעט, קי האָבן געבלעקט, ציגן האָבן געמעקעט. פערד־הענדלער — יידן־גבורים, זומער און ווינטער אין וואַטענע שפּענצערס און שעפסענע היטן — האָבן זיך געיאָגט נאָך צעבריקעטע אָגערס, געשריגן מיט גראָבע קולות, ווי ערלים; קצבים, מיט שפּיציקע מעסערס אויף די לענדן און מיט פאַרבלוטיקטע הענט, האָבן געשלעפּט פאַר די הערנער איינגעשפּאַרטע אָקסן, וואָס האָבן מער נישט געטויגט צום אַקער. ביי די תבואה־סוחרים זענען די שפּייכלערס שטענדיק פול געווען מיטן אויג און ס'האָבן זיך דאָרטן געפיטערט מייז מיט פעטע ווייסלעכע בייכער; אין די שענקען האָט מען דעם אָקאָוויט געמישט מיט גאַנצע עמערס וואַסער. ווי לאַנג דער יאַריד האָט געדויערט, האָבן די כאַמעס זיך פריילעך געמאַכט אויף זייער שטייגער. זיי האָבן געטאַנצט מיט גויעס, געזעצט מיט די פיס אין דיל, געפייפט און געזונגען מגושמדיקע לידער. די שיקסעס האָבן געקוויטשעט און זיך געוויגט אויף די היפטן, די שקצים האָבן זיך געשלאָגן מיט מעכטיקע פויסטן. מיט וואָס האָבן יידן אַלץ נישט געהאַנדלט! מיט געבלימלטע ווייבערישע סיצן און קאָפּטיכלעך; מיט אייערבייגל און לאַנגע קוילעטשלעך; מיט קינדער־שיכלעך און טויכער־שטיוול; מיט בשמים און ניס; מיט אַקער־אייזנס און נעגל; מיט געגילדעטע כלה־געשאַנקען און פאַרטיקע קליידער; מיט גרעגערס פאַר נאַכט־וועכטער און מיט מאַסקעס אויף זיך צו פאַרשטעלן אין ניטל. וויפל מאָל האָט ר' בינוש אַרויסגעגעבן אַן איסור נישט צו האַנדלען מיט זאַכן, וואָס געהערן זיך אָן מיט תיפלה און חגאות. פונדעסטוועגן האָבן יידן שטילערהייט פאַרקויפט טריף־פּסולען מיט געליישטע טאָוועלעך און געגילדטע ווימען, וואַקסענע ליכט און אַפילו הייליקע בילדער מיט רייפלעך אַרום די קעפּ. ערגעץ פאַרדרוקט אין אַ זייט מאַרק זענען געשטאַנען די עטלעכע גאָרייער גויים, האָבן פאַרקויפט ברוינע וואורשטן און ווייס חזיר־פעטס, וואָס זעט־אויס ווי חלב. איז אַמאָל פאַרביי אַ יונגערמאַן אַ מפונק — האָט ער זיך אָנגעכאַפּט ביי דער נאָז מחמת איבל און דערנאָך געטענהט:

— עשיו וויסט וואָס צו פרעסן . . . ס'שטינקט אויף אַ מייל! . . .

פאַרנאַכט זענען די באַלעבאַטישע פויערן זיך צעפאָרן; די אַנגע־

would eventually always be accused of mixing the meal with chaff before selling it. As a rule, he would be roundly cursed and would not live out the year. Nevertheless, the next year another man was always found to profit from the Passover wheat. Every year on the day of the Rejoicing of the Law, there would be a fight in the tailors' prayer house concerning who was to have the honor of being the first to carry the Torah scroll around the lectern. Afterward the burial society would get drunk at the feast and break dishes. Several times a year there would be an epidemic, and Mendel the Gravedigger would end up with a few extra guilders. But such, after all, is the way of the world. The Jews of Goray dwelled in peace with the village Christians; in the town itself there lived only a few gentiles: a Sabbath gentile, to do the necessary work forbidden Jews on the Sabbath, a bath attendant, and a few others who lived in side streets, their houses surrounded by high picket fences so as not to flaunt their presence.

Before the Christian holidays, when large numbers of gentiles passed through Goray on the way to a shrine, young boys were everywhere industriously selling the pilgrims barrelsful of sweetened water. The Goray fairs were famous throughout the countryside. Peasants from all the nearby villages would come riding for the fair. Horses neighed, cows mooed, goats bleated. Horse traders—powerful Jews dressed in heavy jackets and sheepskin hats summer and winter—leaped to grab kicking stallions. They shouted as coarsely as any of the peasants. Bloody-handed butchers, with sharp knives thrust in their belts, would drag by the horn bound oxen who were no longer fit for the plow. In those days the grain merchants' bins were always full, and fat, white-bellied mice dined there; country whiskey at the taverns was mixed with whole buckets of water. All during the fair the children of Ham rejoiced in their own way. They danced with their women, pounding the floor with their feet, whistling and singing coarse songs. The women screamed and shook their hips, the men fought, swinging mighty fists. And what merchandise did Jews not sell! They sold women's flower-patterned shawls and headkerchiefs; egg rolls and long, twisted white breads; children's shoes and wading-boots; spices and nuts; iron yokes and nails; gilded bridal gifts and ready-made dresses; noisemakers for night watchmen, and Christmas Eve masks. True, often enough Rabbi Benish had interdicted Jews' dealing in Christian images. Nevertheless, secretly sales continued of missals with gilded covers and pages, wax candles and even holy pictures of saints with halos round their heads. In some out-of-the-way corner of the fair stood the few Goray gentiles, selling beet-brown salamis and white hog fat. Once a fastidious young man passed by them and conspicuously held his nose, as though something smelled; afterward, he remarked peevishly, "The goy certainly eats well . . . you can smell it for a mile!"

In the evening the sober peasants would ride off.

אין נאענטן וועלן זיך צונויפזאמלען די יידן פון אלע עקן און עס וועט זיין תחית המתים. די גרעסטע רבנים און גאונים גלויבן אין אים און טוען אים אן כבוד.

אבער גריילעך האט געמערט דעם רעש אין גאריי איינער א שד"ר, א ספרדי.

- עס איז געווען אינמיטן ווינטער, טבת־צו, אין א פארנאכט. א גאנצן טאג האט געבלאזן א ווינט, אנגעיאגט פאר די הייזלעך בערגלעך שניי — בלויע, גלאזיקע, שטויביקע, ווי אין מיטן פעלד. שארן קראען זענען געגאנגען וואקלדיק אויף די קורצע פיס, געפיקט ארום א גע־פרוירענער קאץ, שטיל געקראקעט דורך די קרומע שנאבלען, נידעריק געפליגן און געלופטערט די פליגל. אויף די געציילטע שויבן, וואס זענען געבליבן גאנץ אין די פענסטער, זענען אויסגעוואקסן דיקע פראסט־ביימער, איבערגעקערטע ווי פון שטורעם, מיט צעבראכענע שטאמען. די דעכלעך זענען געלעגן נידעריק, הארט ביי דער ערד, און פון יעדן קוימען איז אויפגעגאנגען א רויך, ווייס ווי מילך און געקרויזט, ווי ער זאל זיך אריינבויערן אין הימל. ליכטיקער און גרעסער האבן געציטערט גאטס שטערן, גרין און בלוי צעפינקלט אין חללשער קעלט. ארומגע־דינגלט פון דריי פערלמוטערנע רעדער, וואס האבן אפגעשלאגן אלע פארבן פון רעגנבויגן, איז געשטאנען א געלע לבנה און אראפגעקוקט, ווי אן אויבערשט אויג, אויף יידן, וואס איילן דאווענען מנחה. פלוצים האט מען אין מארק פארנומען דאס שארפע קלינגען פון א גלעקל און עס איז אנגעפארן א לאנגער שליטן. פון שליטן איז אויסגעזעסן א ייד מיט א פארשנייטער בארד, מיט לאנגע פיאות, אין א רויטער פעז אויפן קאפ און אין אן איבערגעקערטן פעלץ מיט ווייזלען. ער האט זיך אומגעקוקט מיט א פאר צעבליצטע שווארצאפלען אין אלע פיר זייטן און געפרעגט:

— ווי גייט מען צום בית־מדרש?

ווען דער אורח האט זיך באוויזן אין מקום קדוש, האט מען געהאלטן צווישן מנחה און מעריב. זיין קומען איז אין אלעמענס אויגן געווען א ווילדער חידוש. אויף דער שוועל איז ער געבליבן שטיין, אראפ־געצויגן די פילצענע שיך און געבליבן בארוועס. דערנאך האט ער אויסגעטון זיין אויבער־מלבוש און עס האט זיך אנטפלעקט א לאנגע זשופיצע מיט שווארצע פאסן, ווי א טלית, און ארומגעגורט מיט א ברייטן ווייס־זיידענעם באפראנזטן גארטל. דער אורח האט לאנג גע־וואשן די הענט און די פיס ביים קופערנעם האנטפאס און געזאגט א תפילה אויף תרגום־לשון. דערנאך איז ער מיט געלאסענע טריט ארויף אויפן באלעמער, געווענדט זיין פנים צו דער מזרח־וואנט און גערופן מיט א ציטערדיק קול:

— יהודים, א בשורה טובה קום איך אייך אנזאגן! פון ירושלים דער הייליקער שטאט!...

גלייך האט מען זיך דערוואוסט אין שטאט פון דעם גאסט, און עס איז געווארן א געדראנג און אן אנגעלויף. נשים האבן זיך אויס־געמישט מיט מאנסלייט, בחורים מיט בתולות זענען ארויפגעקראכן אויף שטענדערס און טישן. אלע האבן אויפגעשטעלט מויל און אויערן. דער פרעמדער האט גערעדט מיט א געבראכענער שטים, ווי זיין קעל וואלט פול געווען מיט טרערן.

— יהודים, — האט ער געזאגט, — איך קום אצינד פון אונדזער הייליק לאנד... איך בין א ספרדי־טהור און בין געשיקט פון מיינע ברידער אין גלות אריין, אייך אנצוזאגן, דאס דער גרויסער תנין, וואס הויערט אין טייך נילוס, איז געווארן אונטערטעניק אונטער די הענט פון שבתי־צבי, אונדזער משיח, דער הייליקער מלך... אינגיכן וועט אנטפלעקט ווערן זיין קעניגרייך און ער וועט אראפנעמען די קרוין פון סולטאן... די יידן פון יענער זייט סמבטיון ווארטן שוין און זענען אנגעברייט צו דער מלחמה פון גוג ומגוג... אריה דביה עילאה וועט נידערן פון הימל און די צוים אין זיין מויל וועט זיין אן עקדיש מיט זיבן קעפ... א פייער וועט גיין פון זיינע נאזלעכער און משיח וועט אויף אים רייטן קיין ירושלים... שטארקט אייך, יהודים, און גרייט אייך צו!... וואויל וועט זיין יענעם, וואס וועט דאס דער־לעבן!...

אין בית־מדרש איז געווארן אזוי שטיל, דאס מען האט מיט איינ־מאל דערהערט, ווי אן איינציקע פליג האט געזשומעט און זיך אנגע־שלאגן אן פענצטער. ווייבער האבן פארבראכן די הענט, אויסגעקרימט די פנימער אזוי, דאס עס איז שווער געווען צו וויסן, צי לאכן זיי, אדער זיי וויינען. יידן האבן פארריסן די קעפ, ארויסגעזעצט די אויגן, צעעפנט די מיילער. א לייכט ברומעניש איז אדורך צווישן עולם, ווי ראש־השנה ביי דער שטילער שמונה־עשרה, ווען מען בלאזט שופר. דער משולח האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטן מיט א פאר ברענענדיקע דורשטיקע אויגן, ווי ער וואלט עמעצן געזוכט.

The greatest rabbis and men of genius believed in this prophet and gave him tokens of their esteem.

But he who raised the tumult in Goray to its highest pitch was a certain rabbinical legate, a Jew from Yemen.

It was midwinter, early one January evening. All day a wind had been blowing, driving hills of snow and piling them up in front of the houses—blue, glassy, filling the air with dust, as in a field. Crows waddled about on their short feet, picked at a frozen cat, cawed with their crooked beaks, and flew low in the air to exercise their wings. Few windowpanes remained whole in their frames, and on these grew complicated frost patterns of trees that seemed to have been turned upside down by the storm, their stocks broken. The roofs hung low, stooping to the earth, and a column of milk-white smoke spiraled from every chimney, as though boring into the sky. God's stars trembled brighter and larger than usual, sparkling green and blue in the atmosphere. Circled by three pearl halos that reflected all the colors of the rainbow, a yellow moon, like an eye, looked down at the Jews hurrying to their afternoon prayers. Suddenly the sharp clanging of a bell was heard in the market place, and a sleigh drove up. A man with a snow-covered beard and long earlocks got out. He was wearing a red turban and a fur coat turned inside out. Darting fiery glances everywhere with his black eyes, he asked: "Where is the study house?"

The newcomer appeared in the holy place between the afternoon and evening prayers. His arrival created a sensation. He stopped at the threshold, where he pulled off his felt shoes and stood in stockinged feet. Afterward, he removed his outer garment, revealing a long smock black-striped like a prayer shawl, and girdled about with an embroidered sash. Washing his hands and feet for a long time at the copper water tap, the newcomer recited a benediction in a language that sounded like Aramaic. Then, ascending the dais with measured step, he turned his face to the eastern wall, and cried out in a trembling voice: "Judeans, I come to bring you good tidings! From Jerusalem our holy city!"

The newcomer's arrival immediately became known in town, and a throng came running to the study house. Womenfolk mingled with menfolk, young men and girls stood up together on reading stands and tables. Everyone gaped and listened. The stranger spoke in a broken voice, one that seemed to be full of tears:

"Judeans," he said, "I come from our holy land. I am a pure-blooded Sephardi. I have been sent by my brothers into the Exile, to tell you that the Great Fish that lurks in the river Nile has succumbed at the hands of Sabbatai Zevi, our Messiah and holy king. . . . His kingship will soon be revealed, and he will take the sultan's crown from off his head. . . . The Jews from the other side of the river Sambation are ready and waiting for the battle of Armageddon. . . . The lion that dwelleth on high will descend from Heaven, in his mouth a seven-headed scorpion. . . . With fire issuing from his nostrils, he will carry the Messiah into Jerusalem. Gather your strength, O Judeans, and make yourselves ready! . . . Happy is the man who shall live to see this!"

The study house became so quiet that a solitary fly could be heard buzzing, beating its wings against the window. Women wrung their hands, and from their grimaces it was difficult to tell whether they were laughing or weeping. There was a sea of startled faces. The crowd stirred, as when the ram's horn is blown on Rosh Hashana. The legate looked about him.

— נסים ונפלאות טוט דער געאַכפּערטער אין ירושלים... אין מירון איז געזען געוואָרן אַ פייערדיקער זייל פון דער ערד ביז צום הימל . . . עס זענען אויף אים אויסגעקריצט געווען מיט שוואַרצע אותיות דער שם־הויה און שבתי צבי... די ווייבער, וואָס זאָגן וואָר פון טראָפּנס בוימל, האָבן געזען אויף שבתי־צבי׳ס קאָפּ די קרוין פון דוד המלך... אַ סך אפּיקורסים לייקענען און ווילן זיך נישט אומ־קערן ביי דער שוועל פון גיהנום... וויי איז צו זיי!... זיי וועלן פאַרפאַלן ווערן אין שאול תחתית!...

— יידן, געוואַ—אַ—אַל—ד! יי—דן! — האָט פּלוצים עמעץ אַ געשריי געטון — אַזוי, גלייך מען וואָלט אים געשטיקט אין דער ענגשאַפט.

דער עולם האָט אַ ציטער געטון. עס איז געווען דער לאָמער מרדכי יוסף, אַ מקובל, מיט אַ געדיכטער פייערדיקער באָרד, מיט לאַנגע ברעמען ווי באַרשטן, אַ פאַסטער, אַ וויינער און אַ כעסן. ביים דאַווענען פלעגט ער קלאַפּן דעם קאָפּ אין דער וואַנט; ביי תחנון איז ער געפאַלן צו דער ערד ווי די פאַרצייטיקע און געקלאָגט אויפן קול. ער האָט געמאַכט הספדים אויף טויטע און פלעגט ערב־יום־כפור שלאָגן מלקות אין פאָליש. ווען ער איז אַריינגעפאַלן אין גרימצאָרן, האָט ער גע־פּאַטשט נישט בלויז יונגעלייט, נאָר אויך אַלטע יידן, און מ׳האָט דערום פאַרמיטן אים צו דערבייזערן. ער איז געווען אַ ברייטער, אַן אומגע־לומפּערטער, מיט צעפלאָסענע רויטע פאות און מיט גרינע אויגן. איצט האָט די קאַליקע מיט איינמאָל גענומען קלעטערן אויפן טיש און אַרויסלאָזן שווערע זיפצן. עטלעכע לייט האָבן אים אַ הויב געטון און אים אַרויפגעשטעלט. ר׳ מרדכי יוסף האָט אַ זעץ געטון מיט זיין קוליע. די צעפליקטע זשופּיצע האָט זיך צעקנעפּלט, די קאָלטענעס זענען זיך צעפלויגן, ווי אין ווינט, און ער האָט פון התלהבות גענומען שלוכצן מיט אַ כאָרכלדיק קול:

— יידן, וואָס שווייגט עץ, יידן! גאולה באה לעולם!... ישועה באה לעולם!...

ער האָט מיט דער לינקער האַנט אַ שלאָג געטון אין קאָפּ אַריין, און מיט איינמאָל גענומען טאַנצן. דאָס שווערע דעמבענע קריקהאָלץ אונטערן אָרעם האָט געקלאַפּט איבערן ברעט ווי אין אַ פּויק, די פאַרקריפּלטע פיס, אין גרויסע שטיוול, האָבן זיך ווי פאַרפלאָכטן, און ער האָט קייכנדיק גערופן אָן אויפהער אַן איין־און־איינציק וואָרט, וואָס קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען. דער משולח האָט זיך אומגעקערט און אָנגעשטעלט אויף אים די צעגלאַנצטע אויגן. ביי ר׳ מרדכי יוספן האָבן די פאָלעס זיך געהויבן אין דער לופט, דער טלית־קטן האָט זיך אָנגעבלאָזן; דעם קאָפּ, וואו ס׳איז געזעסן אַ צעקנוידערטע יאַרמלקע, האָט ער פאַרריסן אויף הינטערוויילעכץ, די הענט האָט ער אויסגע־שטרעקט אין ביידע זייטן, אויסגעקרימט די פינגער אַזוי, גלייך ווי ער וואָלט געפּרואווט אין עפּעס זיך אָנקלאַמערן. מיט איינמאָל האָבן די ווייבער אָנגעהויבן קוויטשען, פון אַלע זייטן האָבן זיך געריסן הענט אים אָנצוכאַפּן. אין דער רגע האָט זיך דערהערט אַ טויבער זעץ. ר׳ מרדכי יוסף איז אַ פאַל געטון מיט דער גאַנצער משא און איז אַנט־שוויגן געוואָרן. דאָס גאַנצע בית־מדרש האָט זיך אַ וויג־געטון צוזאַמען מיטן עולם און מיט די פאַרשוויצטע ווענט. עמעץ האָט געטון אַ הויל:

— געוואַלד! ער חלשט!...

"Wonders and miracles are performed in Jerusalem. . . . In Miron a fiery column has been seen stretching from earth to heaven. . . . The full name of God and of Sabbatai Zevi were scratched on it in black. . . . The women who divine by consulting drops of oil have seen the crown of King David on Sabbatai Zevi's head. . . . Many disbelievers deny this and refuse to turn back at the very threshold of Gehenna. . . . Woe unto them! They will sink and be lost in the nethermost circle of Sheol!"

"Jews! Save your-selves! Jew-ws!" someone suddenly shouted, as though he were choking.

The crowd shuddered. It was lame Mordecai Joseph, a cabalist, with a thick, fiery beard and bushy eyebrows, a faster, a weeper, an angry man. As he prayed he would beat his head against the wall; on the Days of Awe he would fall to the ground at the Prayer of Petition, like the men of old, and groan out loud. He delivered funeral orations and on the eve of Yom Kippur flogged men in the prayer-house anteroom. When he fell into a fierce mood he would slap not only the young but the old as well; therefore none dared cross him. Mordecai Joseph was broad-framed, ungainly, with unkempt red earlocks and green eyes. And now, breathing hard, the cripple began to clamber up a table. Those close by lifted him so that he could stand. Reb Mordecai Joseph banged the table with his crutch. His stained coat came unbuttoned, his unkempt locks flew about wildly, and he began in his passion to stutter and gasp.

"Jews, why are you silent? Redemption hath come to the world! . . . Salvation hath come to the world!"

He beat his forehead with his left hand and all at once began to dance. His oaken crutch drummed, his large foot dangled, and, gasping, he cried one and the same phrase over and over again, a phrase which no one was able to make out.

The legate turned and fixed his bright eyes on Mordecai Joseph. The tails of Mordecai Joseph's coat swung through the air, his vest billowed about him; he pushed the crumpled skullcap back on his head, stretched out both arms, the fingers curling. Women screamed; from every side hands reached for him. Suddenly Reb Mordecai fell his full length to the ground. The whole study house swayed with the crowd and the sweating walls. Someone shouted, "Help! He has fainted!"

## ו

## ר׳ מרדכי יוסף

ר׳ בינוש פלעגט דאַווענען מנחה־מעריב פאַר־זיך, אין בית־דין־שטוב. ווען עס איז דערגאַנגען צו זיינע אויערן דאָס, וואָס איז היינט פאָרלאָפן, האָט ער געאיילט אין בית־מדרש. אָבער ס׳איז דאָרט שוין געווען ליידיק. נאָך דער דרשה פון דעם משולח איז דער עולם גיך אַוועק אַהיים, ווי נאָך אַ תענית, איבערצורעדן מיטן הויזגעזינד וועגן דער בשורה. אייניקע זענען אַוועק מיטן משולח אין גאַסט־הויז; אַנ־דערע זענען מיטגעגאַנגען צו ר׳ מרדכי־יוספן אין הויז, וואו מ׳האָט אים לאַנג געמוזט רייבן מיט שניי, שטעכן מיט שפּילקעס און קנייפּן, ביז

## 6

## *Reb Mordecai Joseph*

It was Rabbi Benish's practice to say his afternoon and evening prayers by himself in his study. When the news reached his ears he hurried to the prayer house. But it was already empty. Everyone had hurried home after the legate's sermon to discuss the news in the midst of the family. A few people accompanied the legate to the inn; others went to the house of Reb Mordecai Joseph. They had to rub Mordecai Joseph with snow for a long time, to prick him with needles and pinch him hard before he was

געדרייט אויף איין אָרט. ערגעץ פון צווישן אנגעיאָגטע שניי־בערגער, ווי אַ מדבר, האָט אויפגעטויכט אַ פאַרוויטער ייד, זיך געהוידעט, אונ־טערגעטוקט און צוריק אויפגעקומען, ווי ער זאָל שווימען. ר׳ בינוש האָט אַ בליק געטון צום פאַרטאָגישן הימל און פאַרגלייזט די אויגן:

— רבונו של עולם, העלף!...

נישט עמעץ האָט שפּעטער זיך דערוואוסט, וואָס ר׳ בינוש האָט גערעדט, און נישט — וואָס דער משולח האָט אים אָפּגעענטפערט. בלויז איינס איז מען געוואָר־געוואָרן: דאָס דער שד״ר איז באַלד אינדערפרי אומגעזעגנט אַוועקגעפאָרן, מיטן אייגענעם שליטן, וואָס ער איז אויף אים געקומען. עס איז שוין געווען שפּעט אין טאָג אַריין, ווען די שמועה האָט זיך פאַרשפּרייט, דאָס דער משולח איז נעלם געוואָרן. גרונם שמש האָט דאָס אַליין דערציילט אין בית־מדרש, כלומרשט מעשה תם, מיט אַ גנבהש שמייכעלע אין זיין לינק שיקלדיק אויג. ר׳ מרדכי־יוסף, וואָס איז יענעם טאָג, ווי אַלעמאָל, געקומען צו גיין מיטן מאָרגנ־שטערן צוגלייך און זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל לערנען ספר־יצירה, איז שטאַרק בלאַס געוואָרן. ער האָט גלייך פאַרשטאַנען, ווער ס׳איז דערין שולדיק, און זיינע ברייטע האָריקע נאָזלעכער האָבן זיך אָנגע־בלאָזן פון כעס.

— יידן, ס׳איז בינושעס מלאכה! — האָט ער אַ געשריי געטון און אויפגעהויבן די קוליע, ווי עמעצן צו דערלאַנגען — בינוש האָט אים פאַרטריבן!...

ר׳ מרדכי־יוסף איז געווען דעם רבס אַ שונא פון אַלטע צייטן. ער האָט פיינט געהאַט דעם רב פאַר זיין לומדות, אים נישט פאַרגונען זיין גרויסן נאָמען, און קיינמאָל נישט פאַרפעלט אויסצורעדן אויף אים ביז. ביי יעדן מחלוקת פאַר־פּסח האָט ער געהעצט דעם עולם, מ׳זאָל אויסשלאָגן ביי ר׳ בינושן די שויבן, געשריגן, דאָס דער רב האָט אין זינען בלויז דעם אייגענעם כבוד, גיט נישט אַכט אויף דער שטאָט. דער עיקר האָט ר׳ מרדכי־יוסף געצומען פאַר איבל, פאַרוואָס ר׳ בינוש דערלויבט נישט צו לערנען קבלה, און ער האָט אים דערום אָנגערופן ביים בלויזן נאָמען, אָן דעם רב. איצט האָט ר׳ מרדכי־יוסף געקלאַפּט מיט דער פויסט אין שטענדער און גלייך אָנגעצונדן אַ פייער פון מחלוקת.

— בינוש איז אַ כופר בעיקר! האָט ער געשריגן. אַ פּושע באלקי ישראל!...

אַן אַלטער בעל־הבית, דעם רבס אַ מענטש, איז צוגעלאָפן צו מרדכי־יוספן און אים דערלאַנגט צוויי פּעטש. דערפון האָט יענעם גלייך זיך אַ לאָז געטון דאָס בלוט פון דער נאָז. עטלעכע יונגעלייט זענען אויפגעשפּרונגען פון די ערטער, זיך געכאַפּט צו די גאַרטלען. דער חזן האָט געקלאַפּט אין עמוד, מ׳זאָל לאָזן דאַווענען, אָבער קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. יידן מיט גרויסע שוואַרצע של־ראשן אויף די קעפּ, די הענט אַרומגעוויקלט מיט ברייטע רצועות, האָבן זיך געשטופּט, אויסגערעדט אין מיטן די תפילות. אַ הויכער ייד, שיר נישט ביז צום באַלקן, אַ שוואַרצער, מיט אַ קליין אויסגעצופּט בערדל, האָט גענומען שאָקלען זיך ווי אַ בוים אין ווינט, און שרייען:

— אַ חילול־השם! בלוט אין בית־מדרש! וויי־וויי!...

— בינוש איז אַן אפיקורס! — האָט מרדכי־יוסף אַ בריל געטון, אויסגעבויגן זיך פאָרויס און גענומען משוגע־גיך האָצקען אויף זיין קוליע, ווי ער וואָלט עמעצן אָקעגנגעלאָפן. — אויסגעריסן זאָל ער ווערן!... ביזן וואָרצל!...

אויף דער פייער־רויטער באָרד האָבן געציטערט טראָפּנס בלוט. דער קורצער שטערן, געל־געגאַרבט, ווי פון פאַרמעט, איז פול געווען מיט טיפע קנייטשן. ר׳ סנדרל זשילקעווקער, דעם רבס אַ שונא פון אַלטע צייטן, האָט מיט איינמאָל אויסגערופן:

— ר׳ בינוש קאָן זיך נישט שטעלן קעגן אַ וועלט!... ער איז אַלעמאָל געווען פון די קטני־אמנה!...

— שייגעץ! — האָט עמעץ געשריגן, און ס׳איז שווער געווען צו וויסן, צי מיינט ער דעם רב, אדער זיינע מתנגדים.

— עוכר ישראל!

— חוטא ומחטיא את הרבים!

— רשע מרושע!

— טמא!

— געוואַלד, יידן, ס׳ברענט! האָט מרדכי־יוסף נישט אויפ־געהערט צו פּאַכען מיט די פויסטן. — בינוש כלב לייקנט אין משיחן!...

— שבתי צבי איז אַ פאַלשער משיח! האָט עמעץ אַ רוף געטון מיט אַ דין, יינגלעריש קולכל.

keep warm. Somewhere from behind the snow hills, as huge as sand dunes, a man rose into view, windblown, dipped out of sight, and then emerged again, like a swimmer. Rabbi Benish glanced at the early morning sky. Fixing his gaze inwardly, he cried, "Master of the Universe, help us!"

No one ever learned what Rabbi Benish said that morning, nor what the legate replied. But one thing soon became common knowledge: the legate rode away with no farewells from Goray, in the same sleigh in which he had arrived. It was late afternoon when the news spread that the legate had disappeared. It was Grunam the Beadle who imparted the information, with a stealthy smile in his left eye. Reb Mordecai Joseph blanched. He gathered immediately who was responsible for the legate's departure, and his nostrils dilated with anger.

"Benish is to blame!" he screamed, and lifted his crutch threateningly. "Benish has driven him off!"

For many years Reb Mordecai Joseph had been the rabbi's enemy. He hated him for his learning, envied him his fame, and never missed an opportunity to speak evil of him. At the yearly Passover wrangle he would incite the people to break Rabbi Benish's windowpanes, crying that the rabbi had only his own reputation in mind and gave no thought to the town. The thing that chiefly vexed Reb Mordecai Joseph was that Rabbi Benish forbade the study of the cabala; in defiance Reb Mordecai Joseph called the rabbi by his first name. And now Reb Mordecai Joseph hammered on his lectern, inciting controversy.

"Benish is a heretic!" he shouted. "A transgressor against the Lord of Israel!"

An old householder who was one of the rabbi's disciples ran over to Mordecai Joseph and struck him twice. The blood streamed from Mordecai Joseph's nose. Several young people jumped up and grabbed their belts. The cantor pounded on the stand, and commanded them not to interrupt the prayers, but he was ignored. Men wearing the large black phylacteries on their heads, and with the broad phylactery thongs wound around their arms, milled about, pushing one another. A tall, black-complexioned man, whose head almost reached the ceiling, began to waver like a tree in the wind, and cried: "Sacrilege! Blood in the study house! Woe!"

"Benish is a heretic!" roared Mordecai Joseph.

Holding on to his crutch he bent over and hopped forward with insane speed.

"May he be torn from the earth . . . root and all!"

Drops of blood shimmered on his fire-red beard; his low forehead, parchment-yellow, was furrowed. Reb Senderel of Zhilkov, an ancient foe of the rabbi, suddenly screamed: "Rabbi Benish cannot oppose the world! He has always been a man of little faith!"

"Apostate!" someone shouted, it was hard to tell whether referring to the rabbi or his opponents.

"Disrupter!"

"Sinner that leadeth the multitude to sin!"

"The world's aflame!" Mordecai Joseph kept pounding with his fists. "Benish, the dog, denies the Messiah!"

"Sabbatai Zevi is a false Messiah!" a high, boyish voice cried out.

אַלע האָבן זיך אומגעקוקט. עס איז געווען חנינא בטלן, אַ יונגער גרוש און אַ פרעמדער, וואָס איז אין גאָריי געזעסן און געלערנט און דערפאַר באַקומען טעג. ער איז געווען איינער פון ר' בינושעס עלוישע תלמידים — אַ הויכער, אַן אויסגעוואַקסענער, אַ קורצזיכטיקער, מיט אַ לאַנג בלאַס פּנים, דער קין פול מיט וואָרצלען געלע האָר. די זשופּעצע זיינע איז אַלעמאָל געווען צעהעקלט, דער שפּענצער — אָפן, און מ'האָט אַרויסגעזען אַ דאַרע האָריקע ברוסט. איצט איז ער געשטאַנען איינגע־בויגן איבער זיין שטענדער, געבלינצלט מיט די קליינע בלינדלעכע אויגן, נאַריש צוגעשמייכלט און געוואַרט, עס זאָל עמיצער קומען פירן מיט אים אַ וויכוח און ער זאָל קענען אַרויסווייזן זיין וואוילקענעוודיקייט. מרדכי־יוסף, וואָס האָט אויף אים אַלעמאָל געהאַט אַ האַרן פאַר די הונדערטער בלעטער גמרא, וואָס ער האָט געקאָנט אויסנווייניק, און פאַר זיין מישן זיך, וואו ער דאַרף נישט, האָט פּלוצים אַ שפּרונג־געטון קעגן אים מיט יענער גיכקייט פון הינקענדיקע ווען זיי צעקאָכן זיך און פאַרגעסן אין זייער מום.

— דו אויך, פאַרשטונקענע נבלה? — האָט ער אַ קוויטש געטון.

— נעמט אים, יידן!...

עטלעכע יונגעלייט פון מרדכי־יוספס צד זענען צוגעלאָפן, אַ כאַפּ־געטון חנינאַן ביים לייבסערדאַק און גענומען אים שלעפּן. חנינא האָט געעפנט דאָס מויל אַ געשריי צו טון, זיך געריסן, געדרייט מיטן לאַנגן האַלז און געפאָכעט מיט די הענט, ווי עמעץ, וואָס טרינקט זיך. די זשו־פּעצע האָט זיך אים צעריסן אויף שטיקער, די יאַרמלקע איז אים אַראָפּגעפאַלן. פון געגאָלטן, טרעפּיקן קאָפּ האָבן זיך נאָכגעבאָמבלט צוויי לאַנגע צעשויבערטע פּאות. ער האָט געפּרואווט זיך ווערן, אָבער קעסט־קינדער האָבן אים שוין מיט געניטשאַפט געהאַלטן ביים קאָפּ, געפּאַטשט אין אים מיט זייערע ווייכע הענט, ווי אין טייג. מרדכי־יוסף אַליין האָט אויך געהאָלפן טראָגן ביי איין פוס, נישט געוואָלט היזק־האָבן די מצווה, געשפּיגן אויף אים און אויסגעקניפּט שטיקער פלייש. באַלד איז חנינא געלעגן אויפן טיש. מ'האָט פאַרהויבן די פּאָלע. מרדכי־יוסף איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אים מכבד געווען.

— זה כפּרתי! — האָט ער געזאָגט, פאַרשאַרצט דעם אַרבל, ווי אַ שוחט, און דערלאַנגט מיט אַזאַ כוח, דאָס חנינא דער שלים־מזל האָט מיט איינמאָל זיך צעוויינט, ווי אַ חדר־ייִנגל, מיט אַ קוויטשל.

— זה חליפתי! — האָט מרדכי־יוסף גערופן מיט אַ זיפץ און אַ פּלעם געטון נאָכאַמאָל.

— זה התרנגול ילך למיתה! — האָט עמעץ אָפּגעענטפערט, און מיט איינמאָל האָבן אויף חנינא בטלן גענומען פאַלן פּעטש, ווי אַ האָגל. חנינא האָט געטון אַ כאָרכל און זיך פאַרקייכט.

ווען מ'האָט חנינאַן אַראָפּגענומען פון טיש, איז זיין פּנים געווען בלוי, דאָס מויל — פאַרהאַקט. גלייך האָט אַ בחור געבראַכט אַ קוואַרט וואַסער און אים אָפּגעגאָסן פון קאָפּ ביז די פיס. חנינא האָט זיך געטון אַ וואָרף ווי אין נכפּה און איז געבליבן ליגן אויף דער ערד אַן אויס־געצויגענער, אַ צעבלוטיקטער, ווי אַ הרוג. אַ שרעק האָט אַלע אַרומ־גענומען. די איינציקע יידענע, וואָס האָט גראָד געדאַוונט אין ווייבער־שול, האָט גענומען רייסן די קראַטע און יאָמערן. מרדכי־יוסף האָט צוריקגעהונקען הינטערווילעכץ, אַ קלאַפּ געטון מיט דער קוליע, און דאָס שטיקל פּנים, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פון דער האָריקער געדיכטעניש, איז געווען ווייס ווי קאַלך.

— שם רשעים ירקב! — האָט ער געזאָגט. — זאָל ער וויסן, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט!...

Everyone looked around. It was Chanina, the charity scholar, a young divorced man and a stranger, who sat in Goray studying and lived off the community. He was one of Rabbi Benish's brilliant students—tall, overgrown, nearsighted, with a long, pale face and a chin sprouting with yellow hair. His coat was always unfastened, his vest open, showing a thin, hairy chest. Now he stood there, bent over his study stand, his near-blind eyes blinking, waiting with a silly smile for someone to come and argue with him, so that he could show how learned he was. Mordecai Joseph, who bore Chanina a grudge on account of the many folios of the Talmud he knew by heart and because he was always mixing in where he had no right, suddenly sprang at Chanina with that agility the lame display when they flare up and forget their defect.

"You, too!" he screamed. "Take him, men!"

Several young men ran over to Chanina, grabbed hold of his shirt and began to drag him off. Chanina opened his mouth, shouted, tried to tear himself loose from their grip, twisted his long neck back and forth, and flailed about him with his arms, like a drowning man. His coat was torn, his skull cap fell off. Two long, tousled earlocks dangled from his shaven scalp. He tried to defend himself, but the charity students were quick to hold his head, punching him with their weak hands as they helped carry him, as though they were kneading dough. Mordecai Joseph himself proudly helped carry Chanina by the legs, spitting into his face and pinching him viciously. Soon Chanina was lying on the table. They lifted his coat tail. Mordecai Joseph was the first to do the honors.

"Let this be in place of me!" he cried, in the words of the Yom Kippur scapegoat ritual. He rolled up his sleeves, and gave Chanina so hard a blow that the unlucky youth burst all at once into tears, like a school boy, and whimpered.

"Let this be instead of me!" Mordecai Joseph exclaimed with a sigh and again struck Chanina.

"Let this fowl go to his death!" someone cried responsively, and a hail of blows fell on the idle scholar. Chanina gave a hoarse cry and began to gasp.

When they took him from the table, his face was blue and his mouth clenched. A boy immediately fetched a vessel of water and poured it over Chanina, drenching him from head to foot. The young man jerked spasmodically and remained full length on the ground. There was a terrified silence in the study house. The one woman who happened to be in the women's gallery pulled at the grate and sobbed. Mordecai Joseph limped back, beating the floor with his crutch, and his face behind the thicket of his beard was chalk-white.

"Thus rotteth the name of the wicked!" he said. "Now he shall know that there is a God who rules the world!"

## ז

## ר' אלעזר באַבאַד און זיין טאָכטער רעכעלע

ר' אלעזר באַבאַד איז זעלטן געזעסן אין דער היים. דער ייד האָט זיך געמאַכט אַ פירעכץ אַרומצוגיין איבער די דערפער. ער טוט אָן זיין אַלטן וואַטענעם איבערציער, שטופּט אַריין שטרוי אין די שיך, נעמט אין איין האַנט אַ זאַק, אין דער אַנדערער — אַ שטעקן, און וואַנדערט איבער וועגן און שטעגן. ער טרייבט פון זיך די הינט, ווי אַ בעטלער, און נעכטיקט ביי די פּויערן אין די שייערן און אויף היי־בוידעמס. לייט זאָגן, אַז ער מאָנט־אויף אַלטע שולדן נאָך פון פאַר שנת ת"ח; אַנדערע וויסן צו דערציילן, אַז ער וויל אַזוי־אַרום אָפּקומען פאַר אַ באַהאַלטענער זינד, וואָס מאַטערט זיין נשמה. רעכעלע, זיין איינציקע טאָכטער, בלייבט

## 7

## *Reb Eleazar Babad and His Daughter, Rechele*

Reb Eleazar Babad was seldom at home. It was his practice to move about from village to village. He would put on his heavy coat, stuff straw in his shoes, and, with a sack in one hand, a stick in the other, take to the paths and byways. Like a beggar he would drive off the hounds with his stick and sleep nights in the haylofts of peasant barns. Some said that Reb Eleazar went to collect old debts due him from before 1648; others were certain that he wandered this way as a penance for the sins that were wearying his spirit. Rechele, his only daughter, remained at home

איינע אַליין אין דער היים. גאַנצע טעג זיצט זי אויף אַ פוסן־בענקעלע קעגן קוימען און לייענט אין די ספרימלעך, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון דער פרעמד, און מ׳זאָגט וועגן איר, דאָס זי איז אַ וואוילקענערין אין לשון־קודש. מען דערציילט אַפילו, אַז דאָס מיידל זאָל האָבן אין לובלין געלערנט לאַטייניש ביי אַ דאָקטאָר. גאָרייער בעל־הביתטעס האָבן שוין געפּרואווט דערנענטערן זיך צו איר און געקומען צוגאַסט, אָבער זי האָט נישט געזאָגט סקאַצל־קומט, נישט געבעטן זיצן און עפּעס באַהאַלטן פאַר זיי אין בוזעם. יונגע ווייבלעך אין גזרה־קאָפּקעלעך, — ס׳רוב מיט פאַרריסענע פאַרטוכער איבער די מעוברתדיקע בייכלעך — זענען געקומען איר פריילעך מאַכן, שפּילן מיט איר אין ציכן און רעדן וועגן שידוכים, ווי עס איז דער שטייגער פון יונגפרויען. אייניקע האָבן מיטגענומען אין שקעטעלעך דאָס צירונג אויף צו באַרימען זיך, אָדער גאָר די קנוילן וואָל און די שפּיזלען, צו באַווייזן זייער טויגעוודיקייט אין שטריקן. נאָר רעכעלע איז געבליבן זיצן ביים קוימען, זיי נישט אַקעגנגעגאַנגען און נישט אָפּגעווישט פאַר זיי די נאַסע באַנק. זי האָט פאַרטוישט זייערע נעמען און זיך אויפגעפירט אַזוי שטאָלץ, אַז די ווייבלעך האָבן אָנגעהויבן לאַכן און שפּעטן. איידער זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען, האָט די לעצטע צו איר אַ רוף־געטון הינטער דער טיר:

— זיי נישט אַזוי תקיף, רעכעלע! . . . דיין טאַטע איז מער נישט קיין אלוף, נאָר אַ קבצן! . . .

רעכעלע איז, נישט פאַר קיינעם געדאַכט, אַ שלאַפע, און דעריבער מוז מען איר אַ סך פאַרגעבן. דאָס קליינע ווייבעלע, די עגונה, וואָס גייט אום יעדן דאָנערשטיק איבער די הייזער קנעטן די מולטערס מיט טייג, דערציילט, אַז רעכעלע עסט ווייניקער פון אַ פליג און האָט די צייט איינמאָל אין דריי חדשים. זי שלאָפט ביז שפּעט אין טאָג אַריין און פאַרשפּאַרט ביינאַכט די טיר מיט העלצער מחיצות פורכט. די אלמנה, וואָס וואוינט הינטער ר׳ אלעזרס מויער אין אַ האַלב־איינגלייגט הייזל, רוימט־איין אין די אויערן, אַז רעכעלע קומט קיינמאָל נישט אַראָפּ אין הויף צו טון איר באַדערפעניש . . .

רעכעלע איז געקומען אויף דער וועלט שנת ת״ח, אין גאָריי, עטלעכע וואָכן פאַר די שחיטות. ווען די הײדאַמאַקעס האָבן באַלאַגערט זאַמאָשטש, איז די מוטער אַנטלאָפן פון גאָריי מיט דעם פּיצעלע אויף די הענט און איז נאָך לאַנגע וואָגלענישן אָנגעקומען קיין לובלין. פינף יאָר איז די קליינע אַלט געווען, ווען די מאַמע האָט אויסגעהויכט די נשמה. ר׳ אלעזר מיט דער משפּחה זענען געווען אין וולאָדאַווע און בלויז רעכעלע איז געבליבן אין לובלין ביי אַ פעטער אַ שוחט — אַן אַלמן. ער איז געווען אַ הויכער, מיט געדיכטע ברעמען איבער די רויטע בייזע אויגן, מיט אַ שוואַרצער באָרד ביז די לענדן, אַן אָפּגעזונדערטער און אַ שוויגער. אין דעם קליינעם קעמערל אין הויף, וואו ער פלעגט שעכטן, איז שטענדיק געשטאַנען אַ באַליע מיט בלוט און ס׳זענען אַרומגעפלויגן פעדערן. ביי טאָג איז דאָרט געווען טונקל ווי פאַרנאַכט, און אָוונט האָט געברענט אַ קליין אייל־לעמפּל. קצב־יונגען אין רויט־פאַרשפּריצטע שפּענצערס און מיט מעסערס אויף די לענדן האָבן זיך דאָ אַלעמאָל געדרייט, געשריגן מיט גראָבע גויאישע קולות. געשאָכטענע הינער האָבן זיך געוואָרפן אויף דער דורכגעווייקטער ערד, האַסטיק געפּאַטשט מיט די געפּענטעטע פליגל, ווי אַוועקצופליען געקוילעטערהייט, און געפּאַכעט מיט די איבערגעשניטענע העלדזער. קעלבער די פיס געבונדן מיט שטרוי — האָבן פאַרלייגט די קעפּ איינעם אויפן אַנדערן און אַזוי לאַנג געקלאַפּט מיט די כשרע טלאָען, ביז זייערע אויגן זענען פאַרגלייזט געוואָרן. אַן אַנדער מאָל האָט רעכעלע געזען, ווי צוויי אויסגעשמירטע קיילער־יונגען האָבן אָפּגעשונדן אַ ציג און זי געלאָזט ליגן אָפּגעשיילטערהייט, מיט אַרויסגעזעצטע פאַרחידושטע שוואַרצאַפּלען און מיט אַרויסגעשטעלטע ווייסע ציין, ווי אין אַ מין טויטן שמייכל.

all alone. For days on end she sat on a foot bench facing the hearth, reading the volumes she had brought from distant cities, and it was rumored that she was versed in the holy tongue. Some even went so far as to declare that she had learned Latin from a physician in Lublin. Goray housewives had sought to be friendly with Rechele and had paid her courtesy visits, but her response had not been the usual "God bid ye welcome." She had not urged them to be seated but had hid something from them in the bosom of her dress. Young matrons in silk bonnets, usually with aprons bulging over their pregnant bellies, came to amuse Rechele, to play at bones with her, and to chat about prospective matches, as young women will. Some of them brought their jewels along in caskets in order to preen themselves; others had balls of wool and knitting needles, to show how capable they were. But Rechele sat at the hearth, never rising to greet them, not even wiping the benches dry for them to sit upon. She confused their names, acted so haughtily that the women began to laugh and mock her. Before leaving, the last of the visitors called to Rechele from the other side of the door: "Don't be so high and mighty, Rechele! Your father isn't rich any longer; you're a pauper now!"

Rechele (God save us!) was sickly, and much had to be forgiven her. The woman who went from house to house Thursdays to knead the troughs of dough for the Sabbath reported that Rechele ate less than a fly; she had her period every three months. She slept late in the morning and barricaded her door at night with wooden crossbars. A neighbor that lived behind Reb Eleazar's brick house in a dwelling that had half settled in the earth whispered that Rechele never went into the yard to relieve herself. . . .

Rechele had been born in Goray in 1648, a few weeks before the massacre. When the *haidamaks* had besieged Zamość, her mother had fled with the infant in her arms, and, after many trials, had arrived in Lublin. The little one had been five at her mother's death, and Reb Eleazar had been in Vlodave with the rest of the household at the time. Rechele alone had remained in Lublin at the home of an uncle, Reb Zeydel Ber, who was a ritual slaughterer. He was a tall man with thick eyebrows above red eyes, and a black beard that reached to his waist, a taciturn widower who kept to himself. In the booth in the courtyard where he did his slaughtering there was always a wooden bucket full of blood, and feathers flew about constantly. Here day was as dark as night when a small oil lamp burned. Butcher boys in red-spattered jackets, with knives thrust in their belts, moved about, shouting coarsely. Slaughtered chickens threw themselves to the blood-soaked earth, furiously flapping their pent wings, as though trying to fly off. Calves, whose legs were bound with straw, laid their heads on one another's necks and pounded the earth with their split hooves, until finally their eyes glazed. Once Rechele saw two blood-smeared butcher boys skin a goat and let it lie there with eyeballs protruding in amazement and white teeth projecting in a kind of death-smile.

Rechele was terrified of Reb Zeydel Ber. He had never remarried, and had no children. The house was kept by his mother-in-law, a woman nearly ninety, deaf, with a waxen, shriveled face, full of moles and clumps of yellowish hair. The ancient stone house where they lived had thick walls and small high windows near the vaulted ceiling. It stood somewhere on the edge of town, near the graveyard. The doorway was low and dark as a cave, and faced a dead-end street. The court was rolling and hillocky, full of pits, and all manner of rags, feather dusters, and rotted sacks were scattered about. Reb Zeydel occupied two rooms, with an entrance off a narrow vestibule. He slept in one of the rooms, which had a wide canopy bed hung with faded red satin draperies, a prayer stand, and a book chest. When Uncle was not busy in his slaughter hut he would sit in his bedroom on a shoemaker's round stool and sharpen the greenish blades of his knives on a large, smooth stone. He would test the edges with the nail of his right index finger—allowed to grow long for just that purpose—and listen with his long, hairy ear for sound of a defect in the blade. At other times he would mumble over a holy volume, or prop his forehead on a fist and doze off.

The anteroom held the household necessaries: a water tun and a large vessel for washing pots and dishes, two benches—one for dairy food, the other for meat—and a broom leaning on a swill heap. The old woman cooked in a deep sooty oven, constantly occupied with long paddles, and eternally muttering. Whenever Rechele wanted to go outside to play, Granny would grab the child with her bony hands, pull her hair, and hiss at her.

"Sit down, you monster!" she would cry, and pinch Rechele black and blue. "Throw fits and jump as high as a house! May the fit carry you off!"

Rechele was a stubborn and contrary child; she would not let Granny delouse her, and the old woman had to beat her with a block of wood. In the trough that held the wash water there was always a switch soaking with which the old woman would flog the girl for her wantonness. Every Friday afternoon the old woman would force Rechele to put her head into the trough, now filled with hot water, and Rechele would scream until she was hoarse. To persuade Rechele to remain at home and not go wandering off, the old woman took to terrifying the child.

She persuaded Rechele that there were graves in the yard where ghosts flew about ceaselessly, seeking bodies to enter. She put a great apron on Rechele as a charm, so that no unholy spirit might possess her, and hung a linen sack with a wolf's tooth in it around her neck. Whenever Granny went away she latched the door from the outside with a wooden peg. Little light entered through the small, dust-covered window near the rafters, and an oil-dipped wick burned constantly in a clay shard. Mice were forever scratching in the narrow, crowded bedroom, and there were other small sounds as though a hand groped its way through the darkness. There was an opening high above the anteroom hearth. Whenever it smoked a chimney sweep would be summoned, who would scramble up and shout down at the old woman as he worked. His eyes all white as though the eyeballs were turned up, he would grimace blackly, like a devil. Granny would stand below him and shake her small fist.

ר' זיידל־בער האָט געהייסן דער פעטער, און רעכעלע האָט מורא געהאַט פאַר ר' זיידל־בערן. קיין צווייט ווייב האָט ער נישט גענומען, קיין קינדער האָט ער נישט געהאַט. די שטוב האָט געפירט זיין שוויגער, אַ זקנה פון קנאַפּע הונדערט יאָר, אַ טויבע, מיט אַ געל פּנים ווי וואַקס, איינגעשרומפּן און פול מיט וואַרצלען און בינטלעך איבלדיק־געלבלעכע האָר. די מויער, וואו זיי האָבן געוואוינט, איז געווען זייער אַן אַלטע, מיט דיקע ווענט און מיט קליינע פענצטערלעך אינדערהויך, ביים געוועלבטן באַלקן. זי איז געשטאַנען ערגעץ אין עק שטאָט, נישט ווייט פון בית־עולם. דאָס טיפע טויער איז געווען אַ נידעריקס און אַ פינצטערס ווי אַ הייל, מיט אַ שמאָל טירל אַרויסצוגיין אין אַ בלינד געסל. די ערד אין טויער איז געווען בערגלדיק און טאָליק, פול מיט לעכער, און ס'האָבן זיך דאָ אַרומגעוואַלגערט אַלערליי שמאַטעס, פלעדערווישן און פאַרפוילטע זעק. ר' זיידל־בער האָט באַוואוינט צוויי חדרים, מיט אַן אַריינגאַנג פון אַ שמאָלער נישע. אין איין שטוב איז געשלאָפן ר' זיידל־בער. ער האָט דאָרט געהאַט שטיין: אַ ברייט הימלבעט, באַהאָנגען מיט פוירהאַנגען פון רויטן אָפּגעקראָכענעם סאַמעט, אַ שטענדער און אַ ספרים־אַלמער. ווען דער פעטער איז נישט געווען פאַרנומען אין קעמערל מיט דער שחיטה, פלעגט ער דאָ זיצן אויף אַ קײַלעכדיק בענקל, ווי פון אַ שוסטער, שלייפן די חלפים מיט די גרינלעכע שאַרפן אויף אַ גרויסן פלאַטשיקן שטיין, פרואוון זיי מיטן איינציקן שפּיציקן נאָגל פון רעכטן ווייזפינגער און צוהערן זיך מיטן לאַנגן האָריקן אויער, אויב ס'איז נישטאָ קיין פּגם. ווען נישט — האָט ער אַריינגעברומט אין אַ ספר אָדער אָנגעשפּאַרט דעם שטערן אָן אַ פויסט און אַזוי־אַרום געדרימלט. אין דער ערשטער שטוב איז געווען דאָס באַלעבאַטישקייט. דאָ זענען געשטאַנען: אַ וואַסער־טון און אַ שאַף צו וואַשן דאָס געפעס, צוויי בענק, אַ מילכיקע און אַ פליישיקע, און אַ בעזים איבער אַ קופּע מיסט. די זקנה האָט דאָ געקאָכט אין אַ טיפן באַק־אויוון, אַ פאַרדיסטע געעסקט זיך מיט לאַנגע קאָטשערעס און אייביק עפּעס געמורמלט. וויפל מאָל רעכעלע האָט באַגערט אַרויסצוגיין אינדרויסן זיך שפּילן, האָט די אַלטע זי אָנגעכאַפּט מיט איר קנאָכיקער האַנט, געריסן אירע האָר און געצישעט, ווי אַ שלאַנג.

— זיך־איין, נכפּהניצע!... — האָט זי איר איינגערוימט און אויסגעקנייפּט שטיקער פלייש. — וואַרפן זאָל עס דיך הייזער־הויך! אַז טראָגן זאָל עס דיך איבער אַלע וויסטע וועלדער!...

רעכעלע איז געווען אַן איינגעשפּאַרט קינד און אַ ווידערשפּעניקע. זי האָט נישט געוואָלט ליידן, די באָבע זאָל זי לויזן און יענע האָט זי דערום געשלאָגן מיט אַ שייטל האָלץ. אין דעם הילצערנעם עמער מיט שווענקעכץ האָט אַלעמאָל געווייקט זיך אַ ריטל, וואָס די זקנה פלעגט דערמיט שמייסן די מויד פאַר איר שלעכטער אויפפירונג. יעדן פרייטיק־פאַרנאַכט פלעגט די זקנה איבערדאַנק אַריינזעצן רעכעלעס קאָפּ אין אַ מולטער מיט הייס וואַסער און רעכעלע איז הייזעריק געוואָרן פון שרייען. כדי זי זאָל ווערן אַ שטוב־זיצערין און נישט אַרומלויפן, האָט די אַלטע אויף איר אָנגעוואָרפן אַלערליי פּחדים.

זי האָט איר איינגערעדט, אַז אין לאַנגן טויער זענען פאַראַן קברים און אַז נשמות פליען דאָרטן אַרום אָן אויפהער און לאָקערן אין עמעצן מגולגל צו ווערן. זי האָט איר אָנגעטון אַ ברייט פאַרטוך פאַר אַ סגולה, ס'זאָל צו איר זיך נישט באַהעפטן קיין דיבוק, און איר אָנגעהאָנגען אַ ליינען טאָרבעלע מיט אַ צאָן פון אַ וואָלף. ווען די אַלטע איז אַמאָל אַוועקגעגאַנגען, האָט זי פאַרשפּאַרט די טיר פונדרויסן מיט אַ פלאָקן. דורך דעם קליינעם פאַרשטויבטן פענסטער אינדערהויך איז אַריינגעדרונגען ווייניק ליכט און ס'האָט דאָ אַלעמאָל געלויכטן אַ קנייטל, איינגעטונקט אין אַ ליימען שערבעלע מיט אייל. אין ענגן אָנגעמושבטן שלאָף־חדר האָבן שטענדיק געקראַצט מייז און ס'האָט זיך געהערט פון דאָרטן אַ שאָרכעניש און אַ רודערן, גלייך ווי אַ האַנט וואָלט זיך געפּאָרעט אין דער געדיכטעניש. אין דער ערשטער שטוב, הויך ביים קוימען, איז געווען אַ פאַרטיפונג, וואו ס'האָט זיך געפונען די לופט. וויפל מאָל ס'האָט געראויכערט, איז געקומען אַ קוימען־קערער, האָט אַרויפגעקלעטערט, זיך געפּאָרעט און אַראָפּגעשריגן צו דער זקנה. זיינע אויגן זענען געווען פול מיט ווייסל, ווי איבערגעדרייט, דאָס פּנים — שוואַרץ און אויסגעקרימט, ווי ביי אַ טייוול. אונטן איז געשטאַנען די באָבע און געפאָכעט מיט איר קליין פויסטל.

— ווישעי! — האָט זי גערופן אויף פויליש־לשון מיט אַ סקריפענדיק קול. — ווישעי! ווישעי! . . . . *)

ווען דער קוימענקערער איז אָנגעקומען, האָט רעכעלע זיך באַהאַלטן אונטערן בעט, איינגעגראָבן זיך אין קליידער. זי האָט געהאַט פּחד פאַר זיין בעזים, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרט פון אַן אייזערנעם באַלעם; זי האָט זיך געשראָקן פאַר די פאַררויכערטע גראָבע שטריק, וואָס ער האָט אויפגעוויקלט; זי פלעגט בלאַס ווערן, ווען זי האָט געהערט, ווי דער רוס פאַלט איבער דעם אויוון. טיילמאָל פלעגן קומען צוויי קוימענקערערס: אַ הויכער, מיט אויפגעשפּיזטע וואָנסן, ווי ביי אַ שרץ, און אַ קלענער. איינער איז אַרויפגעקראָכן אויפן דאַך און דער אַנדערע האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ הינטער דער קאַפּע און אַרויפגעשריגן הויל, ווי פון אַ גרוב. נאָך זייער אַוועקגיין זענען געבליבן אויפן דיל שוואַרצע צייכנס פון באָרוועסע פיס. דער שוחט פלעגט אַריינקומען מיטן מעסער אין אַ ווינקל מויל. די שטייפע, פאַרפעדערטע זשופּיצע האָט זיך געבראָכן בעת ער האָט איינגעבויגן זיין הויכע געשטאַלט אַריינצוגיין אין דער טיר. ער האָט אַ ברום געטאָן:

— וויפל האָסטו זיי געגעבן, די כלבים?

— אַ פּרוטה און אַ הויפן קלייען . . . — האָט די אַלטע געדזשאַמדזשעט און אַרויסגעזעצט דעם אונטערשטן קין. אין איר איינגעשרומפּן מויל איז נישט געווען קיין איין צאָן.

מוראדיק איז געווען ביינאַכט, ווען רעכעלע פלעגט מוזן לייגן זיך מיט דער זקנה אין איין באַנק־בעט. אין שלאָף־קאַמער האָט דער פעטער שווער געשנאָרכט, געכאָרכלט, ווי ער וואָלט זיך געשטיקט, און געזיפצט פון שלאָף. די זקנה האָט שעהן־לאַנג געזאָגט קריאת־שמע, זיך געשלענדערט פון ווינקל צו ווינקל. עס האָט זיך געשפּירט פון איר מיט אָנגעברענטע פעדערן און מייז. טיילמאָל פלעגט זי ביי דעם מיידל אויפהויבן דאָס העמד, אַרומטאַפּן איר הייס לייב מיט טויטע הענט און פרייכן מיט עפּעס אַן אומריינער פרייד.

— פייער! פייער! . . . זי ברענט, די מויד! . . .

אונטער דעם איבערבעט, אין חשכות, האָט זי דערציילט מעשיות פון בייזע חיות און פּיפּערנאָטערס: פון גזלנים, וואָס וואוינען אין גריבער צוזאַמען מיט מכשפות; פון מענטשן־פרעסער, וואָס בראָטן קינדער אויף שפּיזן, און פון אַ ווילדן מאַנסביל מיט איין אויג אין שטערן, וואָס גייט אום מיט אַ טענענבוים אין די הענט און זוכט אַ פאַרלוירענע בת־מלכה. צומאָל פלעגט זי אינמיטן אַריינמישן אויסטערלישע ווערטער, אָפּגעהאַקטע, אומזיניקע, ווי פון שלאָף. ביי רעכעלען האָבן די האָרוואָרצלען גענומען שטעכן פון שרעק און זי האָט זי געוועקט, געטרייסלט מיט אַלע כוחות און גערופן:

— באָבע, וואָס רעדסטו, באָבע? . . .

– כ'האָב מורא! . . .

*) העכער.

## ח

## רעכעלע אין לובלין

ווען רעכעלע איז אַלט געווען צוועלף יאָר, איז די אַלטע געשטאָרבן. דריי טעג איז זי געלעגן אין פאָדערשטן חדר אויפן באַנק־בעק און האָט געגוססט. דער קליינער קאָפּ איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ רויטער פאַטשיילע, דאָס אויסגעקוואַרטע פּנים — פאַרשטייפט ווי ביי אַ מת, דער אונטערשטער קין — אויסגעשפּיצט אַרויף, די אָפענע אויגן — מיאוס איבערגעדרייט, פול מיט ווייסל. ס'איז גראָד געווען אין עשרת־ימי־תשובה, פאַר יום־כפור. פון שעכט־קעמערל אין הויף האָט זיך געהערט אַ קוואַקעריי פון הינער, געשרייען פון ווייבער און דינסטמיידן. זעלטן אַז עמעץ איז געקומען אַ קוק טון ווי די אַלטע גייט־

"Higher!" she would screech. "Higher! Higher!"

Rechele would hide under the bed when the chimney sweep came, burying herself under a pile of clothing. She feared the broom he pulled out of an iron bucket, was terrified of the heavy smoke-covered ropes he uncoiled, would pale when she heard the stranger stumble over the oven. Often there would be two chimney sweeps: the taller had a bristling mustache, like an insect's. One of the sweeps would crawl out on the roof and the other would thrust his head into the hearth opening and cry up to his partner in a muffled voice as though from a cavern. After they had left, the black prints of their bare feet remained on the floor. The slaughterer would come into the room, a knife in a corner of his mouth. His blood-stiff coat covered with feathers would creak as he bent to go through the low door. He would grumble: "How much did you give the dogs?"

"A half penny and a handful of chaff," the old woman would respond, thrusting out her chin. There was not a tooth in her shrunken mouth.

It was terrifying at night when Rechele had to lie down in the bench-bed to sleep with the old woman. Uncle snored loudly in the bedroom, wheezing as though he choked and groaning in his sleep, and the old woman dallied over her prayers, as she turned restlessly from side to side. She smelled of burned feathers and mice. Sometimes she would lift the child's shift and run her dead hands over the girl's hot body, cackling with impure delight: "Fire! Fire! The girl's burning up!"

As they lay under the feather bed, in the pitch dark, the old woman would tell Rechele stories of wild beasts and goblins; of robbers that lived in caves with witches; of man-eaters that roasted children on spits; and of a wild one-eyed monster that stalked about with a fir tree in its hand looking for a lost princess. Sometimes from her sleep Granny would cry out wildly and incoherently. The roots of Rechele's hair would tingle with terror, and, her whole body a-quiver, she would wake up the old woman with the cry: "Granny? What are you saying? Granny?

"Granny, I'm afraid!"

## 8

## *Rechele in Lublin*

When Rechele was twelve years old the old woman died. For three days she lay on a bench bed in the anteroom, gasping her last. Her small head was bound with a red kerchief, her wrinkled face was stiff as a corpse, her chin pointed up, and her open eyes, with the eyeballs turned back, appeared entirely white. That happened during the Ten Days of Penitence between Rosh Hashana and Yom Kippur. From the slaughter hut in the yard the cackling of roosters could be heard, mingled with the shouting of housewives and servant maids. Rarely did anyone glance in

ווי פון אין גרויס שעכט־הויז. — לובלינער שמאלע געסלעך, באלויכטענע פון דער אונטערגייענדיקער זון, זענען איצט פול געווען מיט יידן אין קיטלען, ווי מתים אין תכריכים. ווייבער זענען געווען אנגעטון אין ווייסע שלעפ־קליידער, אין זיידענע שארפן, באהאנגען מיט פערל און גראבע האלדז־קייטן, מיט ציטערשפילקעס און ארעמבענדער, מיט בראשן און לאנגע אויערינג, וואס ווארפן זיך און פינקלען ווי געגליווערטס. די יעניקע, וואס זענען היי־יאר געווארן אלמנות אדער האבן פארלוירן קינדער, זענען אומגעלאפן מיט אויסגעשפרייטע ארעמס, ווי זיי וואלטן זיך געיאגט נאך עמעצן, געיאמערט און הייזעריק אויסגעשריגן אלץ די אייגענע ווערטער. ווי דולע. שכנות, וואס זענען א גאנץ יאר געווען צעקריגט, האבן זיך ארומגעכאפט, צוגעקלעפט זיך איינע צו דער אנדערער, געשאקלט זיך אין דער ברייט, ווי זיי וואלטן נישט געקאנט זיך פאנאנדערשיידן... יונגע ווייבלעך האבן געשפרייזט גיך און האפערדיק, אין איין האנט געטראגן די גאלד־געליישטע מחזורים, מיט דער צווייטער אונטערגעהאלטן דעם שלעפ, געלאכט מיט טרערן און זיך געווארפן איינע דער אנדערער אויפן האלדז. פיר מוידן האבן אויף א רויט־געבעטער שטול געטראגן א הונדערט־יעריקע זקנה, וואס האט מער נישט געקאנט גיין. איר גאלדן קלייד האט קעגן זון־זעצונג אפגעלויכטן ווי פייער, די הויכע הויב, פול באזעצט מיט קרעלן און איידלשטיינער, האט געבליצט מיט אלע קאלירן פון רעגנבויגן, און אירע לאנגע אטלעסענע בענדער האבן געפלאטערט אין ווינט. א קליינער זקן, געבויגן אין דרייען, מיט א ווייסער צעפלויגענער בארד, איז געשטאנען אנגעשפארט אויף זיינע קוליעס, האט אויסגעשפרייט בלויע ציטערדיקע הענט, ווי א בלינדער, און געבענטשט די לייט, וואס זענען פארבייגעגאנגען — גרויס און קליין. די גאנצע שול־גאס איז באשטעלט געווארן פון נידעריקע טישלעך מיט קערות. ארעמעלייט — קרומע, שטומע, געליימטע — זענען געזעסן אויף פיסן־בענקלעך און געציילט זילבערנע און קופערנע מטבעות, מיט וואס דער עולם האט זיך אויסגעלייזט פארן הייליקן טאג. ירוחם, דער לובלינער בעל־תשובה, איז געשטאנען, ווי אלע יאר, ביי דער טיר פון שול־הויף, א בארוועסער און א צעכראסטעטער. ער האט געוויינט מיט א גראב קול אויף זיינע זינד, געבראכן די פינגער:

— יידן, זייט מוחל, יי—דן!.. .רח—מים... רח—מים!...

נאר דא, אין דער פארווארפענער גאס, צווישן די דיקע ווענט, האט רעכעלע געהערט פון דעם אלעם בלויז א ווידערקול. רעכעלע איז לאנג געשטאנען אויף איין שטעל, אויסגעשפיצט די אויערן און אירע שווארצאפלען זענען אלץ ברייטער געווארן. עס איז געווען צום ערשטן מאל, דאס זי זאל יום־כפור ביינאכט איבערבלייבן אליין. יעדעס יאר פלעגט די באבע צוברייטן חברטעס זיי זאלן זיצן און פארברענגען מיט דער מויד. מען האט איינע דער אנדערער געפלאכטען די צעפ, גערעדט מיט פליסטערניש און געהאלטן זיך בייזאמען, אין איין בינטל ביים טיש. די נאכט פון יום־כפור איז א מוראדיקע. נישט איינמאל האט זיך פארלאפן, דאס פריצים זענען ארייגעפאלן אין יידישע שטובן און באצוואונגען די בתולות. טיילמאל פלעגן די ליכט זיך אויסבייגן און מען האט געמוזט לויפן זוכן א גוי, ער זאל זיי ווידער אויסגלייכן. אפט האבן זיך געטראפן שרפות און עס זענען אומגעקומען קליינע קינדער. אלע האבן געוואוסט פון דער מעשה, ווי אין דער גרויסער קהלישער שול זענען פון גרויס ענגשאפט דערשטיקט און צעטראטן געווארן פיל מאנסלייט און ווייבער, בעת מען האט ארויסגעלאזט א קול, אז עס ברענט אין שטאט. אחוץ דעם איז געווען באקאנט, דאס יום־הקדוש צו כל־נדרי איז די לופט אנגעפילט מיט נשמות פון געשטארבענע, וואס קריגן נישט קיין תיקון אויף יענער וועלט. רעכעלע און אירע חברטעס האבן אנומלט אליין געזען, ווי א נשמה איז פארבייגעפלויגן פאר די ליכט און פארשוואונדן געווארן אין קוימען... די פלעמלעך האבן לאנג נאכדעם זיך געשאקלט און גערויכערט...

איצט איז רעכעלע געווען יום־כפור ביינאכט איינע אליין, עטלעכע שעה נאכדעם ווי מען האט ארויסגעטראגן דאס מת.

fragment of the sky filled the small window near the rafters, and outside a great wailing was heard. Lublin's narrow streets, lighted by the setting sun, were now full of men wearing the white Yom Kippur robes; they looked like corpses in shrouds. The women wore white dresses with trains, and silk scarves; they were arrayed in pearls and heavy necklaces, pins and bracelets, brooches and long earrings which quivered like jelly. Those women who had been widowed or had lost children recently ran with outstretched arms, as though insane, hoarsely repeating the same phrase over and over. Neighbors who had been at each other's throats throughout the year embraced and clung swaying to and fro, as though nothing could separate them. . . . Young matrons walked proudly, holding in one hand the gold-trimmed prayer books while the other caught up the trains of their gowns. Laughing and crying they fell upon each other's necks. Four girls conveyed a paralyzed dowager some hundred years old on a red-upholstered chair. The old woman's golden dress blazed in the sunset and her high bonnet set with beads and precious stones glittered, its satin ribbons fluttering in the wind. A blind old man, with a white windblown beard, stood leaning on his crutches, his blue hands groping to bless all who passed by. The street leading to the prayer house was filled with low tables on which stood alms bowls. The crooked, the dumb, the lame sat on footstools and counted the silver and copper coins with which the crowd redeemed their souls for the holy day. Yerucham, the Lublin Penitent, stood as he did every year, at the door of the prayer house barefoot, his clothes unfastened. Wringing his hands, he wept for his sins.

"Jews, have mercy, Jew-ws! . . . Com-passion. . . . Com-passion! . . ."

But here, in this lonely street, inside the thick walls, Rechele heard only an echo. She stood there, ears cocked and eyes wide. This was her first time alone on Yom Kippur eve. In the past Granny had invited girls in to sit with her, and they would pass the evening braiding each other's hair and talking in hushed voices while huddled at the table. The night before Yom Kippur is a frightening time. Often, on that night, lords would fall upon Jewish homes and ravish the young, unprotected girls. Sometimes the candles would droop, and the children alone in the house would have to run outside to find a gentile to straighten them. Fires in which small children perished were frequent. Everyone remembered the catastrophe in the great synagogue when someone had called out that the city was on fire and in the panic many men and women had been trampled on and crushed. Moreover, it was common knowledge that on this, the holiest of nights, when the awesome prayer of Kol Nidre was chanted, the air was full of those ghosts that could find no resting place in the Hereafter. Rechele and her friends had once seen with their own eyes such a ghost pass by the candle and disappear in the hearth. . . . The candle flame smoked and sputtered for a long time afterward.

Now Rechele was alone in the house on the night before Yom Kippur, and only a few hours previously a corpse had been taken away.

רעכעלע האָט געוואָלט אַרויסגיין אין גאַס און אַריינרופן מענטשן, אָבער זי האָט מורא געהאַט צו עפענען די טיר אין פינצטערן דורכגאַנג. זי האָט אויסגעקרימט די ליפּן צו שרייען, נאָר דאָס געשריי איז געבליבן שטעקן אין איר קעל. פון פחד האָט זי זיך אַ וואָרף געטון אויפן באַנקבעטל, זיך איינגעדרייט אין אַ קנויל, צוגעשלאָסן די וויעס און איבערגעדעקט זיך מיט דער איבערדעק. פון הינטער די ווענט איז דערגאַנגען צו איר אַ שטיל ברומעניש. דאָס קול איז אַפּירגעקומען ווי פון אונטער דער ערד און איר האָט זיך געדוכט, דאָס מען זינגט כל־נדרי. רעכעלע האָט גריילעך פאַרשטאַנען, דאָס זי הערט דאָס דאַווענען פון טויטע און זי האָט געוואוסט, אַז נאָכדעם לעבט מען מער נישט אויס דאָס יאָר.

רעכעלע איז איינגעשלאָפן. אין חלום איז געקומען צו איר די באָבע — אין אָפּגעריסענע, אַ צעשויבערטע, ווי מען וואָלט זי נאָכגעיאָגט. די פאַטשיילע אויף איר קאָפּ איז געווען אויסגעשמירט מיט בלוט. זי האָט איר אַ רייב געטון איבערן פנים מיט אַ הייפל שטרוי און געטון אַ געשריי:

— רעכעלע!... רעכעלע!...

רעכעלע האָט אַ ציטער געטון מיטן גאַנצן לייב און זיך אויפגעריסן, אַ באַגאָסענע מיט אַנגסטן. אין רעכטן אויער האָט געקלונגען און גערוישט, און זי האָט דערשפּירט אין דער ברוסט אַ שטאַרקע ווייטיק. זי האָט געוואָלט וויינען, אָבער די טרערן זענען געווען אויסגעטריקנט. די שרעק האָט זיך ביסלעכוויז אָפּגעטון פון איר. זי האָט געהערט ווי מען גייט אַרום איבער דער שטוב, מען יאָגט זיך, מען רעדט אָפּגעהאַקטע ווערטער. די טעפּ אויף דער הרובע און אויף די בענק האָבן זיך גערוקט, זיך אויפגעהויבן אין דער לופט. דאָס קעסטל מיט די ליכט האָט זיך געדרייט און אונטערגעטענצלט. אַ שאַרלאַך־רויטקייט איז געשטאַנען צווישן די ווענט. אַלץ אַרום האָט געזאָטן, זיך געבראָכן, געקנאַקט, ווי דאָס הויז וואָלט געווען אַרומגענומען מיט פלאַמען... שפּעט ביינאַכט, ווען דער פעטער ר׳ זיידל־בער איז אַהיימגעקומען, האָט ער געפונען רעכעלען ליגן אַ צונויפגעקנוידערטע, מיט פאַרגלייזטע אויגן און מיט אַ פאַרהאַקט מויל. ר׳ זיידל־בער האָט געמאַכט אַ געשריי, לייט זענען זיך צונויפגעלאָפן. מען האָט דער מויד אויפגעריסן די ציין און אַריינגעגאָסן אין גומען זויערן ווין. אַ יידענע, אַ קענערין אין מינטערן פאַרחלשטע, האָט צעשטאָכן איר פנים מיט די נעגל, אויסגעריסן פון איר קאָפּ גאַנצע הויפנס האָר. צום סוף האָט רעכעלע צוריקגעוואונען דעם אָטעם און באַגונען צו קרעכצן, אָבער קיין לייט איז זי מער שוין קיינמאָל ניט געוואָרן.

די ערשטע צייט איז אינגאַנצן אָפּגענומען געוואָרן פון איר דער דיבור. דערנאָך האָט זי צוריקגעקריגן דאָס לשון, אָבער אַלערליי קרענק האָבן זיך אין איר געקלאַמערט. ר׳ זיידל־בער האָט באַגערט חתונה צו האָבן מיט רעכעלען, וואָרום זי איז געווען אַ יפת־תואר און אַ מיוחסת, און ער האָט זי געראַטעוועט ווי אַן אייגענע טאָכטער. ער האָט צוגענומען אַ דינסטמויד, וואָס זאָל זי באַדינען. ער האָט באַנוצט אַלערליי רפואות און סגולות. מ׳האָט צו איר אַרויסגעבראַכט אַן אָפּשפּרעכערין, געפּסלט איר לייב מיט השתנה, געשטעלט איר פּיאַווקעס. רעכעלע איז געלעגן בייזאַמען, נישט געקאָנט זיך אויפשטעלן, און מען האָט זי געמוזט אויפזעצן און אונטערשפּאַרן. כדי זי צו מאַכן פאַרגעסן אין אירע פּיין, האָט ר׳ זיידל־בער איר געקויפט ספרימלעך און שטילערהייט אפילו געלערנט מיט איר תורה. דער פּוילישער דאָקטאָר, וואָס פלעגט צו איר קומען אָדער־שלאָגן, האָט צומאָל מיט איר געליינט פון אַ לאַטייניש בוך. מיט דער צייט איז דעם מיידל בעסער געוואָרן און זי איז אויפגעשטאַנען, אָבער דער לינקער פוס איז געבליבן אָפּגענומען און זי האָט אים נאָכגעשלעפּט. ר׳ זיידל־בער איז פּלוצים געשטאָרבן, און רעכעלע איז צוריק איבערגעגאַנגען צו איר פאָטער ר׳ אלעזר באַבאַד, וואָס האָט דערווייל פאַרלוירן סיי דאָס ווייב, סיי דעם זון...

פון דעמאָלט אָן איז רעכעלע געווען נישט ווי אַלע אַנדערע. זי האָט געהאַט אויסטערלישע קרענק און זיך אַרומגעטראָגן מיט פאַרבאָרגענע שלאָפקייטן. טייל האָבן גערעדט, אַז זי האָט דאָס שווערע חלאת, אַנדערע האָבן געשמועסט שטילערהייט, דאָס אַ שד געוועלטיקט איבער איר. אין גאָריי האָט ר׳ אלעזר אינגאַנצן זי געלאָזט אויף הפקר און איז אַלץ זעלטענער אַהיימגעקומען צו איר פון די דערפער. האָט מאַנכער געפּרואווט רעדן מיט אים וועגן זיין בת יחידה, די יתומה, האָט דער ייד שולדיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געענטפערט ווי אַ מבוהל:

— עט, נו, לאָזט מיך געמאַך... אין עצה ואין תבונה!...

Rechele wanted to go out into the street and call people to her, but she was afraid to open the door in the dark passageway. She pursed her lips to shout, but the cry would not leave her throat. Terrified, she threw herself on the bench-bed, rolled up into a ball, shut her eyes, and covered herself with the comforter. From somewhere a low mutter reached her ears. The sound seemed to come from beneath the earth, and it appeared to Rechele that it was the chanting of Kol Nidre. But then it dawned on her that it was the dead who were chanting, and she knew that whosoever hears the Kol Nidre of the dead would not live out the year.

She fell asleep and in her dreams Granny came to her—her clothes in tatters, disheveled and haggard. The kerchief about her head was soaked with blood. "Rechele! Rechele!" she screamed and rubbed the girl's face with a straw whisk.

Rechele's whole body shuddered. She awoke, drenched with sweat. There was a ringing in her ear, and she felt a sharp stab in her breast. She tried to cry but could not. Gradually, the terror subsided. She heard footsteps in the house, fragmentary phrases. The pots on the oven and on the benches moved and were suspended in air. The candle box turned around and did a jig. There was a scarlet glow on the walls. Everything seethed, burst, crackled, as though the whole house were aflame. . . . Late that night, when Uncle came home, he found Rechele lying with her knees pulled to her chest, her eyes glazed and her teeth clenched. Reb Zeydel Ber screamed and people came running. They forced open the girl's mouth and poured sour wine down her throat. A woman skilled in such things scratched Rechele's face with her nails and tore from her head patches of hair. At length Rechele began to groan, but from that evening on she was never the same.

In the beginning Rechele could not speak at all. Later she regained her speech, but she suffered from all sorts of illnesses. Reb Zeydel Ber wished to marry Rechele because she was beautiful and of good family, and he looked after her as though she were his own daughter. He hired a servant maid to care for her, and he had recourse to various cures and charms. A woman was brought in to drive the evil spirit away by incantation; another washed her body with urine; still another applied leeches. Rechele lay inert on her bed. So that she might forget her pain, Reb Zeydel Ber brought her books and even went so far as to instruct her in the Torah. Sometimes the Polish physician who bled Rechele read with her from a Latin book. Eventually Rechele improved and could once more stand, but her left leg continued paralyzed, and she walked with a limp. Then Reb Zeydel Ber died, and Rechele returned to her father, Reb Eleazar Babad, who in the meantime had lost both wife and son.

Thenceforth Rechele was one apart. She was beset by mysterious ills. Some said she suffered from the falling sickness, others that she was in the power of demons. In Goray Reb Eleazar left her completely on her own, rarely returning from his round of the villages to see her. When people spoke to him about his poor orphan daughter, he would hang his head and answer in confusion:

"Well, let it be . . . ! There is no wisdom nor understanding nor counsel against the Lord!"

# ט

## ר׳ איטשע מאַטעס דער פּאַקנטרעגער

איז געקומען קיין גאָריי אַ פּאַקן־טרעגער מיט אַ פולן זאַק אומגעבונדענע ספרים און לייבסערדאַקלעך, תפילין און יאַרמלקעס, שירהמעלותן פאַר קינפּעטאָרינס און עין־הרע־בייגעלעך, מזוזות און גאַרטלען. פּאַקן־טרעגער זענען בטבע בייזע לייט און זיי ליידן נישט, ווען מען רירט זייער סחורה, אָן אַ מיין צו געבן־צו־לייזן. די בחורים האָבן זיך דערנענטערט צו אים פּאַמעלעך און איינציקווייז, געקוקט מיט גרויס חשק צו דער קראָם, וואָס ער האָט צעלייגט אויפן טיש, געשפּיגן אויף די פינגער און געמישט די בלעטער מיט אָפּגעהיטנקייט און שטיל, אים נישט צו דערצערענען. אָבער דער ייד איז, אַפּנים, געווען אַ בעל־מדות. ער האָט פאַרשטעקט איין אַרבל אין אַנדערן, דערלויבט די ייִנגלעך אַרומצוטאָפּן און אַרומצונישטערן וויפל זייער האַרץ האָט באַגערט און געשוויגן. אַ פּאַקן־טרעגער קומט פון דער וועלט און ווייסט געוויינלעך פון אַלערליי שמועות. יידן האָבן זיך צוגערוקט, אַריינגעשטעקט די האַנט אויף שלום־עליכם און געפרעגט:

— ווי הייסט איר, ר׳ ייד?

— איטשע מאַטעס.

— וואָס הערט זיך עפּעס, ר׳ איטשע מאַטעס, אויף דער וועלט?

— געלויבט השם־יתברך.

— רעדט מען עפּעס וועגן הילף אויף יידן?

— אוודאי, אומעטום, ברוך־השם . . .

— איר האָט אפשר, ר׳ איטשע מאַטעס, מיט זיך בריוו און קונטרסים?

ענטפערט ר׳ איטשע מאַטעס נישט קיין וואָרט, גלייך ער וואָלט פאַרהערט, און יידן פאַרשטייען גלייך, אַז וועגן אַזעלכע זאַכן רעדט מען נישט אָפן. מורמלט מען עפּעס אונטער דער נאָז און מ׳זאָגט:

— איר בלייבט דאָך נאָך דאָ, ר׳ איטשע מאַטעס, האַ?

ער איז אַ נידעריקער, מיט אַ רונדיק שטרוי־געלבלעך בערדל, און זעט אויס אַלט צו זיין אַ יאָר פערציק. דאָס אָפּגעקראָכענע פוטערנע היטל, ווי אַ שטריימעלע, איז פאַררוקט איבער די פייכטע אויסגעווייִנטע אויגן, די דאַרע נאָז איז רויט פון קאַטאַר. אָנגעטון איז ער אין אַ לאַנגער וואַטענער זשופּיצע, וואָס שלעפּט זיך נאָך אויף דער ערד, און די לענדן זענען אַרומגעגאַרטלט מיט אַ רויטער פאַטשיילע. בחורים גראַבלען שוין איצט אין זיינע ספרים, ווי אין זייעריקן, רייסן־אויף די בויגנס מיט די פינגער, טוען־אָן שאָדנס. ער זאָגט זיי, פונדעסטוועגן, נישט קיין קרום וואָרט. ייִנגלעך שטיפערס שפּילן־זיך מיט די אויסגעהאָפטענע אַרבע־כנפותלעך, מעסטן־אָן די געגילדטע קאַפּעלעך. מ׳האָט אַפילו אויסגעפונען, אַז טיף אין זאַק ליגן — אַ מגילה אין אַ הילצערנער שייד, אַ ציי־ניקער שופר און אַ זעקעלע מיט ווייסער קריידיקער ארץ־ישראל־ערד. זעלטן עמעץ זאָל עפּעס קויפן, נייערט אַלע פאַרען זיך מיט דער סחורה, און ס׳דוכט זיך, אַז מען טוט אַלערליי תחבולות דעם ייד אַריינצוברענגען אין צאָרן. אָבער ער שטייט פאַר זיין סחורה, ווי אַן אויסגעשטאָפּטער, רירט זיך נישט פון אָרט. זאָגט מען קדושה, נעמט זיין שטרויענע וואָנסע זיך קוים־קוים שאָקלען. פרעגט מען אים אויף אַ מקח, שטעלט ער אָן אַן אויער, ווי אַ טויבער, קלערט לאַנג און קוקט יענעם נישט אין פּנים אַריין.

— וואָס שייך? — זאָגט ער מיט אַ שטיל, הייזעריקלעך קול. — וויפל איר קענט — גיט . . .

און ער שטעלט־אָן אַ בלעכענע פּושקע, נישט ווי ער וואָלט געהאַנדלט, נאָר געזאַמלט אויף ר׳ מאיר בעל־נס.

אין אָוונט רופט אים לוי דעם רבס אויף נאַכטמאָל. לוי איז שטי־

# 9

## *Reb Itche Mates, the Packman*

A packman came to Goray with a full sack of holy scripts and fringed vests, phylacteries and skull caps for pregnant women and oval bone amulets for children, mezuzahs and prayer sashes. Packmen are notoriously short-tempered and suffer no one to touch their merchandise who is disinclined to purchase. Gingerly, one at a time, the young men approached the packman, stared curiously at the store of goods which he spread out on the table, ran their fingers along the books, and turned the leaves with silent caution, so as not to arouse his wrath. But apparently this was a courteous packman. Putting his hands up his sleeves, he allowed the boys to riffle through the books as much as they pleased. A packman comes from the great world, and usually brings with him all sorts of news. People sidled over to him and asked: "What do they call you, stranger?"

"Itche Mates."

"Well, Reb Itche Mates, what's happening in the world?"

"Praised be God."

"Is there talk of help for the Jews?"

"Certainly, everywhere, blessed be God."

"Perhaps you have letters with you and tracts, Reb Itche Mates?"

Reb Itche Mates said nothing, as though he hadn't heard, and they understood at once that these were matters one did not discuss openly. So, murmuring under their breath, they said, "Are you staying here awhile, Reb Itche Mates?"

He was a short man, with a round, straw-colored beard, and appeared to be about forty years old. His dilapidated hat, from which large patches of fur were missing, was pulled down over his damp, rheumy eyes; his thin nose was red with catarrh. He was wearing a long patched coat which reached to the ground. A red kerchief was wound about his loins. The young men rummaged through his books, ripping the uncut pages, and doing all sorts of damage, but the packman made no objection. Mischievous boys played with the embroidered fringed vests and tried on the gilded skull caps. They even dug down deep in the packman's sack and discovered a Book of Esther scroll cased in a wooden tube, a ram's horn, and a small bag containing white, chalky soil from the Land of Israel. Very few people bought, everyone handled the merchandise and seemed to be conspiring to enrage the packman. But he stood woodenly in front of his goods. When they recited the Holy, Holy, Holy, his straw mustaches quivered almost imperceptibly. When asked anything's price he capped his hand to his ear as though he were hard of hearing, thought for a long time, avoiding his questioner's face.

"What does it matter?" he would finally say in a low hoarse voice. "Give as much as you can." And he extended a tin coin box, as though he wasn't really a packman but was collecting money for some holy purpose.

לערהייט אויף דער זייט פון דער כת שבתי־צבי, זיין פאָטערס מתנגדים. זאַמלען זיך צונויף יידן מקובלים, געקליבענע מענטשן, וואָרן אלע שפּירן באַשיינפּערלעך, אַז דער פּאַקן־טרעגער האָט עפּעס איבערצוגעבן. ס'איז דאָ צווישן זיי אויך ר' מרדכי יוסף, ר' בינושעס שונא. פאַרמאַכט נעכעלע, לויס ווייב, דעם לאָדן און פאַרשטאָפּט דעם שליסל־לאָך פון דער טיר, עוזרס קינדער זאָלן נישט אַריינקוקן, ווי זייער שטייגער איז. דער עולם זעצט זיך אַרום טיש. נעכעלע דערלאַנגט דאַרע פלעצלעך מיט ציבעלעס און שטעלט אַוועק אַביסל משקה. ר' איטשע מאַטעס עסט בלויז איין כזית ברויט, שלינגט אים אַרונטער נישט צעקייטערהייט, און הייסט די פאַרזאַמלטע אונטערלענען די הערצער און טרינקען לחיים. זעט מען שוין, אַז ר' איטשע מאַטעס איז אַ כלי מפואר, האָרכט מען אים. ווערן שטערנס פייכט און אין אויגן צינדן זיך אָן האָפנונגען אויף גרויסע צייטן, וואָס דערנענטערן זיך. קנעפּלט אויף ר' איטשע מאַטעס דעם טוזליק און נעמט אַרויס פון הינטערשלאַק פאַרמעטענע בריוו, געשריבן מיט סופריש כתב און מיט תגין, ווי אַ ספר־תורה. די בריוו זענען פון אברהם היכיני און שמואל פרימו אין ארץ־ישראל. הונדערטער רבנים זענען אויף זיי געחתמעט, ס'רוב — ספרדים מיט אויסטערלישע נעמען, וואָס דערמאָנען אין תנאים ואמוראים און אין תרגום־לשון. ווערט אַזוי שטיל, אַז עוזרס ייִנגלעך, וואָס לוגן דרויסן הינטער דער טיר, פאַרנעמען נישט קיין שאָרך. דאָס קנייטל אין דעם שערבעלע קנאַקט, שפּריצט, לאַנגע שאָטנס ציטערן אויף די ווענט, שאָקלען זיך אין דער ברייט, גיסן זיך צונויף. נעכעלע די מיוחסת שטייט ביי דער הרובע און ברענט קינדלעך. די קראַנקע בעקלעך, ווי שמחת־תורה עפּלעך, זענען הייס און צעפלאַמט; זי קוקט זייטיק צו די מאַנסלייט און שלינגט יעדעס וואָרט.

ר' איטשע־מאַטעס זיצט אַן איינגעדרוקטער און רעדט זייער שטיל. כמעט מיט פליסטערניש. דער ייִד דעקט־אויף רזין דרזין. ער דערציילט, אַז גאָר ווייניק ניצוצין דקדושה זענען נאָך געבליבן צווישן די קליפּות. די סטרא־אחרא קלאַמערט זיך דערין, ווייל אַן דעם האָט זי נישט קיין אַנהאַלטעניש. אָבער שבתי צבי פירט אַ מלחמת ד' צבאות און ברענגט זיי אויף צום שורש. ווען דער לעצטער ניצוץ וועט צוריקקערן צום מקור, וועט אַנטפּלעקט ווערן מלכא־קדישא. די מצוות מעשיות וועלן דאַמאָלס אינגאַנצן בטל ווערן, די גופים וועלן פאַרענדערט ווערן אין היילער רוחניות און ס'וועלן אַראָפּנידערן נייע נשמות פון עולם־האצילות און פון אונטערן כסא־הכבוד. עסן און טרינקען וועט אויפהערן, אַנשטאָט פריה ורביה וועט מען מיחד זיין יחודים און מצרף זיין הייליקע שמות. קיין גמרא וועט מען נישט לערנען. פון דער תורה שבכתב וועלן איבערבלייבן בלויז די סודות. יעדער טאָג וועט זיין אַזוי גרויס ווי אַ יאָר און די לויטערקייט פון דער שכינה וועט אָנפילן דעם חלל פון דער וועלט. כרובים און אופני־הקודש וועלן זינגען שירה און כביכול אליין וועט זאָגן שיעור פאַר צדיקים און צדקניות. דער תענוג דערפון וועט גאָר קיין גרענעץ נישט האָבן . . .

ער שיט מיט מדרשים און זוהרס, ר' איטשע מאַטעס דער פּאַקן־טרעגער; ער רופט אָן נעמען פון מלאכים און שרפים; ער זאָגט אויסנווייניק שטיקער פון ספר־הגלגולים און רזיאל־המלאך; ער קען אַלע היכלות אין הימל און ווייסט, אויף וואָס יעטוועדער שר איז געזעצט. ווערט שוין קלאָר, אַז מ'האָט דאָ צו טון מיט אַ גרויסן צדיק, אַ פאַרבאָרגענעם. בלייבט, אַז די מעשה זאָל דערווייל געהאַלטן ווערן בסוד און אַז איבערנעכטיקן זאָל ער ביי ר' גאָדל חסיד, וואָס זיצט דאָ ביים עק טיש. אינדערפרי וועט מען שוין זען, וואָס מ'האָט צו טון. נעמט אים ר' גאָדל חסיד ביי דער האַנט און פירט אים אַוועק צו זיך אַהיים. ער וויל אים אָפּגעבן זיין בעט, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ גרויסן מאַן, אָבער ר' איטשע מאַטעס וויל דווקא שלאָפן אויפן פּיעקעליק. לייגט ר' גאָדל חסיד אַוועק דאָרטן אַ פעלץ און אַ קישן, און אַליין גייט ער אין צווייטן חדר, וואו ס'שטייען די בעטן. אָבער ער קאָן קיין אויג נישט צוטון.

Levi, the rabbi's son, invited him for supper, for in his controversy with his father Levi lent his silent support to the Sabbatai Zevi sect. Gathered together were members of the inner circle; all the cabalists apparently sensed that the packman had something of interest to tell. Reb Mordecai Joseph, Rabbi Benish's foe, was amongst them. Nechele, Levi's wife, closed the shutters and stuffed the keyhole so that Ozer's children would not be able to carry on their customary spying. Everyone sat around the table. Nechele offered them onion flatcakes, and set drinks on the table. Reb Itche Mates took only a morsel of bread, which he swallowed whole, but he bade those about him to feast their fill and drink hearty. Perceiving at once that Reb Itche Mates was one of the chosen, they did as he bade. Their foreheads became moist, and their eyes shone with the hope of great times to come. Reb Itche Mates unbuttoned his jacket and drew from the inner pocket a letter written on parchment in Aramaic, in a scribe's script, and with crownlets on the letters like a Torah scroll. The letter was from Abraham Havchini and Samuel Primo, who resided in the Land of Israel. Hundreds of rabbis had put their signatures to this letter, most of them Sephardim with exotic names reminiscent of the Talmudic masters. It became so quiet that Ozer's boys, who were lurking outside the door, heard not even a whisper. The wick in the shard crackled and sputtered, long shadows trembled on the walls, shook back and forth, merged. The well-born Nechele stood beside the oven where she burnt kindling. Her thin cheeks were flaming hot; she glanced sidelong at the men, and absorbed every word.

Reb Itche Mates sat hunched up, speaking almost in a whisper, divulging mysteries of mysteries: only a few holy sparks still burned among the husks of being. The powers of darkness clung to these, knowing that their existence depended on them. Sabbatai Zevi, God's ally, was battling these powers; it was he who was conducting the sacred sparks back to their primal source. The holy kingdom would be revealed when the last spark was returned whence it had come.

Then the ritual ceremonies would no longer hold. Bodies would become pure spirit. From the World of Emanations and from under the Throne of Glory new souls would descend. There would be no more eating and drinking. Instead of being fruitful and multiplying, beings would unite in combinations of holy letters. The Talmud wouldn't be studied. Of the Bible only the secret essence would remain. Each day would last a year, and the radiance of the holy spirit would fill all space. Cherubim and Ophanim would chant the praise of the Almighty and He Himself would instruct the righteous. Their delight would be boundless.

Reb Itche Mates' speech abounded in homilies and parables from the Torah and Midrash. He was familiar with the names of angels and seraphim, and quoted at length passages from the Book of Transmigrations and Raziel; all the mansions in heaven were known to him, every detail of the supreme hierarchy. There could be no doubt that here was a most holy man, truly one of the elect. The decision was that all should keep silent and that Itche Mates should spend the night at the home of Reb Godel Chasid, who sat opposite. In the morning they would see what was to be done. Reb Godel Chasid took the packman by the hand and led him to his house. He offered him his own bed, but Reb Itche Mates preferred to sleep on the bench near the oven. Reb Godel Chasid gave his guest a sheepskin cover and a pillow and retired to the alcove that served as his

א גאַנצע נאַכט הערט מען פון פיעקעליק אַ ברומעניש ווי פון אַ בין. ר׳ איטשע מאַטעס לערנט תורה און ס׳איז ליכטיק אויפן פיעקעליק, גלייך די לבנה וואָלט אַהין אַריינגעשיינט, ווי וואויל ס׳איז דאָ אינגאַנצן נישטאָ קיין פענצטער. פאַרטאָג קריכט ר׳ איטשע מאַטעס אַראָפּ, גיסטאָפּ נעגל־וואַסער און וויל שטילערהייט אַוועק אין בית־מדרש. אָבער ר׳ גאָדל חסיד האָט זיך היינט נישט אויסגעטון. ער שאַרט זיך צו צו ר׳ איטשע מאַטעסן, רירט אים אָן ביים עלנבויגן און רוימט איין:

— כ׳האָב אַלץ געזען, ר׳ איטשע מאַטעס . . .

— עט־נו, וואָס־געזען, ווען־געזען! — מורמלט ר׳ איטשע מאַטעס און בויגט זיך איין, ווי אונטער אַ שווערער משא. — יפה שתיקה לחכמים . . .

אין בית־מדרש צעלייגט ר׳ איטשע מאַטעס ווידער זיין סחורה און וואַרט אויף אַ קונה. נאָכן דאַוונען שטעלט ער אַוועק דעם זאַק אין אַ ווינקל און לאָזט זיך גיין איבער גאָריי פון שטוב צו שטוב, איבערצוקוקן די מזוזות, ווי ס׳איז דער שטייגער פון די פּאַקן־טרעגער, וואָס זענען ס׳רוב אויך סופרים. געפינט ער אין אַ מזוזה אַ גרייז, פאַרריכט ער אויפן אָרט מיט אַ גענדזענער פען, נעמט דערפאַר אַ פּרוטה און גייט ווייטער.

גייט ער אַזוי לאַנג, ביז ער קומט אָן צו רעכעלען. ביי רעכעלען איז די מזוזה אַן אַלטע, באַוואַקסן מיט ווייסן שימל. ר׳ איטשע מאַטעס נעמט אַרויס פון קעשענע אַ צווענגל, ציט אַרויס די נעגעלעך, וויקלט אויף די מזוזה און גענענט צום פענסטער, כדי צו קוקן קעגן ליכט, צי די אותיות זענען ניט אָפּגעשפרונגען. ווייזט זיך אַרויס, אַז דער שם־הויה איז אינגאַנצן אָפּגעמעקט און אַז אין דער שין פון שדי פעלט דאָס רעכטע קעפל. הויבן אָן ביי דעם ייד צו ציטערן די הענט און ער זאָגט מיט גרויס הקפדה:

— ווער וואוינט דאָ?

— דאָ וואוינט מיין טאַטע, ר׳ אלעזר באַבאַד — ענטפערט רעכעלע.

— ר׳ אלעזר באַבאַד? — זאָגט ר׳ איטשע מאַטעס און רייבט דעם שטערן, זיך צו דערמאַנען. — ער איז דאָך, דוכט זיך, ראש־הקהל פון שטאָט?

— אַמאָל — זאָגט רעכעלע, — איז ער געווען ראש־הקהל און היינט איז ער אַ שמאַטע־קלייבער . . .

און זי צעלאַכט זיך הויך און מיט אַ קוויטש.

אַ יידישע טאָכטער זאָל לאַכן הויך — דאָס הערט ר׳ איטשע מאַטעס צום ערשטן מאָל, און ער גיט אַ קוק אויף איר זייטיק מיט זיינע ווייטפאַנאַנדערגערוקטע פאַרגליווערטע אויגן, אומגעברעמטע און קיל־גרינלעכע, ווי ביי אַ פיש. ביי רעכעלען זענען די לאַנגע פלעכטן צעלאָזט, ווי ביי אַ מכשפה, פול מיט פעדערן און שטרוי. איין האַלב פּנים איז רויט, ווי אָפּגעלעגן, דאָס אַנדערע האַלבע — בלאַס. זי איז באָרוועס און טראָגט אויף זיך אַן אַלט צעריסן רויט קלייד, וואָס מ׳זעט דורך דעם אַרויס שטיקער פון איר לייב. אין דער לינקער האַנט האַלט זי אַן ערדענעם טאָפּ, אין דער רעכטער — אַ שטרויווישט מיט אַש. פון צווישן די פּאַסן האָר קוקן קרום אַרויס אַ פּאָר צעבליצטע שוואַרצאַפּלען, צעשמייכלטע, ווי ביי אַ מטורפת. פאַרשטייט שוין דער ייד, אַז די מעשה איז נישט פשוט, און ער פרעגט:

— זענט איר אַן אשת־איש, אָדער אַ בתולה?

— אַ בתולה! — ענטפערט רעכעלע מיט עזות. — אַ קרבן פון גאָט, ווי יפתחס טאָכטער . . .

ביי ר׳ איטשע מאַטעסן פאַלט אַרויס די מזוזה פון דער האַנט. זינט ער שטייט אויף די פיס האָט ער נאָך אַזעלכע ווערטער נישט געהערט. ער שפּירט בחוש, אַז עס ווערט אים קיל צווישן די ריפּן, גלייך מ׳וואָלט אים דאָרט אָנגענומען מיט אייז־קאַלטע פינגער. זיינע פיס נעמען זיך וואַקלען ווי אויף אַרויסצולויפן פון דער שטוב. נאָר גלייך פאַרשטייט ער, אַז דאָס איז נישט קיין וועג. זעצט ער זיך אַוועק אויף אַ קעסטל, נעמט אַרויס אַ ווירע, אַ פלעשל גאַליש־טינט, פאַרשניצט די פען מיט אַ שטיקל גלאָז, טינקט זי איין און — ווישט זי צוריק אָפּ אין דער יאַרמלקע.

— מיידל, דו רעדסט נישט גלייך! — זאָגט ער צו איר הינטערווײלעכץ און נאָך לאַנגן קווענקלעניש. — השם־יתברך פאַרלאַנגט נישט קיין קרבנות פון מענטשן . . . אַ יידישע טאָכטער דאַרף האָבן אַ מאַן און היטן יידישקייט . . .

bedroom. But he could not sleep. All night long there came from behind the stove a bee-like drone. Reb Itche Mates was busy at Torah and, although there was no window in the room, he was surrounded by light as though the moon shone upon him. Before daybreak Reb Itche Mates rose, poured water on his hands, and sought to steal away to the study house. But Reb Godel Chasid had not undressed. He took Reb Itche Mates by the arm and whispered confidentially, "I saw everything, Reb Itche Mates."

"Ah but what was there to see?" murmured Reb Itche Mates, bowing his head. " 'Silence is seemly for the wise.' "

In the study house Reb Itche Mates spread out his wares and again waited for buyers. After the morning prayers he set his sack in a corner and went from house to house through Goray, examining the mezuzahs, as is the way of packmen, who are generally scribes as well. Whenever he found an error in a mezuzah, he corrected it on the spot with a goose quill, accepted a penny from the householder, and left.

So it went until he came to Rechele's house. The mezuzah on Rechele's doorpost was an old one, covered with a white mold. Reb Itche Mates took a tong from his pocket, pulled out the nails that held the sign to the lintel, unrolled the scroll, and went over to the window for light in which to see whether any of the letters had blurred. It turned out that the word God had been completely erased, and that the right crown was missing from the letter "s" of the name Shaddai. His hands began to tremble, and he said with sternness, "Who lives here?"

"My father lives here—Reb Eleazar Babad," replied Rechele.

"Reb Eleazar Babad," said Reb Itche Mates, and he rubbed his forehead as though attempting to recall something. "Isn't he the head of the community?"

"No longer," Rechele said. "Now he's a rag picker." And she burst into high-pitched laughter.

That a Jewish girl should laugh so unrestrainedly was something new to Reb Itche Mates, and he glanced at her out of the corner of his wide-set eyes, browless and cool green, like those of a fish. Rechele's long braids were undone, like a witch's, full of feathers and straw. One half of her face was red, as though she had been lying on it, the other half was white. She was barefoot, and wore a torn red dress, through which parts of her body shone. In her left hand she held an earthen pot, in her right a straw whisk with ashes in it. Through her disheveled hair a pair of frantic eyes smiled madly at him. It occurred to Itche Mates that there was more here than met the eye.

"Are you a married woman, or a maiden?"

"A maiden," answered Rechele brazenly. "Like Jeptha's daughter, a sacrifice to God!"

The mezuzah fell out of Reb Itche Mates' hand. Never in his whole life, not since he had first stood on his feet, had he heard such talk. His flesh crawled as though he had been touched by icy fingers. He wanted to run away from such sacrilege, but then it came to him that this would not be right. So he sat down on a box and took out a ruler and a bottle of ink. He sharpened his goose quill with a piece of glass, dipped it in the ink, and—wiped it again on his skull cap.

"These are not proper things to say," he told Rechele after some hesitation. "The Blessed Name does not require human sacrifices. A Jewish girl should have a husband and heed the Law."

— קיינער וויל מיך נישט! — זאָגט רעכעלע און הינקט צו אים צו אַזוי נאָענט, אַז ס'גיט אויף אים אַ ווייע אַ ווייבערישער ריח. — סיידן כ'זאָל חתונה־האָבן מיטן שטן! . . .

און זי צעלאַכט זיך שפּיציק, מיט אַ שלוקעכץ צום סוף. גרויסע גלאַנציקע טרערן נעמען רינען פון אירע אויגן, דער טאָפּ פאַלט אַרויס פון אירע הענט און צעברעכט זיך אויף שאַרבנס. ר' איטשע מאַטעס וויל עפּעס ענטפערן, אָבער די צונג אין מויל ווערט אים שווער און האַרט, ווי אַ פרעמדע. אַלץ דרייט זיך אים פאַרן בליק: די אַלמער, די ווענט, דער דיל. ער פּרוּווט שרייבן, אָבער די האַנט וואַרפט זיך און אַ קלעק שטעלט זיך אויפן פּאַרמעט. בויגט־איין ר' איטשע מאַטעס דער מקובל נידעריק דעם קאָפּ, פאַרקנייטשט דעם שטערן, פינטלט מיט די ווײַס און באַגרײַפט מיט איינמאָל דעם סוד, וואָס שטעקט הינטער דעם אַלעמען. גיט ער אַ קוק אויף די בלאַסע נעגל פון ביידע הענט, ווי מ'טוט נאָך הבדלה, און זאָגט שטילערהייט צו זיך אַליין:

— די זאַך איז מן השמים . . .

## ר' איטשע מאַטעס שיקט שדכנים צו רעכעלען

האָט ר' איטשע מאַטעס דער מקובל געשיקט אייגענע מענטשן צו רעכעלען, מען זאָל איבערענטפערן אַזוי און אַזוי: אַן אַלמן איז דער חתן און אַ געמיינער מאַן. דאָס גאַנצע דאָברי־מזל זיינס איז: אַ וואַטענע זשופּיצע סיי אויף שבת, סיי אינדערוואָכן, אַ טלית־קטן אויפן הוילן לייב, אַ פּאָר ציגענע פּלודערן און אַ טלית מיט צוויי פּאָר תּפילין. אָבער דער באַשעפער איז דערבאַרעמדיק און ער טוט שפּייזן פון אַ ווײזל־טיר ביז די אייער פון אַ לויז. פערציק טעג איידער רעכעלע איז געבוירן געוואָרן האָט מען אויסגערופן וועגן דעם טראָפּן זוימען: די טאָכטער פון ר' אלעזר צו איטשע מאַטעסן. היינט וואָס ווען איר העלפן רייד? זאָל זי זאָגן יאָ, וועט מען צונויפרופן אַ קנס־מאָל, און אַז גאָט וועט באַשערן אין ארץ־ישראל, וועט ער איר מסלק־זיין די כלה־מתנות און אויסצאָלן חתימה־געלט . . .

זענען אַוועק צו רעכעלען ר' מרדכי־יוסף דער מקובל, לוי דעם רבס און נעכעלע זיין ווייב. ר' מרדכי־יוסף האָט, ווי זיין שטייגער איז, געקלאַפּט מיט דער קוליע אין דיל, געוואָרנט, אַז ר' איטשע מאַטעס איז אַ הייליקער מענטש, פאַסט פון שבת צו שבת, און אַז ס'איז אַ זכיה אים צו האָבן פאַר אַ מאַן. ס'וועט אויך זיין אַ באַשיצונג פאַר דער שטאָט, וואו ער וועט זיך אויפהאַלטן. לוי דעם רבס האָט געביסן די אונטערשטע ליפּ און נישט אַראָפּגענומען זיין בליק פון דער בתולה. נעכעלע האָט די מאַנסלייט צוריק אַרויסגעשיקט, און אַליין גענומען זיך אויספירן די זאַך מיט ווייבערישער פאַרשטענדיקייט. אירע אַקסלען זענען געווען איינגעהילט אין אַ טערקישער שאַל, אויפן קאָפּ האָט זי געהאַט אַ זיידענע פאַטשיילע, ווי אין שבת, און פון די פילמאָל דורכגעריסענע אויערן־לעפלעך, ווי ס'טרעפט אָפט ביי נגידישע טעכטער, האָבן זיך נאָכגע־באַמבלט צוויי גרויסע גילדערנע אויערינג. זי האָט מיט חשיבות זיך אַוועקגעזעצט אויף דער פליישיקער באַנק, אָנגעשפּאַרט די פיס אויף אַ פיסן־בענקעלע און אָנגעוויזן דער מויד אַן אָרט אַקעגנאיבער, אויף דער מילכיקער באַנק. דערנאָך האָט זי אויסגעשנייצט די נאָז מיט אַ פּאָנף, אָפּגעווישט די פינגער אָן דער ברייטער פאָלע פון איר קאָרטן־קלייד, און געזאָגט אַזוי צו זאָגן:

— זיי נישט ביי דיר גרויס, רעכעלע, ווייל דיין טאַטע איז אַ געמיינער מאַן און ער האָט דיך געלאָזט אויף גאָטס באַראָט . . . דערצו ביסטו נעבעך אַ שלאַפע, נישט פאַר קיינעם גערעדט . . . לייט באַרעדן דיך און דו וועסט צו שאַנד ווערן . . . האָסטו אַ בעלן, דעק־צו דעם קאָפּ . . . וועט ער נישט וואוילגעפעלן אין דיינע אויגן, זענען דאָ ביי יידן צוועלף שורות . . .

"Nobody wants me!" Rechele said, and limped so close to him that the female smell of her body overcame him. "Unless Satan will have me!"

She burst into sharp laughter which ended in a gasp. Large gleaming tears fell from her eyes. The pot slipped from her hands and broke into shards. Reb Itche Mates sought to reply, but his tongue had become heavy and dry. The cupboard, the walls, the floor swayed. He began to write, but his hand shook and a drop of ink blotted the parchment. So Reb Itche Mates lowered his head, wrinkled his forehead, and suddenly grasped the secret. For a while, he studied his pale fingernails, and then he muttered to himself:

"This is from Heaven."

## 10

## *Reb Itche Mates Sends a Proposal of Marriage to Rechele*

Then did Reb Itche Mates the cabalist send messengers to Rechele, enjoining them to speak to her in these words:

The bridegroom is a widower, and a man of no importance. His entire fortune consists of one cotton coat, for both Sabbath and weekday wear; one fringed vest worn on his bare body; one pair of cloth trousers; and one prayer shawl, together with two sets of phylacteries. But the Creator is compassionate and He doth feed all His creatures, from the weasel-beast to the eggs of the louse. Forty days before Rechele was born it was decreed in Heaven that this seed, the daughter of Reb Eleazar, was to belong to Itche Mates. What more is there to say? Let Rechele agree and the betrothal will take place immediately; God willing, the groom will give the bridal presents in the Land of Israel.

The following went to see Rechele: Reb Mordecai Joseph the cabalist, Levi the rabbi's son, and Nechele his wife. Reb Mordecai Joseph characteristically struck his crutch on the floor and admonished Rechele that Reb Itche Mates was a holy man who fasted from Sabbath to Sabbath, so it would be an honor to have him as her husband, and the town where he settled would be protected from evil. Levi the rabbi's son bit his underlip and fixed his glance on the girl's face. Dismissing the men, Nechele undertook to arrange matters as one who understood women. Nechele's shoulders were covered with a Turkish shawl; she wore a silk kerchief on her head, as though it were the Sabbath, and two large gold earrings dangled from her ears. After the fashion of daughters of good family, her ears had been pierced many times. Self-importantly she sat down on the bench used to prepare meat dishes, rested her feet on a footstool, and motioned the girl to a place opposite—the bench used for dairy dishes. Then she blew her nose loudly, wiped her fingers on the voluminous train of her cloth dress, and spoke as follows:

"Don't put on airs, Rechele, for your father is a poor man, and has left you in God's care. Besides, you are not well (God save us!). People are already talking and you'll end up in disgrace. Now that you have someone who wants you, let your head be covered and take him. And if it turns out that he doesn't please you, there's always the bill of divorcement."

האָט רעכעלע, די האַלב־צעדרודערטע, פֿאַרשטעלט דאָס פּנים מיט אירע אײדעלע הענט, אײנגעבויגן זיך און אָנגעהויבן העשן און באַוויינען איר מזל — אײנגאַנצן ווי אַ מיושבֿע. די לאַנגע האָר רירן שיר נישט אָן דעם דיל, די מיידלשע אַקסלען ציטערן. נעכעלע רעדט און רעכעלע שלוכצט. איר ברוסט טרייסלט זיך און זי קאָן קיין וואָרט נישט אַרויס־ברענגען. לאָזט נעכעלע דער מויד יאָמערן ווי לאַנג זי וויל — און שטייט אויף. זי איז געוואוינט סיי צו די ווײ־געשרייען פֿון האָבעריגס, סיי צום קלאָגן פֿון כּלות. אַ קלוג־געשליפֿן שמייכעלע שפּילט זיך אויף אירע ליפּצן, בעת זי זאָגט שפּעטער צו די מאַנסלייט:

— נישקשה, זי איז גאָרנישט משוגע . . . זאָל נאָר ר׳ אלעזר קומען, וועט מען זי פֿאַרשלייערן . . .

נעמען־צונויף יידן מקובלים, ר׳ איטשע מאַטעסעס לייט, אַביסל מינץ, און מען שיקט אַרויס איבער די דערפֿער אַן עם־הארץ אַ לויפֿער, ער זאָל אויפֿזוכן ר׳ אלעזרן און אים ברענגען. זוימט זיך דער שליח שוין עטלעכע טעג און לאָזט פֿון זיך נישט הערן. רעדט מען בסוד און מיט אַנגסט, אַז סיי ר׳ אלעזר, סיי דער שליח זענען, נעבעך, נהרג געוואָרן, וואָרים אין דאָרף קאָציצאַ וואוינט אַ גוי, אַן אַכזר און אַ כּישוף־מאַכער, וואָס וועגזלט טויטע קעפּ. ר׳ איטשע מאַטעס זיצט דערווייל אין טונקעלן חדר ביי ר׳ גאָדל חסיד און וואַרט. אַ גאַנצן טאָג שאָקלט ער זיך איבערן תּיקוני־זוהר און איז עוסק אין שמות. ביינאַכט, ווען אַלע שלאָפֿן־איין, שאַרט ער זיך בגנבֿה אַרויס פֿון שטוב און לאָזט זיך צום מרחץ, וואָס געפֿינט זיך צווישן הקדש און דעם אַלטן בית־עולם. פֿאַר דער טיר פֿון הקדש שטייט אָנגעשפּאַרט דאָס טהרה־ברעט און וואַרט אויף אַ בר־מינן. קעגן ליכט פֿון דער לבֿנה זעען־אויס די האַלב־איינגעזונקענע מצבֿות וויווילדע שוואָמען. אין באָד צינדט אָן ר׳ איטשע מאַטעס אַ שטיק קין און האַלט עס אינדערהויך ווי אַ שטורקאַץ. די ווענט אין באָד זיינען שוואַרץ ווי אין אַ קוימען. אויף די הילצערנע בענק שפּרינגען קעץ, יאָגן זיך אַרום שווייגנדיקערהייט און מיט צעפֿייערטע אויגן, ווי נישט־גוטע. קאַלט און צעוואָרפֿן ליגן די איבערגעברענטע שטיינער נעבן אויוון, ווי נאָך אַ שׂרפֿה. ר׳ איטשע מאַטעס טוט זיך אויס. דאָס דאַרע לייב איז געדיכט באַוואַקסן מיט געלע האָר, צעשטאָכן פֿון וואַלגערן זיך אין בריעכץ, וואָס דאָס איז איינע פֿון זיינע סיגופֿים, און צעביסן פֿון פֿליי. שטיל גייט ער אַרונטער מיט די קרומע שטיינערנע טרעפּ, לאָזט זיך אַראָפּ אָן אַ זיפֿץ אין אייז־קאַלטן וואַסער, טוקט זיך אונטער אָן אַ פּליוסק און ווערט נעלם אויף עטלעכע מינוט. דערנאָך שטעקט ער פּאַמעלעך אַרויס זיין געלן אָפּגעצוואָגענעם קאָפּ, ווי עפּעס אַ וואַסער־חיה. צוויי און זיבעציק מאָל איז דער ייִד זיך טובֿל, לויטן מספּר פֿון שם ע״ב. נאָכדעם טוט ער זיך אָן און גייט אַהיים אָפּריכטן חצות.

ביז טאָג דרייט זיך ר׳ איטשע מאַטעס אַרום אין דעם חדר, וואָס ר׳ גאָדל חסיד האָט פֿאַר אים אָפּגעזונדערט. כּדי נישט צו דער־צערענען די בעל־הביתטע, צינדט ער נישט אָן דאָס קנייטל אין אייל־לעמפּל. ער באַשיט דעם קאָפּ מיט אַש, שפּרייזט־אַרום אין דער פֿינצטער פֿון וואַנט צו וואַנט, ריכט אָפּ חצות און זינגט אויסנווייניק תּיקונים: וויינט אויף דעם חורבן פֿון בית־המקדש, און בעט, אַז קודשא־בריך־הוא זאָל צוריקנעמען די שכינה, וועלכע ער האָט פֿאַרטריבן פֿון זיך. צווישן איין תּפֿילה און דער אַנדערער ווערט ער שטיל, ווי ער וואָלט זיך איינ־געהאָרכט אין זאַכן, וואָס טוען זיך אָפּ ערגעץ אין אַנדערע וועלטן און וואָס דערגייען בלויז צו זיינע, ר׳ איטשע מאַטעסעס, אויערן. אינדרויסן בלאָזט דער ווינט, טרייסלט די לאָדן, ברענגט מיט זיך אַ רייסעניש פֿון אַ קראַנק קינד און דאָס געוויין פֿון אַ מאַמען. ר׳ גאָדל חסיד כאַפּט זיך אויף, וועקט זיין פּלונית אין היטל־בעט און הויבט אָן מיט איר אַ שמועס.

— זי האָט אַ גרויסע זכיה, רעכעלע . . . ר׳ איטשע מאַטעס איז אַ קדוש . . . אַפּנים אַז רעכעלע אַליין איז אויך אַ צדיקת . . .

וואַרט מען שוין מער ווי אַכט טעג און מ׳הערט נישט סיי פֿון ר׳ אלעזרן און סיי פֿון דעם שליח. יעדן גוי, וואָס קומט קיין גאָריי, פֿאַרשט מען אויס: — האָסטו נישט אַמאָל געהערט, איוואַן, וועגן אלעזרן, דעם בעל־הבית פֿון דער מויער? און אפֿשר האָסטו באַגעגנט לייב באַנאַך, וואָס פֿלעגט אויפֿקויפֿן פֿערדישע וויידלען? נאָר דער גוי פֿאַררוקט

Then did Rechele, she who was reputed to be half-witted, cover her face with her delicate hands, bend over and begin to cry softly, bewailing her fortune—and she wept as one who has all her wits about her. Her long hair nearly touching the floor, her girlish shoulders quivered. As Nechele spoke the girl sobbed. Her breasts trembled, and she could not utter a word. She was still whimpering when Nechele, who was used to both the screams of women in birth and the shrill mourning of brides, rose and left. A thin smile played about Nechele's lips when she later said to the menfolk: "Ah well, she's not mad at all! Fetch Reb Eleazar home, and she will put on the bonnet soon enough."

Reb Itche Mates' friends collected a few coins and sent a runner to the villages, to locate Reb Eleazar and bring him back. The messenger had been away several days, and there was still no word. People whispered anxiously that both Reb Eleazar and the messenger had been killed in the village of Kotzitza. There was a magician in that hamlet who, it was said, shrank human heads. Meanwhile Reb Itche Mates waited in the dark room in Reb Godel Chasid's home. All day long he sat swaying over the appendix to the Zohar, and working out numerical combinations of the names of Yaweh. At night, when everyone else was asleep, he stole out of Reb Godel Chasid's house and went to the bathhouse, which was situated between the infirmary and the old graveyard. Against the infirmary door rested the purification board awaiting a new corpse. In the moonlight the half-sunken tombstones looked like toadstools. Entering the bathhouse Reb Itche Mates lighted a piece of kindling and held it up like a torch. The walls were black with soot. Cats jumped from bench to bench, silently pursuing each other, with fiery eyes. The scorched stones lay cold and scattered near the oven. Reb Itche Mates took off his clothes. His body was covered with a heavy growth of yellow hair. It was scarred by the thorns and thistles on which he had mortified himself. Silently he went down to the pool by way of the crooked stone steps, noiselessly slipped into the water, submerged himself without a splash, and disappeared for a few minutes. Slowly and cautiously, like some water creature, he lifted his drenched head. Two and seventy times did he immerse himself, according to the numerical signification of the letters Ayin and Beth. When he had done he clothed himself and went off to recite the midnight prayers.

Reb Itche Mates moved restlessly in the room that Reb Godel Chasid had set apart for him, until daybreak. Rather than annoy the mistress of the house, he did not light the wick in the oil lamp. Sprinkling ashes on his head, he strode from wall to wall in the darkness, chanting verses, lamenting the destruction of the Holy Temple, and begging the Holy One, blessed be He, to take back the Divine Presence which he had driven away into Exile with Israel. Between prayers he grew silent, as though attentive to things taking place in other worlds, which his ears alone could discern. Outside the wind blew, rattling shutters and bringing the rending cry of an infant and the singsong lullaby of a mother. Reb Godel Chasid started up from sleep, awoke his wife, and said, "Rechele is greatly honored. Reb Itche Mates is a holy man. She must be righteous too."

They waited for more than eight days, and still there was no word either of Reb Eleazar or the messenger. Every peasant who came to Goray was interrogated:

"Have you heard anything, Ivan, of Reb Eleazar, the owner of the brick house? Or have you perhaps met Leib Banach, who used to buy horses' tails?"

זיין שעפסענעם הוט איבער די קודלעס, רייבט דעם שטערן, קוקט העט־ווייט, זיך צו דערמאָנען, פינטלט מיט די אויגן, און טענהט:

— וואָס, נישט געזען, נישט געהערט . . .

און ער שפאַנט אַוועק אין דער טיפער בלאָטע.

איז צוגעקומען אין גאָריי אַ נייע עגונה און נאָך איין יתומה. קראָען קראַקען שוין וועגן דעם אויף די דעכער; בלויז ר' איטשע מאַטעסן דערציילט מען נישט, ווייל מ'ווייסט, אַז ער וועט דערפון האָבן גרויס צער. לייב באַנאַכס, דעם שליחס, ווייב האָט זיך געזעצט שבעה. רעכעלע וויינט־אויס די אויגן און עס דרייען זיך שוין אַרום איר גבאיטעס. מען קאָכט פאַר איר עסן אין קליינע טעפלעך, מען נייט פאַר איר איבער אַלטע מלבושים און מען קומט זי טרייסטן און איר אויסרעדן. כינקעלע די פרומע נעכטיקט מיט איר צוזאַמען, שדים זאָלן זיך צו איר נישט באַהעפטן.

רעכעלע איז קראַנק. פון די געקעכצער, וואָס מען ברענגט איר צו טראָגן, פאַרזוכט זי כמעט נישט. דעם שטייגער פון ווייבער פירט זי נישט. לאַנגע שעהן דרייט זי זיך אַרום איבער דער שטוב אַהין און צוריק, ווי אין אַ שטייג, און האַלט אין איין זוכן אין אַלע שפּאַלטן און לעכער. טיילמאָל, פון דער העלער הויט, גיבן זיך אַ גאָס ליכטיקע טראָפּנס פון אירע אויגן, ווי פון אַ בוים נאָך אַ רעגן. אַן אַנדער מאָל צעלאַכט זי זיך אַזוי הויך, אַז ס'הילכט אָפּ אין אַלע חרובע שטובן און גענג פון דער אַלטער מויער. ביינאַכט, פאַרן שלאָף, פאַרהענגט זי דאָס פענצטער מיט אַלערליי אַלטע קליידער, וואָרן זי האָט פורכט פאַר דער שיין פון דער לבנה. אָבער די העלע נעכט קוקן אַריין דורך די שפּאַלטן. אויף די אָפּגעקראָכענע ווענט הוידען זיך ליכטיקע פלעקן און ס'ציטערן שנירלעך פערל. רעכעלע קריכט אַראָפּ פון בעט אין בלויזן העמד, הערט זיך צו צום קראַצן פון מייז און צום שאַרכן אין טרוקענעם האָלץ צווישן אויוון. טיילמאָל וועקט זיך אויף אינדרויסן אַ קראָ מיט אַ גערוכט קראַקעניש. אַנומלט פאַרטאָג האָט זיך רעכעלען אויסגעדוכט, אַז די פאַרשנייטע קאַשטאַן־ביימער אַקעגנאיבער האָבן אינמיטן ווינטער אָנגעהויבן צו בליען . . .

שוין עטלעכע טעג ווי זי הערט אינמיטן דער נאַכט אַ מאַנסבילש געלעכטער און אַ כיכעניש. וויפל מאָל כינקעלע די פרומע שלאָפט־איין, וועקט זי רעכעלע, טאַרעט זי ביים אַקסל.

— כינקעלע, זייט נישט ברוגז, — זאָגט זי אַ שולדיקע. — עפּעס קאָן איך נישט איינרוען . . .

— וואַרט, וועסט חתונה־האָבן מיט ר' איטשע מאַטעסן — וועט אַלדאָס שלעכטס דיך מיידן, — זאָגט כינקעלע. — ער איז אַ הייליקער מאַן . . . מ'האָט אים געשיקט פון הימל, ער זאָל דיך ראַטעווען . . .

— כינקעלע־קרוין, כ'האָב אַזוי מורא פאַר אים! — טענהט רעכעלע און איר קול ברעכט זיך. — ער האָט טויטע אויגן . . .

— פוי, פוי, משוגענע! — גיט זיך כינקעלע אַ וואָרף, און עס נעמט זי אָן ביי דער זיבעטער ריפּ. — וואָס ס'האָט זיך מיר געחלומט היינטיקע נאַכט און אַלע נעכט, זאָל אויסגיין צו שונאימס קעפּ און צו זייער לייב־און־לעבן . . . קום, לייג דיך נעבן מיר, וועל איך מיט דיר זאָגן אַ שפּרוך . . .

רעכעלע ליגט זיך נעבן כינקעלען און יענע זאָגט מיט איר אַ לחש. דערנאָך נעמט כינקעלע די פרומע שנאָרכן און פייפן מיט איר דאַרער שופר־נאָז. מיט איינמאָל טוען די קליידער איבערן פענצטער אַ פאַל אַראָפּ און אין שטוב ווערט ליכטיק ווי בייטאָג. רעכעלע זעט איצט יעטוועדע זאַך: די טעפּ אויפן קוימען, דאָס שפּינוועבס אויף די ווענט, די לייבן אויפן מזרח מיט די אויסגעדרייטע קעפּ און אַרויסגעשטעקטע צונגען. ביי כינקעלען איז איין אויג האַלב אָפּן און פאַרגלייזט, דאָס אַנדערע — צוגעקוועטשט און איינגעשרומפּן, ווי עס וואָלט געווען אויסגערונען. אין די ווינקלען זענען די קנייטשעלעך אַנגעצויגן, ווי זי זאָל לאַכן אין שלאָף. רעכעלע זעצט זיך אויף, לענט־אָן דעם קאָפּ אָן די קניען און וואַרט אויפן קרייען פון האָן. די ביינער טוען ווי, די געהירן אין שיידל זענען זאַמדיק, און די טראַכטענישן זומען דאָרט אַרום ווי פליגן. זי הויבט־אויף דעם בליק, קוקט מיט צעגאָסענע שוואַרצאַפּלען ערגעץ אין שנייאיקן, גרינלעך־צעהעלטן דרויסן, ציטערט־אויף יעדעס מאָל, ווי פון אַ ביס, און מורמלט:

— איך האָב מער קיין כוח נישט! . . .

— גאָט געאַכפּערטער, נעם מיך צו! . . .

But the peasant would push his sheepskin cap back over his tousled hair, rub his forehead, look far into the distance to jog his memory, blink, and remonstrate: "I've seen nothing, heard nothing. . . ."

And he would stride off in the deep mud.

Thus Goray acquired a new deserted wife and a new orphan. The crows cawed the bad news from the rooftops; Reb Itche Mates was the only one not to be informed of it, for certainly the news would have made him unhappy. The wife of Leib Banach the Messenger sat for seven days of mourning. Rechele cried her eyes out and the good women of the town looked after her. They prepared delicacies for her in small pots, made over old garments for her to wear, and came to console her and to talk away the evil spirits. Chinkele the Pious spent the night with Rechele, that demons might not attach themselves to her.

Rechele was sick. Of the delicacies that were brought her she tasted almost nothing, and she missed her period. Hour after hour she moved aimlessly about the house like one in a cage, and peered into every crack and crevice. Sometimes, for no reason, tears began to drop from her eyes, as from a tree after rain. At other moments she would suddenly fall to laughing, so loud that the echo resounded through all the corridors and alcoves of the ruined house. At night, before going to sleep, she draped the window of her room with all kinds of old clothes, out of dread of moonlight. But the bright night spied through the cracks, light stained the faded walls, trembling in long pearl strands. Rechele crawled down from bed in her night dress, listening to the scratching of the mice and the dry crackle of the firewood behind the stove. Sometimes a crow outside her window would awaken with a throaty cry. One day Rechele imagined that the snowcovered chestnut tree across the way had begun to blossom.

For a few days Rechele had heard the sound of a man laughing and braying in the middle of the night. As often as Chinkele the Pious fell asleep, Rechele would wake her with a tug at the shoulder.

"Chinkele, don't be angry," she would say guiltily. "Somehow, I can't rest."

"Be patient—soon you'll be married to Reb Itche Mates, and nothing bad will come near you," Chinkele would say. "He is a holy man sent by Heaven to save you."

"Chinkele, darling, I'm so afraid of him!" remonstrated Rechele, and her voice broke. "He has dead eyes!"

"You mad creature!" Chinkele cried, infuriated. "God send your enemies such nightmares! Come, lie down near me, and I'll drive off the evil spirit."

Rechele lay near Chinkele, who whispered an incantation. Then Chinkele the Pious began to snore and whistle through her thin nose. Suddenly the old clothes dropped from the window and the room became bright as day. Now Rechele could distinguish everything: pots on the hearth, cobwebs on the walls, and the lions on the eastern wall tapestry, with their heads averted and tongues protruding. One of Chinkele's eyes was half open and glazed, the other shut tight, shrunken as though the liquid had run out of it. There were so many wrinkles in the corners of Chinkele's eyes that she seemed to be laughing in her sleep. Raising herself, Rechele rested her head on her knees, waiting for the cock's crow. Her arms and legs ached, the brains in her skull crumbled like grains of sand, and thought buzzed about in her head like flies. Lifting her gaze, she stared into the dazzling snowy landscape and shuddering, as from many pinpricks, murmured:

"I've no strength left! Merciful God, take me!"

# אַ בריוו פון לובלין

איז געקומען אַ שליח פון לובלין און האָט געבראַכט צו ר׳ בינוש אשכנזי אַ בריוו. דער בריוו איז געשריבן געווען אין לשון־קודש, מיט קליינע פערלדיקע אותיותלעך אויף אַ בויגן פאַפּיר, און געחתמעט מיט אַ שוואַרצער קיילעכיקער חתימה. ער האָט זיך געלייענט בזה הלשון:

צום כבוד פון האַר פון דער תורה, דער צדיק די גרונטפעסטיקייט פון דער וועלט, יכין און בועז, די זיילן, אויף וועלכע דאָס הויז איז אָנגעלענט, די טירן פון גאָטפאָרכטיקייט און קלוגשאַפט זענען פאַר אים קיינמאָל נישט געשלאָסן, די שיינקייט פון דור און זיין צירונג, דער שטאַרקער האַמער, וואָס רייסט־אויס בערג און צערייבט זיי איינעם אָן אַנדערן מיט שטורם, אונדזער רבי און פירער, דער געטלעכער גאון, דאָס איז ר׳ בינוש אשכנזי, וואָס זיין שיין זאָל לייכטן אויף שטענדיק און אייביק, און ער זאָל לעבן יאָרן גוטע, לאַנגע און אין פרידן אמן.

אַ הערונג האָב איך געהערט און מיין אינגעווייד איז דערציטערט געוואָרן, אַ ווייטאָג האָט מיך אָנגעכאַפּט ווי אַ געווינערין אויף דער ברוכשטול, און איך האָב געשריגן אַ גרויס געשריי און אַ ביטערס, ווייל עס זענען אויפגעשטאַנען לייט זינדיקע און מוטווילִיקע און זיי האָבן געטון זאָגן: לאָמיר אָפּרייסן פון זיך די גראָבע שטריק און דעם יאָך פון דער הייליקער תורה און גאָט, געלויבט איז ער. און זיי לענען זיך אָן אויף דעם צעבראָכענעם רויר־שטעקן, דעם זינדיקן, וואָס מאַכט זינדיקן אַנדערע, ווי ירבעם בן נבט, שבתי צבי איז זיין נאָמען, אויסגעמעקט זאָל ער ווערן פון בוך פון לעבן. זיין כבוד האָט שוין אַוודאי פאַרנומען, דאָס שוין אַ לענגערע צייט ווי עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קול אין אַלע גרענעצן פון יהודה, אַז די צייטן פון משיח דערנענטערן זיך און נייע נביאים האָבן אויפגעשיינט, זעער פון חלומות און שטערן־קוקער, וואָס האָבן אויסגערופן אַזוי צו זאָגן: אין יאָר התכ״ו וועט קומען אונדזער אויסלייזער און וועט אַוועקגיין אין יענער זייט פון טייך סמבטיון, וואו ער וועט נעמען פאַר זיין ווייב די דרייצן־יעריקע טאָכטער פון משה רבינו, און דערנאָך וועט ער קומען צו רייטן אויף אַ לייב און וועט אָנריכטן גרויסע מלחמות מיט די פעלקער און וועט אויפשטעלן די סוכה פון דוד, וואָס איז איינגעפאַלן. איך אַליין, דער יונגער צווישן די טויזנטער, בין מודה, דאָס איך האָב קיינמאָל נישט אָנגענייגט קיין אויער און נישט געגעבן קיין גלויבן צו דידאָזיקע פרעמדע רייד, וועלכע האָבן נישט קיין אָנשפּאַר אין די רייד פון אונדזערע חכמים, זייער געדעכעניש זאָל געבענטשט זיין, און זענען געשעפּט געוואָרן פון רמזים אין זהר און אין אַנדערע קבלה־ספרים, וואָס וועגן זיי וויל איך ליבערשט שווייגן און טון אַ צוים צו מיין מויל, נישט אָפּגעבריט צו ווערן אין זייער קויל, דען זייער ביס איז דער ביס פון אַ פוקס און זייער שטאָך איז דער שטאָך פון אַן עקדיש וכו׳. אַ גרויס צעטומלעניש האָבן די דאָזיקע שמועות אַריינגעבראַכט אין די געצעלטן פון ישראל אין פּוילן, ווייל די שלעג, וואָס מיר האָבן געקריגן דורך דעם רוצח כמיעלניצקי, זיין נאָמען זאָל פאַרפוילט ווערן, און דורך די איבעריקע אכזרים, זענען נאָך פריש און טריפנדיק, און דאָס איבערבלייבעניש פון ישראל איז שטאַרק פאַראָרעמט געוואָרן און זיין כבוד איז געפאַלן צו דער ערד, וואָס אַזוינס איז נאָך נישט געהערט געוואָרן זינט ישראל איז פאַרטריבן געוואָרן פון זיין לאַנד ביז נון. אין יעדער שטאָט האָבן זיך דערוועקט איילִיקע לייט און גרינגע, וואָס האָבן אָן יעדער פאָרשונג און זוכעניש אָנגענומען די קערנער צוזאַמען מיטן שטרוי און זיי האָבן זיך געלאָזט פאַנגען אין דער נעץ, וואָס דער רשע האָט אויף זיי אויסגעשפּרייט, און אויך אַ סך קלוגע און פאַרשטענדיקע האָבן זיך באַהעפט אין זיי, אָדער מחמת פורכט עפענען זיי נישט די מיילער און ענטפערן אמן איבערדאַנק. אייער כבוד ווייסט דאָך וואויל, אַז אַ לאַנגע צייט מוז דויערן ביז עס דערגייען צו אונדזערע אויערן ידיעות פון די לענדער, וואָס געפינען זיך אונטער דער קעניגלעכער רוט פון טערק, און ס׳רוב איז אין דידאָזיקע ידיעות נישטאָ קיין ממש, און וואָר מיט ליגן געוועלטיקן צונויפגעמישט. אָבער פונדעסטוועגן קומען אָן פון טאָג צו טאָג נייע הערונגען, נישט ריינע און דערשרעקענדיקע, פון וועלכע די הערצער טוען צעגיין ווי וואַקס און די קניען ווערן געשטרויכלט. און אַזוי ווערט עדות געזאָגט, דאָס שבתי צבי זאָל אַרויסזאָגן דעם שם־הויה מיט די אותיות און אַז ער זאָל זיך אויך באַנוצן מיט שמות הטומאה, כדי כישוף צו טרייבן און צו פאַרענדערן

An emissary came from Lublin to Goray bearing a letter for Rabbi Benish Ashkenazi. Written in the holy tongue, in small ornate characters, with the signature ending in a flourish, it read thus:

"To the master of the holy teachings, the righteous one, the foundation of the universe, like unto Joachin and Boaz, he that is the pillar of our house, for whom the doors of the fear of the Lord and wisdom are never shut, the pride of our generation and its glory, the strong hammer whose learning smashes mountains and grinds them fine, our rabbi and leader, the man of God—that is to say, to Rabbi Benish Ashkenazi, may his light shine forever and forever, and may he live many long happy years and in peace, amen.

"I have heard the tidings and pangs and throes assailed me as a woman in labor, and I cried with a loud and bitter cry. For a wicked people have arisen, sons of Belial that did say: 'Let us break the bands asunder and the yoke of the holy teachings and of God (blessed be he!).' And they did trust in the staff of the bruised reed, that sinful man who leads others to sin, like unto Jeroboam the son of Nebath—Sabbatai Zevi is his name, may he be erased from the book of life. Certainly his repute must have reached your ears, for it is many years now since first the cry went forth to all the borders of Judah—that the time of the Messiah was on hand, and that new prophets had arisen, visionaries and stargazers, who were proclaiming: 'In the year 5,426 from the Creation of the World [1665] our redeemer cometh. He shall pass over the river Sambation to the other side. There he shall take for wife the thirteen-year-old daughter of our master Moses. Afterward he shall come back to us riding on a lion, to wage great wars with the peoples of the earth, and to raise up the fallen tabernacle of King David.' I alone, the little one among the thousands of Judah, must confess that I have never inclined an ear or given any credence to this alien talk, which has no sanction in the words of our wise men, of blessed memory, and flows from allusions in the Zohar and other cabalistic volumes, about which I would rather be silent. I shall keep a curb on my mouth, that I may not be burned by their speech, for their bite is as the bite of the fox and their sting is as the sting of the scorpion, and the like. These tidings have brought great confusion to the tents of Israel in Poland, for the wounds we got at the hands of the murderer Chmelnicki (may his name perish!) and from the other cruel men like him, are still festering, and the remnant of Israel is greatly impoverished, and our pride is fallen to the earth—the like has never been seen or heard since the day that Israel was driven from its land. In every town where these tidings came there sprang up empty and lightheaded men that, without considering, accepted the chaff together with the wheat, and let themselves fall into the net which the wicked man had spread at their feet. Likewise a great number of men of wisdom and understanding were captured in that net, or else feared to open their mouths, and cried Amen, despite themselves. Your Honor knows well that a long time must pass before any news can reach our ears from those lands that are under the sceptre of the Turk, and that for the most part there is no substance in such news, wherein truth and falsehood are mingled. Nevertheless, daily new tidings do arrive, filthy and terrifying, which cause our hearts to melt like wax and our knees to grow weak. For witnesses do testify that Sabbatai Zevi doth pronounce the holy name of God, sounding every letter in it, and that he doth make use of the impure names to do his magic and to

דעם שטייגער פון דער טבע, פון וועגן מען זאָל גלויבן אין אים און אין זיין לערנונג. ער זאָל אויך אָנרופן זיך אין זיינע בריוו — איך אייער גאָט שבתי צבי. ווי איז צו די אויערן, וואָס הערן דאָס, און ווי צו די אויגן, וואָס זעען דאָס, דען דאָס איז דאָך לעסטערונג און דערצערענונג, וואָס וועגן דידאָזיקע לייט ווערט געזאָגט: דאָס גיהנום וועט פאַרלעגדט ווערן און זיי וועלן נישט פאַרלענדט ווערן, דען זייער פייער וועט נישט פאַרלאָשן ווערן און זיי וועלן זיין אַ שאַנד צו יעדן לייב. איך, דער קליינער צווישן די קלענסטע, האָב געפּרואווט נאָכפאָרשן וועגן דעם וואָרצל פון דער זאַך, אָבער ווער קאָן אָנגורטן זיינע לענדן קעגן המון, וואָס וויל איינשלינגען לעבעדיקערהייט יעדן, וואָס וואַרפט אַ ספק אין זייער פאַרדאָרבענעם גלויבן, און וויל אַרויסזיפּן מיט אַ זיפּ די פּערל פון זאַמד? ווער ווייסט, צי שבתי צבי טראַכט נישט צו ווערן אַן אָפּגאָט און אַן עבודה זרה, ווי מחמד און די איבעריקע, וואָס האָבן געפעלשט גאָטס רייד און פאַראומריייניקט די וועלט. און וואָלטן מיר, די חכמים פון פוילן, די הירטן פון דור, געקאָנט דעם מאַן און זיינע רייד, וואָלטן מיר אַרויסגעטרעטן קעגן אים מיט דעם פייל־און־בויגן פון תורה און מיר וואָלטן מלחמה געהאַלטן די מלחמה פון גאָט ביז ער וואָלט פאַר־טיליקט געוואָרן. אָבער צום ווייטאָג פון אונזער האַרץ קאָנען מיר נאָך דערווייל נישט אַרויס מיט זיכערע טענות קעגן אים און מיר מוזן וואַרטן, וואָס דער טאָג וועט געבירן. און ווי וואויל אַ סך גרויסע נאַרן זיך אין אים, שווער איך ביים לעבעדיקן גאָט, אַז שבתי צבי איז נישט אונדזער משיח, צו וועלכן אונדזערע אויגן גייען־אויס שוין קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר. ניירט פאַלשקייט און אָפּנאַרעריי טוען טריפן זיינע לעפצן. אַן אָפּרעדער און אַ פאַרשטויסער איז ער, וואָס האָט געזאָגט: איך וועל פאַרלענדן יעקב און פאַרוויסטן זיין וואוינונג, און ער וועט זיכער אָרבן אַ גרויסע מפּלה, ווייל ווער איז דען אויפגעשטאַנען קעגן דער אייביקייט פון ישראל און איז געבליבן באַשטיין? ביטער וועט זיין זיין סוף און אַלע פלוכן פון דער תוכחה און די קללות, וואָס יהושע האָט געשאָלטן ביי יריחו, וועלן װדאי פאַלן אויף זיין קאָפּ, אמן כן יהי רצון.

און איך וואָלט דאָס אַלץ נישט געשריבן, דען די צייט איז נאָך נישט געקומען און מיר מוזן זיך דערווייל אָנלענען אויף געפעלשטע בריוו און אויף די שפּינערינס קעגן דער לבנה כנ״ל. אָבער דורך אַ טראַף איז דערגאַנגען צו מיר די ידיעה, אַז אין אייער הייליקער קהלה איז געקומען אַ מאַן, איטשע מאַטעס איז זיין נאָמען, נבל הייסט ער און די אומוויר־דיקייט איז מיט אים. און דער דאָזיקער פעלשער און באַטריגער מאַכט דעם אָנשטעל פון אַ גרויסן, ווי עס איז דער שטייגער פון אַלע, וואָס טוען אומרעכט, און אַ גרוב טוט ער גראָבן פאַר אַלט און יונג, זיי צו פירן אין געפאַנגענשאַפט דורך זיין גאָטפאַרכטיקייט און זיינע פרעמדע וועגן, וואָס אַזוינס האָט נאָך קיין אויג נישט געזען. לויט זיינע רייד פאַסט ער פון שבת צו שבת, טובלט זיך פיל מאָל (אָבער דער שרץ איז אין זיין האַנט), פייניקט זיין לייב מיט אַלערליי פּיין, אָפּצונאַרן און אַראָפּ־צופירן רעכטפאַרטיקע פון גוטן שטעג און זיי אַריינצוואַרפן אין דעם אונטערשטן גרוב פון לייקענונג, וואָס וועגן דעם האָט שלמה המלך געזאָגט: אַלע, וואָס קומען דאָרטן אַריין, וועלן מער נישט צוריקקערן און זיי וועלן נישט דערגרייכן די וועגן פון לעבן. אָבער נישט מיט דער קראַפט פון גאָטווירקט דער דאָזיקער מאַן, נייערט מיטן כוח פון דער סטרא־אחרא, דען כישוף טוט ער טרייבן, צו מתים טוט ער פאָרשן, דער שטעקן זאָגט אים און מיט שדים איז זיין בונד פאַרשניטן, ווי ס'האָבן דאָס אויפגעדעקט די גרויסע פון דער וועלט, ווער זענען די קעניגן — רבנים. אויף יעדן אָרט, וואו די זויל פון זיין פוס האָט נאָר געטרעטן, האָט ער געגעבן רפואות און קמיעות צו היילן שלאַפע און אַרויסצוטרייבן דיבוקים, ווי עס פירן זיך די בעלי־שם און די יעניקע, וואָס האָבן אַריינ־געקוקט אין וויינגאָרטן און זענען נישט געשעדיקט געוואָרן. אָבער

alter the course of nature, that men may believe in him and his teachings. It is also said that he styles himself in his letters as 'I, your God, Sabbatai Zevi.' Woe to the ears that have heard these things, and woe to the eyes that have seen them! For this is blasphemy and taunting of the Lord, of which it has been said: 'The fires of Gehenna shall be quenched, but their fire shall not be quenched, and they will be an abhorring unto all flesh.' I, the least of men, have sought to search into the roots of the thing—but who can gird his loins against a people that consumes alive all who dare cast the slightest doubt on their depraved belief—this multitude that would not sift pearls from sand? Who knows, perhaps Sabbatai Zevi intends to become the idol of an idolatry, like Mahomet and all the others who have forged the word of God and contaminated the world? If we, the wise men of Poland, the shepherds of our generation, had ourselves but known what he has done and his doings, we might have been able to go forth to meet him, armed with the shafts of the Torah, and we might have waged war upon him, the war of God, until he were utterly destroyed. But, to our sorrow, we know not the man and cannot, until we do, confront him with proof positive; we must in the meantime wait to see what the day will reveal. And though many and great men do err about him, I swear by the living God that Sabbatai Zevi is not our Messiah, for whom our eyes have yearned these nigh two thousand years. For falsehood and deceit drip from his lips. An inciter and a seducer is he, one that hath said: 'I shall devour Jacob and lay waste his habitation,' and of certain he shall meet his downfall. For who then has ever risen against the Eternal One of Israel and prospered? Bitter will be his end, and all the execrations of God in the twenty-sixth chapter of Leviticus and the twenty-eighth chapter of Deuteronomy, and all the curses which Joshua visited on Jericho will certainly fall on his head, Amen, so be His will.

"Nor would I have written all these things, for the time is not yet ripe and we must in the meantime lean upon forgers of letters and spinners of moonbeams (as mentioned above). But by chance the news reached me that there has come to your holy community a man, one Itche Mates by name (as his name is, so is he—Folly his name is, and folly is with him). And this forger and seducer doth give himself out to be a great man, as is the way of all who practice to deceive. He hath made a pit and digged it for young and old, to take them captive through his hypocritical piety and alien ways, the like of which no eye hath ever seen before. From what he says, one is to believe that he fasts from Sabbath to Sabbath, immerses himself many times in the ritual bath (with a rat in his hand!), mortifies his body with all manner of mortifications—all this he says and does to lead proper people into error and to seduce them from the path of righteousness, and to cast them into the lowest pit of heresy. Of such men King Solomon, the wisest of all men, hath justly said: 'None that go unto her return, neither do they attain unto the paths of life.' For this man works not through the power of God, but rather through that of the Evil One. He doth work magic. He doth consult with ghosts and his staff declareth unto him, and he hath made a covenant with demons. This has been revealed by the great ones, the kings of the world—and who, say, are the true kings of the world? They are our masters, the rabbis. Every place where the sole of his foot treads, he gives out cures and amulets to heal the sick and drive out evil spirits, like those masters who were able to venture into the vineyards of cabala and emerge unharmed.

קענער פון קבלה, די ווייסער פון רמז און סוד, האָבן זיינע קמיעות נאָכגעפאָרשט מיט זיבן נאָכפאָרשונגען און זיי האָבן אויסגעפונען, אַז ער באַנוצט זיך מיט נעמען פון שדים און שידות, פון בייזע רוחות און חוצפהדיקע הינט, זאָל אונדז גאָט היטן און באַשירעמען. נישט בלויז וואָס זיינע קמיעות האָבן נישט געהאָלפן, נאָר פון וועגן אונדזערע גרויסע זינד האָבן זיי נאָך גורם געווען, דאָס אומשולדיקע קינדער, וואָס האָבן נאָך נישט געפילט דעם טעם פון חטא, און ריינע לייט זאָלן שטאַרבן מיט אויסטערלישע טויטן און שווערע קרענק. די האָר פון קאָפּ שטעלן זיך אויף, ווי די נעגל, וואָרום די קליפּות האָבן אַ שליטה אויף יענע, וואָס באַנוצן זיך מיט זיי, און זענען זיך נוקם אויף דער וועלט און אויך שפּעטער, ווייל זיי באַהעפטן זיך מיט דער נשמה און טוען זי פאַראומרייניקן מיט אַלערליי אומריינקייט. נישט איינמאָל האָבן די רבנים, גאָטספאָרכטיקע און גאַנצע, געוואָרנט דעם איטשע מאַטעס, ווייל מ'טאָר נישט שטראָפן, נאָר פריער וואָרענען, אָבער ער שפּעט אין זיין האַרץ אויף די רייד פון די צדיקים. מיטן מויל טוט ער ברומען ווי אַ הונט און ער פּרוּווט רייניקן דעם שרץ מיט הונדערט און פופציק טעמים, אָבער שטילערהייט טוט ער זיך באַהעפטן צום שטן דעם פאַרדאַרבער און צו זיין לילית, און געגענט צו זיי קרבנות. צו שדים שעכט ער, נישט צו גאָט. זיין בוזעם־קעשענע איז פול מיט געפעלשטע בריוו פון די גרעסטע און זיינע לעפצן טריפן מיט פאַלשקייט. דען מיט אַ גלאַטיק צינגל טוט ער רעדן און דער גיפט איז אונטער זיין גומען. כדי נאָך צו מערן דאָס שלעכטס, איז דער דאָזיקער פאַלשער נביא איינגעטונקט אין מרה־שחורה, וואָס איר וואָרצל איז אין ניאוף, ווי עס ווערט געבראַכט אין הייליקע ספרים. אין יעדער שטאָט רעדט ער אויפן האַרץ פון אַן אשה, זי אַריינצוברענגען אין בונד פון חתונה, אָבער זיין מיין איז זי צו פאַראומרייניקן און אויף איר אַרויסצוציען אַ שלעכטן נאָמען. דען נאָך דער חתונה דערווייטערן זיך פון אים די ווייבער מחמת זיינע מיאוסע אויפפירעכצער, ווייל פון צופיל עוסק זיין אין כישוף, איז ער אַליין אויך פאַרוועבט געוואָרן אין איר נעץ און ער האָט מער נישט די גבורה פון אַ מאַן: ער וועט בויען זיין הויז, אָבער עס וועט נישט שטיין . . . פונדעסטוועגן וויל ער זיי נישט גטן, און לאָזט זיי זיצן עגונות, און די טרערן זענען אויף זייערע קינבאַקן, און זייער ביטער געוויין טוט שפּאַלטן די הימלען, און קיין הילף איז נישטאָ צו זיי. וויי איז צו אים און וויי איז צו זיין נפש, וואָס טרויערט אין די פאַרבאָרגענישן. זאָלן אים שעלטן די שעלטער פון טאָג, וואָס זענען אָנגעברייט צו דערוועקן דעם לוויתן.

און איצט בעט איך זיין כבוד, קוק נישט אויף דער קרוג, נאָר דערין, וואָס אין איר איז, און לאָז נישט צו, דער רשע זאָל שלאָגן אַ וואָרצל אין דיין הייליקער עדה, וואָס האָט אַ נאָמען, ווי גוטער בוימל, בשמים און נעגעלעך. נייג נישט דיין אויער צו זיינע רמזים און פאַלשקייטן. רייס אים אויס מיטן שורש. שלאָג אים, בייל אים, מאַך אים צו שאַנד און צו שפּאָט, און דו זאָלסט אויסרוימען דאָס שלעכטע פון צווישן דיר, ווי מען האָט דאָס מיט גאָטס הילף געטון אין אַלע אַנדערע הייליקע קהילות. דען פון קאָפּ ביז די פיס איז נישטאָ אין אים קיין גאַנצקייט, פול מיט בײלן, וואונדן און פייכטע מכות. טו־אָפּ דאָס פאַרשטעלונג פון זיין פּנים, צו הייליקן דעם נאָמען פון אויבערשטן און צו באַצאָלן דעם זינדיקער זיין לוין, און דאָס בלוט, וואָס ער האָט פאַרגאָסן, זאָל פאַלן אויף זיין קאָפּ. אויסמעקן זאָלסטו אויסמעקן דעם אָנדענק פון עמלק פון אונטערן הימל, און דו זאָלסט דיך דערווייטערן פון אַ שלעכטן שכן און נישט באַהאָפטן ווערן צו פּורעניות. פאַרטרייב אים מיט גרויס פאַרשעמונג, ווי ס'האָבן געטון אַלע גרויסע אין זייערע שטעט, און דעק אויף זיין שאַנד, כדי ער זאָל וויסן, אַז עס איז דאָ אַ שופט אויף דער וועלט און ישראל איז נישט קיין אַלמן, דען דאָס וואַסער דערגרייכט שוין ביזן האַלדז און עס איז מער נישטאָ קיין כוח צו ליידן פון די צבועים און נבואה־זאָגער, וואָס ווילן אויסרייסן אַ צווייג פון יהודה, די תלמידי־חכמים, און זיי פאַרטרייבן פון דער וועלט. דער בויגן איז צו־קורץ און נישט אַלץ איז געגעבן געזאָגט צו ווערן. גיב דעם חכם און ער וועט קליגער ווערן און ער וועט פאַרשטיין אַ זאַך פון אַ זאַך. און גאָט זאָל זיין אין אונדזער הילף און רייניקן די וועלט פון שוים פון דעם נחש און פון דעם גיפט פון פּיפּערנאָטער, און דערמיט טו איך אַ סוף צו די רייד און ענדיק מיט אַ צעבראָכן און אַ צעשטויסן האַרץ און מיט שטרויכלענדיקע קניען —

פון מיר דעם קליינעם צווישן די קלענסטע, דעם פּוקס צווישן די פּוקסן, אַ שוועל צו טרעטן פאַר די פיס פון חכמים, אַ וואָרעם בין איך, נישט קיין מענטש, די חרפּה פון לייט און מבוזה ביים פאָלק, יעקב דער זון פון הייליקן ר' נחום, דער אָנדענק פון צדיק זאָל געבענטשט זיין, אַמאָל בין איך געווען אב־בית־דין פון דער הייליקער קהלה פּינטשעוו און היינט לאַגער איך אין דער הייליקער קהלה לובלין, גאָט זאָל זי היטן און באַשירעמען.

But those who know cabala truly, those who understand its allusions and mysteries, have searched his amulets closely and have found that he makes use of the names of demons and demonesses, of hobgoblins and brazen hounds (God help and shield us!). And not only have his amulets been of no avail, they have instead brought innocent children, that had not before tasted of sin, as well as pure-hearted men, to die from extraordinary causes, after lingering illnesses. The hair of my flesh doth stand up, for the devils take dominion over those who make use of them, wreaking their vengeance on them both in this world and in the world-to-come. For they attach themselves to the soul and do it all manner of filth. The rabbis, God-fearing and perfect souls, have often warned Itche Mates to cease his practices—for one must warn the culprit before punishing him. But he mocks in his heart the utterances of the righteous. He howls like a hound with his mouth, and finds a hundred and fifty arguments with which to declare the unclean clean; but in secret he clings to Satan and to Lilith, and offers up sacrifices to them. To demons he doth sacrifice, not to the living God. His pocket is full of forged letters from the greatest men of the generation, and his lips drip with deceit. With a tongue of blandishment he doth speak, and the poison is under his gums. To make matters worse, this false prophet is forever sunk in melancholy, whose root is lust, as has been clearly demonstrated by our sages. In every town he comes to he speaks upon the heart of some woman to join him in the bond of matrimony, but his purpose is to make her unclean and to give her a bad name. For after the marriage his wives all move away from him, because of his ugly ways; from too much magic working, he has himself been caught in the web, and no longer has the strength to act the man's part; he shall lean upon his house, but it shall not stand. . . . Nevertheless, he will not divorce them, and lets them sit alone, grass widows, the tears on their cheeks, their bitter cries splitting heaven, with no recourse. Woe to him, and woe to his soul, that shall weep in secret: Let them curse it that curse the day, who are ready to rouse up leviathan.

"And now I beg Your Honor, regard not the vessel but that which is in it, and let this wicked man not strike root in your holy congregation, whose name is as ointment poured forth, henna and spikenard. Incline not your ear to his allusions and falsehoods. Tear him out by the roots. Beat him, break his head, make him a disgrace and a mockery, and so shalt thou put away the evil from thy midst, as was done with the help of God in other holy congregations. For from the sole of the foot even unto the head there is no soundness in him, but wounds and bruises and festering sores. Tear the veil from his face, to sanctify the name of Him who is on high, and to give the wicked the reward for his wickedness. Let the blood that he has shed fall on his own head. Thou shalt blot out the remembrance of Amalek from under heaven. Drive him off in shame, as have done all the other great men in their towns, and uncover his nakedness for all to see, that he may know that there is a judge and justice in the world, and that Israel is no widower. For the waters are come in even unto the soul, and there is no longer the strength to suffer these hypocrites and prophesyers, who would tear down the branch of Judah—that is, the disciples of the wise—and do away with them utterly. This sheet is too short, and not all things can be said. Give to the wise man and he will be yet wiser, understanding one thing from another. And God shall stand at our side and cleanse the world from the scum of the serpent and the poison of the basilisk. With this I put an end to words and conclude with a broken and a contrite heart, and with faltering knees.

"—From me, who am the smallest of men, the tail of the fox, the threshold to be trodden by the wise. A worm am I, and no man, one to be mocked and despised by all: Jacob, the son of the holy Rabbi Nachum (blessed be the memory of the righteous!), once the head of the holy community of Pintchev, and now resident in the holy community of Lublin (God protect and shield it!)."

# יב

## ר׳ בינוש ברייט זיך צו דער מלחמה מיט דער כת שבתי צבי

ר׳ בינוש ברייט זיך צו צו דער מלחמה מיט דער כת שבתי־צבי. ער האָט געשיקט גרונמען, ער זאָל אויספאָרשן דעם פאַקן־טרעגער איטשע־מאַטעס און זיינע גענג, און האָט אַרויסגעהאָנגען אויף דער צוים פון שולהויף אַן איסור נישט צו לייענען די קונטרסים, וואָס קומען אַן פון דער פרעמד. ער האָט אויסגערופן, דאָס אַלע, וואָס האָבן קמיעות, זאָלן זיי ברענגען דורכצוקוקן, דען ס׳האָבן זיך פאַרשפּרייט שמועות, דאָס אין אַ סך זענען איינגעשריבן שמות הטומאה און דער נאָמען פון שבתי צבי. שבת האָט דער רב צווישן שחרית און מוסף געדרשנט אין שול אויף דעם פסוק אל תעירו ואל תעוררו את האהבה עד שתחפץ און אויפגעוויזן די זינד פון צואיילן דעם קץ. ער האָט אויך דערציילט וועגן די פאַלשע משיחים, וואָס זענען אויפגעשטאַנען פאַרצייטנס, און וועגן די גזרות, וואָס זיי האָבן געבראַכט אויף יידן. כדי די יונגעלייט, די מקובלים, זאָלן זיך נישט קאָנען צונויפנעמען אין מיטן דער נאַכט, ווי זיי האָבן געטון ביז איצט, האָט ער באַפוילן צו שליסן שפּעט אין אָוונט דאָס בית־מדרש און דאָס באָד. ר׳ איטשע מאַטעס קאָן זיך מער פאַר חצות נישט טובלען אין מקווה און ער גייט צום טייך הינטער דער שטאָט און נעמט מיט זיך אַ האַק אויפצוברעכן דאָס אייז. צוויי בחורים פון דער חבריא שפּאַנען פאַר אים מיט הילצערנע לאַמטערנס צו באַלייכטן דעם וועג, דען ער איז פול מיט גריבער און לעכער. ר׳ איטשע מאַטעס טראָגט אַ ספר יצירה צו פאַרטרייבן די רוחות רעות. שטיל, אָן אַ קרעכץ, טוט עס אויס זיינע קליידער און טיקט זיך אונטער. כדי ער זאָל, חלילה, נישט פאַרלירן די שמאָלע עפענונג, גיט מען אים צו האַלטן אַ שטריק. נאָך די טבילות דעקט ער נישט גלייך צו זיין געפרוירן ליב, נייערט ער וואַלגערט זיך אין שניי, קוילערט זיך באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ און רעכנט אויס זיינע עוונות. ער איז זיך אפילו מתוודה אויף דעם צער, וואָס ער האָט אָנגעטון דער מוטער, ווען ער איז געלעגן אין איר שויס . . . ר׳ בינוש רופט אים:

— חסיד שוטה . . .

דער אַלטער רב געפינט נישט קיין רו פאַר זיין געמיט. זינט די כת האָט זיך געשטאַרקט אין גאָריי, שרייט ער אָפּט אויף די שטובלייט און בייזערט זיך אויף די ווייבער, וואָס קומען מיט שאלות; ער האָט אויפגעהערט צו זאָגן ברוך־הבא די לייט, וואָס באַזוכן זיין הויז, און מיידט אויס צו דאַווענען מיט מנין, ווי ער וואָלט זיך אויסבאַהאַלטן. זיין הויכע געשטאַלט האָט זיך אויסגעבויגן ווי אונטער אַ לאַסט. ער האָט זיך געמאַכט אַ פירעכץ צו דרימלען בייטאָג, נישט ווי זיין שטייגער איז, און וועקט אויף אינמיטן דער נאַכט דאָס בני־בית, מען זאָל אים פאַר־ריכטן דאָס געלעגער, מחמת ער קאָן נישט שלאָפן און די ביינער טוען אים וויי. גלייך ווי דער אָוונט פאַלט־צו, הייסט ער פאַרמאַכן די לאָדן. ער שרייבט אַ סך בריוו, זיי ווערן אָבער נישט אַוועקגעשיקט און וואַל־גערן זיך אויפן טיש און אויפן דיל. וויפל מאָל מען ברענגט אים פון קיך מאָלצייט, לאָזט ער דאָס קאַלט ווערן און מען טראָגט עס אַרויס נישט געריר־טערהייט. ער לערנט מער נישט מיט די תלמידים קיין

# 12

## *Rabbi Benish Prepares for War with the Sabbatai Zevi Sect*

Rabbi Benish prepared for war with the Sabbatai Zevi sect. He sent Grunam to search out the packman Itche Mates and learn his ways, and on the fence of the prayer house he hung an injunction against reading the tracts from abroad. Rabbi Benish called on all those who had amulets to bring them in to be examined, for there were widespread rumors that the names of impure demons and of Sabbatai Zevi were written in many of them. On the Sabbath the rabbi preached in the prayer house between the morning and the afternoon prayers on the verse in the Song of Songs: "Awaken not, nor stir up love, until it please"; he pointed out that it was a sin to try to hasten the end of days. Rabbi Benish also told the congregation of the false Messiahs who had risen in days gone by, and of the persecutions that Jews had suffered because of them. To keep the young folk who were cabalists from gathering at midnight as they usually had done, he ordered the study house and the bathhouse closed late at night. Reb Itche Mates was no longer able to immerse himself in the bathhouse before the midnight prayer watch, and was forced to go to the pond beyond the town, taking along a hatchet to chop a hole in the ice. Two young men walked ahead of him with wooden lanterns to light the way, which was full of pits and holes. Reb Itche Mates carried the Book of the Creation to drive off evil spirits. Silently, without a sigh, he took off his clothes, and immersed himself in the water. So as not to lose the small break in the ice, he held on to a rope. After immersion he did not cover his frozen body immediately; instead, he rolled in the snow, recounting his transgressions. He went so far as to beg forgiveness for the pain he had given his mother when he lay in her womb. . . . Rabbi Benish called him a "foolish zealot."

The old rabbi's melancholy mood would not leave him. Ever since the Sabbatai Zevi sect had gained in strength in Goray, he had begun to shout at the members of his household, and had become brusque with the women who asked him ritual questions. He stopped greeting visitors with "God bless your coming," and avoided prayers with the quorum. His body stooped as under a heavy load, and he would nap during the day; this was unusual for him. Waking his household in the middle of the night, he would demand to have his bed fixed because his body ached and he was sleepless. With nightfall he ordered the shutters barred. He wrote many letters that he did not send, and they were scattered over the table and the floor. No matter how often his dinner was brought to him from the kitchen, he would let it grow cold, until finally it had to be carried off, still untouched.

שיעור און האָט געהייסן אַרויסנעמען זיין בעט פון שלאָף־שטוב, ווי אַלעמאָל אין צייטן פון באַדרענגעניש: אַ הונגער אָדער אַן אונטערגאַנג. זיין פּנים איז געוואָרן געל און גערונצלט און די עלטער איז אויף אים אַרויפגעשפּרונגען. איינמאָל איז ער געזעסן ביז טאָג און האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ צוואָה. פאַרטאָג האָט ער זי פאַרברענט אין אויוון. אַן אַנדער מאָל האָט ער געשיקט רופן צען פון זיינע לייט און פאַר זיי מוסר מודעה געווען, דאָס ער בלייבט ביי זיין אמונה, און דאָס די רייד, וואָס ער וועט רעדן פאַר דער פּטירה, האָבן נישט קיין האַפט און אַנהאַלטעניש. ער האָט אויך מיט דער גענדזענער פּען אויפגעשריבן די זאַך אויף פּאַרמעט און געהייסן די עדות חתמענען. אַ סך טעג האָט מען דעריבער זיך געסודעט אין שטאָט, ווען מ'האָט נישט פאַרשטאַנען דעם מיין דערפון. צום סוף האָט מען אויסגעפונען אין מעבר יבוק, דאָס צום גוסס קומט סמאל מיט אַ בלויזער שווערד אין דער האַנט און רעדט־צו לייקענען אין גאָט און עס איז דערום גלייך אַלץ פאַרויס מבטל צו זיין. דערפון האָט מען אַרויסגעדרונגען, דאָס ר' בינוש ריכט זיך אויפן סוף.

דערווייל טוען זיך אָפּ אין גאָריי זאַכן נישט־געוויינלעכע.

מ'זאָגט, אַז מרדכי־יוסף דער מקובל קנעט אויפן בית־מדרש־בוידעם אַ גולם, וואָס זאָל צוהילף קומען יידן ביי די געבורט־וויען פון קץ. עמעץ האָט אַליין געזען, ווי דער ייד האָט צוזאַמען מיט אַ בחור אַרויפגעשלעפּט אַהין אַ זאַק מיט ליים. וועגן ר' איטשע מאַטעסן רעדט מען, דאָס ער האָט יעדע נאַכט עלית־נשמה און דער אר"י הקדוש קומט צו אים און לערנט מיט אים קבלה. זינט ער איז אָנגעקומען, האָבן די לייט געטון זייער האַרץ צו תשובה. די מאַנסביל שטייען אויף פאַרטאָג תהלים זאָגן, ווייבער פאַסטן מאָנטיק און דאָנערשטיק און שיקן געקעכץ אין הקדש. איינע אַן אשה האָט שבת אַ קלאַפּ געטון אין שטענדער און זיך מתוודה געווען, דאָס זי איז געלעגן מיט איר מאַן אין די נידה־טעג. יונגעלייט נאָך דער חתונה קומען נישט צו זייערע ווייבער אין די נעכט פון טבילה. געציילטע לייט נעמען זיך צונויף יעדע נאַכט ביי ר' גאָדל חסיד, און ר' איטשע מאַטעס אַנטפּלעקט זיי רזין דאורייתא.

י"ז טבת אין אָונט ווערט איינגעריכט ביי רעכעלען אין שטוב אויפן גאָרן דאָס קנס־מאָל צווישן איר און ר' איטשע מאַטעסן. מ'האָט אַריינגעשטעלט אין דעם חדר בענק און טישן, באַזונדער פאַר מאַנסלייט און פאַר נקבות. די לעצטע מינוט האָט די מויד זיך באַדענקט און געוויינט, אַז זי וויל נישט דעם חתן. נאָר מ'האָט זי איינגענומען מיט גוטע רייד און איר געשאָנקען מתנות, ביז זי איז ווידער באַשטאַנען. איצט זיצט זי צונויפגעדריקט צווישן די ווייבער, אָנגעטון אין אַ זיידן קלייד, אין אַ שטערן־טיכל און אין כינקעלעס אַ בערטל פּערל. איר פּנים איז אויסגעבליכט, די גרויסע צעבליצטע אויגן קוקן קרום־צעשמייכלט און פול מיט טרערן. כדי זי צו פאַררעדן און אויפצוריכטן איר נידערגעשלאָגן געמיט, שמועסן די ווייבלעך וועגן איר שיינקייט, גלעטן אירע האָר און דערקוויקן זי מיט לעפּעלעך פאַרשימלטן אתרוגים־איינגעמאַכטס. ר' איטשע מאַטעס איז אָנגעטון אין אַ זיידענעם קאַפּטאַן און איז געדיכט אַרומגערינגלט פון זיין חבריא ביים מאַנסבילשן טיש. אין שטוב איז שטאַרק געהיצט, די ווענט שוויצן, די חלבנע ליכט אין די ערדענע לייכטער שמעלצן, און יעדעס מאָל שנויצט מען אָפּ די קנויטן, ס'זאָל זיין העלער. ר' איטשע מאַטעס איז אויפגערוימט. זיין פּנים איז דערהיצט, די אויגן טוען אים לייכטן. ער זאָגט רמזים וועגן סוד הזיווג, מאַכט נוטריקון און גימטריאות, טיילט יי"ש און מאַשלאַשן־וויין. ער האָט אַפילו געגעבן אָנצוהערן, אַז די ווייבער זאָלן טאַנצן, כדי צו דערפרייען די כלה. כינקעלע די פרומע שטייט־אויף און הייסט אָפּרוקן דעם טיש. די ייִדענע שטאַמט פון בעהמען און איז געוואוינט צו די דאָרטיקע מנהגים. די יונגע ווייבלעך שפּעטן פון איר און כיכען, אָבער זי הערט זיי נישט. זי שפּרייט אויס אירע דאַרע הענטלעך אין די

He no longer reviewed the daily lesson with his students, and, as in times of famine or epidemic, he ordered his bed removed from the bedroom. His face yellowed and grew wrinkled, and old age overtook him all at once. Once he sat up all night composing a will, which he burnt in the oven at dawn. Another time, calling in ten of his company, he made a declaration to the effect that he remained true to his faith, and that any statement to the contrary that he should make before his death should be regarded as lacking truth and validity. He also wrote this declaration on parchment with his goose quill, and ordered the witnesses to sign their names to it. For many days afterward the town was full of whispering about this event, for people did not understand the meaning of it. Finally, in the Book of the Ford of the Jabbok, they found a passage explaining that Samael comes to every dying man with a drawn sword in his hand, and incites him to deny God; hence, it is best to void any such blasphemy in advance. From this they drew the conclusion that Rabbi Benish was preparing for his end.

Meanwhile, amazing things were taking place in Goray.

It was reported that Mordecai Joseph, the cabalist, was kneading a clay golem in the study house attic, that he might come to the help of the Jews at the birthpangs of the Messiah. Someone saw Mordecai Joseph and a boy haul a sack of clay up the stairs. Of Reb Itche Mates it was said that he experienced an ascent of the soul every night, and that Rabbi Isaac Luria, the holy man, came and revealed the secrets of the cabala to him. Since Reb Itche Mates' arrival in Goray, the Jews of that town had set their hearts on returning to God. The men arose before daybreak to recite psalms, the women fasted Mondays and Thursdays and sent pots of food to the poorhouse. One married woman rapped on the prayer stand one Sabbath and confessed that she had lain with her husband during the days of her impurity. Young newlyweds did not visit their wives on the nights they immersed themselves in the bathhouse. A few select persons gathered every night at Reb Godel Chasid's house, and Reb Itche Mates bared the mysteries of the Torah for them.

On the night of the seventeenth day of Tebet, Rechele was betrothed to Reb Itche Mates; the betrothal feast took place in the upper floor of Rechele's house. Benches and tables were set about the room, one section for the men and another section for the women. At the last moment Rechele changed her mind and fell to weeping that she did not want Itche Mates. But she was mollified with sweet talk and gifts until finally she consented again. Now she sat crowded in among the women, wearing a silk dress, a kerchief on her forehead, and a strand of beads that belonged to Chinkele. Her face was pale, and wry, her large brilliant eyes were full of tears. To divert the bride and raise her spirits, the women enthusiastically praised her beauty, stroked her hair, and quickened her with spoonfuls of moldy citrus preserve. Reb Itche Mates, in a silk kaftan, sat surrounded by his followers at the men's table. The oven was stoked, so that the walls sweated, and the tall candles in the earthen candlesticks melted so fast that the wicks needed frequent trimming. Reb Itche Mates was in high spirits, his face flushed, eyes bright. Alluding often to the mystery of holy sexual union, he expounded new cabalistic combinations and permutations of holy letters, while doling out portions of brandy and spiced wine. So elated did he become that he told the women to dance, to amuse the bride-to-be. At this Chinkele the Pious stood up and ordered the table pushed aside. A Bohemian, she followed that country's customs. The young women mocked her and guffawed, but Chinkele did not seem to hear them.

ברייטע געפאַלבטע אַרבל, פאַרוואַרפט דאָס קליינע קעפּל, דרייט זיך קיילעכיק אַרום און זינגט אַ ליד אויף עברי־טייטש:

באַשירעם, האַרגאָט, חתן־כלה פאַרוואָר,
משיח מעכט קומען אין זייערע יאָר
און מעכט די שכינה הקדושה אַנטשפּויזן,
גלייך יעצונד די־דאָ פרומע פאָר.

כינקעלע די פרומע איז איצט אין דער מדרגה. זי באַגערט צו טאַנצן אַ ראָד, אָבער די נשים שעמען זיך און שטופּן זיך צונויף אַרום דער טיר. זי וויל אַריינציען די כלה, אָבער מען רייסט זי אָפּ, ווייל זי האָט אַ מום. דאָ שטייט אויף פון זיין אָרט דער חתן, ר' איטשע מאַטעס; ווישט אָפּ מיטן אַרבל דעם נאַסן שטערן און גענענט צו איר. ער ציט אַרויס פון בוזים זיין נאָז־פאַטשיילע, האַלט זי ביי אַן עק און זאָגט צו איר זייטיק:

— נעמט אָן! . . . ס'איז ניחא פאַר גאָט ברוך־הוא . . .

ר' איטשע מאַטעס פאַרשאַרצט די שפּיצן פון זיינע פאָלעס, אַז מ'זעט אַרויס די ווייסע ליינענע פלודערן און די ציצית, פאַרשטעלט מיט דער לינקער האַנט די אויגן, ווי צו שמע־ישראל, און נעמט שאַרן מיט די פיס. כינקעלע פאַרהויבט דעם שלעפּ פון איר צעטעפּעטע אַטלעסן חופּה־קלייד און האָפּסט־אונטער מיט די שפּיציקע שיך אַהין־און־צוריק, אַהין־און־צוריק, ווי ביי אַ מצווה־טענצל. די צעפינקלטע קרעלן פון איר הויב שאָקלען זיך, די אויסגעהוילטע באַקן ווערן באַדעקט מיט אַ רויט־קייט, און פון די וויעס רינען איר ליכטיקע טרערן. אין אָנהויב קוקן אַלע דערשטוינט. טייל פורכטן זיך אַפילו, צי איז דאָס נישט אַ לייכט פירעכץ און אַ זינד. נאָר באַלד ווערט מען פאַרשטומט, און מ'דער־שפּירט, אַז דאָס אַלץ איז נישט פשוט: גרויסע זאַכן טוען זיך דאָ אָפּ. ס'ווערט אַזאַ שטילשוויגעניש, אַז מ'דערהערט דאָס שפּריצן פון די פלעמלעך. יידן רוקן זיך געדיכט צוזאַמען, גלאָצן מיט ברייט־צעעפנטע אויגן, פייכטע פון יראת־שמים. אַ הויכער יונגערמאַן אַ מקובל, הויט־און־ביין, מיט אַ שפּיציקן גאָרגל, שאָקלט זיך האַסטיק ווי ביים דאַווענען, ברעכט די פינגער, אַז ס'קנאַקט, קרימט זיך אויס און בלינצלט ווי פון צופיל ליכט. ר' מרדכי יוסף שטייט אין אַ ווינקל אָנגעשפּאַרט אויף זיין קוליע. זיין דויטע קאָלטנדיקע באָרד ברענט ווי פייער, די אַפּלען פלאַקערן גרין, אָנגסטן גיסן זיך פון אים און ער וואַרפט זיך איינגאַנצן ווי אין קדחת. שעהן לאַנג טאַנצן אַזוי ביידע און ווערן נישט מיד. מ'זעט באַשיינפּערלעך, אַז זיי שפּאַרן־אָן אין די הויכע עולמות. רעכעלע שטייט די גאַנצע צייט אָנגעלענט אין קאַנט פון בעט און פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט די הענט, ווי זי וואָלט שטילער־הייט געוויינט. פלוצים גיט זי אַ שלעפּ איר געליימטן פוס, ווי צו מאַכן אַ טריט, זעצט זיך אַראָפּ און צעלאַכט זיך אַזוי אויסגעלאַסן און שפּיציק, אַז אַלע שפּרינגען אויף פון די ערטער. איידער נאָך מ'לויפט־צו צו איר, פאַלט זי אַוועק הינטערווײלעכץ און נעמט אַרויסלאָזן אָפּגעהאַקטע קוויטשן, ווי שלוקערצן. די אָפענע אויגן ווערן פאַרגלייזט און פול מיט ווייסל. הענט־און־פיס קרימען זיך אויס און אַ שוים נעמט איר לויפן פון אויסגעדרייטן מויל, ווי ביי אַ נכפּהניצע. כינקעלע דייסט זיך אויף, כאַפּט אַ קוואָרט וואַסער פון טון און גיסט זי אָפּ. די מויד גיט זיך אַ וואָרף, ווערט איינגעקראַמפּט און ס'נעמט זעצן פון איר אַ פאַרע, ווי פון אַ פאַרלאָשענער קויל . . .

ר' איטשע מאַטעס מערקט גאָרנישט, טאַנצט ווייטער מיט דער פאַ־טשיילע אין דער האַנט, פּלאָנטערט מיט די פיס ווי אין שיכרות. דאָס פּנים איז צעגליט פון התלהבות, דאָס זיידענע מלבוש איז פּיטש־נאַס; שנירעלעך שוויס רינען פון דער באָרד, גליטשן זיך איבער דעם אָפענעם האָריקן האַרץ. דער גאַרטל איז פון אים אַראָפּגעפאַלן, איין פאָלע שלעפּט זיך נאָך אויפן פאַרגאָסענעם דיל, דער קאָפּ איז פאַרדריסן אַרויף, גלייך ער וואָלט די גאַנצע צייט עפּעס געזען איבערן נידעריקן פאַר־רויכערטן באַלקן. ר' מרדכי יוסף קאָן זיך מער נישט איינהאַלטן, הויבט אָן שווער צו קרעכצן, גיט אַ זעץ מיט זיין קוליע און נעמט מיט איינ־מאָל גיך האַצקען, שלוכצן און יאָמערן:

— יידן, לאָמיר טאַנצן! . . . לאָמיר נישט פאַרשפּעטיקן!

— די גאַנצע פמליא־של־מעלה וואַרט אויף אונדז! . . .

Extending her thin arms in their wide, gathered sleeves, she put her small head to one side, circled about and sang in Old Yiddish:

*Protect, Lord God, this bride and groom;*
*May we see the Messiah soon.*
*The Holy Presence, Lord God, wed*
*As these two seek the marriage bed.*

Ecstatic, Chinkele the Pious wanted them to dance in a circle, but the women were bashful and, crowding around the threshold, they pushed one another forward. Chinkele tried to dance with the bride, but because of Rechele's lameness had to desist. Then, wiping his wet forehead with his sleeve, Itche Mates arose and approached Chinkele. He drew his handkerchief from his breast pocket, held one corner of it, and said to Chinkele, speaking out of the side of his mouth so as not to address her directly: "Take a corner! It is pleasing to the blessed God for us to dance before Him."

Reb Itche Mates pulled up the tails of his kaftan, exposing his white linen trousers and the fringes of his vest, and, covering his eyes with his left hand, he began to scrape his feet. Like a bride at the bridal dance, Chinkele lifted the train of her ruffled satin wedding dress and hopped back and forth in her pointed shoes. The sparkling beads on her bonnet jangled, her hollow cheeks were flushed red, and shining tears dripped from her eyelids. At first everyone looked on in amazement. Some even doubted whether this was not sinful levity. But soon they were silenced, sensing that this dance was not a simple one: great things were transpiring. So profound did the silence become that candle flames could be heard sputtering. Men crowded close together, staring with moist wide-open eyes. A tall, starved-looking young cabalist, with a prominent Adam's apple, swayed violently as though in prayer and, wringing his fingers until the knuckles cracked, he grimaced and squinted. Reb Mordecai Joseph stood in a corner leaning on his crutch. His tousled beard burned, his eyeballs flickered green, torrents of sweat poured down his face, and his whole body jerked spasmodically. For hours on end the two danced without wearying. Their souls seemed to be reaching for the higher spheres. Rechele meanwhile leaned against the edge of a bed, hands covering her face as though she were secretly crying. Suddenly, dragging her lame leg, as though to step forward, she pulled herself up and fell to laughing so violently and so loudly that everyone was startled. Before anyone could reach her, she had fallen and she lay choking with sobs. Her eyes glazed, her arms and legs contorted, foam ran from her twisted mouth. She shuddered, twisted, and a vapor rose from her as from a dying ember.

Reb Itche Mates noticed nothing: the kerchief still in his hand he danced on, his feet stumbled over each other like a drunken man's. His face glowed with mystic enthusiasm, his silk coat was wringing wet; beads of sweat ran down his beard and glided over his open chest. His sash had fallen off, one of his kaftan tails trailed on the drenched floor, his head was turned up and tilted, as though he constantly stared at something beyond the ceiling.

Unable to restrain himself any longer, Reb Mordecai Joseph groaned, pounded the floor with his crutch, and suddenly began to hop about, sobbing and yammering: "Dance, men! Let's not delay! The divine company await us!"

רביצין איז פאַרשלאָפט געוואָרן, ווען זי האָט דערזען וואָס ס'האָט געטראָפן, די ווייבער האָבן גענומען וויינען אַלע אויף איין מאָל, ווי איבער אַ מת. ר' בינוש איז נישט געווען טויט. ער האָט שטיל געקרעכצט. עטלעכע מאַנסלייט האָבן דעם רב אויפגעהויבן און אַריינגעטראָגן אין בית־דין־שטוב. דעם רבס פנים איז געווען בלוילעך און געשוואָלן, די רעכטע האַנט — אויסגעלענקט אָדער צעבראָכן, איין אויג — געשלאָסן, ווי צוגעקלעבט. פון זיין פאַרשנייטער באָרד איז אויפגעגאַנגען אַ פאַרע און דער גאַנצער שווערער גוף האָט זיך געטרייסלט ווי אין פיבער. לייט האָבן אויסגעפרעגט, געשריגן דעם זקן אין די אויערן אַריין, ווי אַ טויבן, אָבער ער האָט נישט געענטפערט. ס'איז שווער אָנגעקומען ביז מ'האָט אַראָפּגעצויגן פון אים די מלבושים און אים אַריינגעלייגט אין בעט. פון יסורים זענען ביים רב ווייס געוואָרן די ליפן, און עוזרס ווייב, טשיזשע, האָט זיי באַשמירט מיט עסיג. עמעץ אַנדערש האָט אָנגעריבן זיינע שלייפן און אויף אים געבלאָזן, אָפּצויאָגן דאָס חלשות. כדי ליכטיקער צו מאַכן, האָט איינער פון די אָנגעלאָפענע אַרויסגענומען די געפלאָכטענע הבדלה, זי אָנגעצונדן, און זי האָט געפלאַקערט מיט אַ רויכיק פייער.

אויפן קנס־מאָל האָט מען זיך באַלד דערוואוסט, וואָס עס האָט געטראָפן. ס'רוב פון די פאַרזאַמלטע זענען זיך גלייך צעלאָפן, די ווייבער האָבן זיך אַרויסגעשאַרט בגנבה און איינציקווייז. די ליכט זענען דאָ שוין געהאַט אויסגעגאַנגען. בלויז עטלעכע פייכטע סאָסנע־צווייגלעך האָבן געטליעט אויפן קוימען, פאַרשפרייט אַ ציטערדיקע רויטלעכע שיין. אויפן דיל איז געבליבן אַ נעץ, בענק און טישן זענען געווען צערוקט און אומגעלייגט, פון באַלקן האָט געטריפט און ס'איז געשטאַנען אַ גערוך פון בראָנפן און אַ טשאַד ווי נאָך אַ שריפה. רעכעלע איז נאָך אַלץ נישט געהאַט געקומען צו זיך, געלעגן אויפן בעט אַ נאַסע, מיט צעפלאָסענע האָר און פאַרהאַקטע ציין. כינקעלע די פרומע האָט זי נישט אויפגעהערט צו מינטערן, מיט דאַרע קנאָכיקע פינגער אויפגעקנעפלט ביי איר דאָס קאַפטל, בלינדערהייט געעפנט העקעלעך, אויפגעקניפּט בענדלעך, געגאָסן איר זאַפט אין מויל, זי איינגענומען מיט גוטע רייד און געבעט. ר' איטשע מאַטעס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, מיטן פנים אויסגעדרייט צו דער וואַנט, און האָט עפּעס שיכורערהייט געמורמלט צו זיך אַליין, ווי ער זאָל טון זיינס אַ באַדערפעניש... ר' מרדכי־יוסף, וואָס האָט געהאַט אויסגעטרונקען אַ האַלבן טאָפּ אָקאַוויט, האָט אים געשטויסן ביים עלנבויגן, ער זאָל מיט אים אַהיימגיין, געכראַקעט פון הנאה, וואָס זיין שונא בינוש האָט געהאַט אַ מפּלה, און געטענהט:

— קומט, ר' איטשע מאַטעס... די מזיקים האָבן זיך שוין גענומען צו אים... ימח שמו וזכרו!

some twenty paces from his home. The rabbi's wife fainted when she saw what had happened, and all the women began to lament at once. But Rabbi Benish was not dead. Several men lifted the groaning rabbi and bore him into the study. His face was blue and frozen, his right arm broken or dislocated. One eye was shut, as though pasted together. A vapor rose from his snow-covered beard, and his body shook feverishly. People asked him questions, shouting into his ears, but he did not answer. With difficulty his garments were removed and he was put to bed. The rabbi's lips grew white with the pain, and Ozer's wife moistened them with vinegar. Someone else rubbed the rabbi's temples and blew on his face, to revive him. To brighten the room, one of those who had come running up lighted the braided candle reserved for the Sabbath night ceremony; the candle flickered with a smoky fire.

What had happened soon became known to those at the betrothal feast. Most of the assembled immediately ran off, the women stealing out individually. The candles had already gone out. Only a few damp pine branches low under the tripod spread a flickering glow. The floor was wet, the benches and tables were pushed back and overturned, the ceiling dripped and the smell of brandy and charred embers, as after a fire, hung in the air. Rechele had still not come to, and lay on the bed, damp, her hair wild and her teeth clenched. Chinkele the Pious kept trying to revive her, unbuttoning Rechele's blouse, unclasping hooks, untying laces, pouring juice on her lips and at the same time murmuring affectionately and pleading with her. Reb Itche Mates, his face turned to the wall, stood in a corner, muttering. . . . Reb Mordecai Joseph, who had drunk half a jug full of aqua vitae, jogged Itche Mates' elbow, trying to get him to go home, and, rasping, crowed with pleasure at his foe Benish's downfall.

"Come, Reb Itche Mates. The demons have him now—may his name perish!"

## יד

## ר' בינוש פאַרלאָזט זיין עדה

אין בית־דין־שטוב, וואו מען האָט אַריינגעשטעלט ר' בינושעס הימלבעט, איז אַזוי שטאַרק אָנגעהייצט, אַז ס'פּלאַצט דער טינק פון קוימען־אויוון, און די היץ בריט אין פנים. די טיר אין הויז אַרויס האָט מען פאַרשלאָסן, און די לייט, וואָס קומען, מוזן דורכגיין עטלעכע חדרים, כדי נישט אַנצוטראָגן קיין קעלט. פון פאַרטאָג אָן האַלט מען אין איין מבקר־חולה זיין. דער דיל איז נאַס און באַדעקט מיט בלאָטע, ס'שמעקט מיט שלאַפקייט און רפואות. יידן בעלי־הבתים דרייען זיך אַרום פאַרזאָרגטע אַהין־און־צוריק, בייסן די בערד, רייבן די שטערנס און שפּאַרן זיך אויפן קול — וואָס מ'דאַרף צו טון. רעדלעך ווייבער, מיט פאַראומערטע פנימער און מיט קויטיקע פאַטשיילעס אויף די

## 14

## *The Rabbi Forsakes His Congregation*

In the study, where Rabbi Benish's canopy bed had been placed, the oven had been stoked so high that the plaster was cracking and the heat scorched. The outside door had been locked to keep out the cold, and visitors who started coming early in the morning would pass through several rooms before entering the one where Rabbi Benish lay. Its floor was wet and muddy, and it reeked of sickness and medicines. The citizens of Goray milled about the sickroom, careworn, chewing at their beards, rubbing their foreheads, and loudly debating what was to be done. Women with filthy kerchiefs on their heads

נאך באגינען, באלד מיט זון־אויפגאנג, זענען צוויי שליחים אוועק אין א דארף ברענגען א פויער, וואס האט א נאמען אין דער גאנצער געגנט פאר א קענער אין ארײנשטעלן אויסגעוויכענע גלידער. מ'האט זיי מיטגעגעבן געלט און א פלאש אקאוויט, און זיי אנגעזאגט, זיי זאלן ברענגען דעם ערל ביי די אויערן. זיי דארפן שוין זיין צוריק, ווארום ס'איז אינגאנצן א קנאפער מייל וועג. אבער מען זעט זיי נישט. ייִנגלעך גייען ארויס אויסקוקן, צי זיי קומען נישט אן. יעדער ברענגט אן אנדערע תשובה. ערגעץ ווייט אויפן בארג זעט זיך א פינטעלע, נאר מ'קען נישט וויסן, צי זענען עס די שליחים, אדער א שליטן מיט האלץ. זינט ר' אליעזר און לייב באנאך זענען פארפאלן געווארן, איז מען איבערגעשראקן. די ווייבער פון די שליחים זיצן שוין, מיט רויטע פנימער, ביי דער רביצין אין קיך, גרייט צו וויינען און צו שרייען. זיי עסן ברויט גראב באשמירט מיט פוטער און זיפצן ווי אלמנות. כאטש די קעלט אינדרויסן שטארקט זיך, זעט מען דא און דארט אין מארק בינטלעך ווייבער. זיי שטייען איינגעהילט אין שאלן, איינגעטוליעטע און פאראומערטע, ווי זיי זאלן אפווארטן א מיטה. די פיס, אין גרויסע מאנסבילשע שטיוול, הערן נישט אויף אונטערצוטענצלען. די פריי־געעלטערטע פנימער זענען בלאס פון פראסט און פון נייע פחדים, וואס רוקן זיך אן איבערן שטעטל. אלע טענהן דאס אייגענע:

— ס'איז פון יענע לייט... די שדים...

— זייער האנט...

מ'רעדט, אז נעכעלע, די שנור, האט אנגעטון ר' בינושן כישוף. א יידענע האט אליין געזען, ווי נעכעלע האט זיך געסודעט מיט דער אלטער מכשפה קונעגונדע. מ'ווייסט, אז זי האט ליגן אין קופערט א קאלטן, כישוף צו טרייבן, און אז זי גיט איר מאן, לוין, צו טרינקען דאס וואסער, וואס זי וואשט דערין אירע בריסטן, כדי אים צוצובינדן צו איר שויס. גליקע די גבאיטע שווערט, אז זי האט א גאנצע נאכט נישט צוגעטון קיין אויג. אין ווינט האט זי געהערט א גערעדעריי פון נקבות און זי האט פארשטאנען, אז די רוחות האבן אן אסיפה. שפעטער, אין דער אייגענער צייט וואס ר' בינוש איז געניזוקט געווארן, האבן די רוחות געטון לאכן און שפעטן און פאטשן מיט די הענט. דאס איז געווען פון פרייד, וואס זיי האבן זיך נוקם געווען אין די מענטשן און זיי אנגעטון א שאדן...

פארנאכט־צו איז דער גוי דער רופא סוף־כל־סוף אנגעקומען. די שליחים האבן דערציילט, אז ער האט פאר קיין פאל נישט געוואלט מיטגיין און זיי האבן אים פריער געמוזט שטארק אנטרינקען און אים שלעפן אויפן גאנצן וועג. עס איז געווען אן אלט קליין גויעצל אין שטרוי־שיך און אין א שאפענעם פעלץ מיט דער וואל פונדרויסן. דער מעכטיקער הוט איז געווען וואוילעריש פאררוקט איבער זיינע ווייסע קודלעס, די קליינע אייגעלעך זענען געווען רויט, און זיי האבן נישט אויפגעהערט אונטערצושמייכלען. מ'האט אים ארײנגעפירט אין בית־דין־שטוב און פאר אים צעעפנט ברייט די טיר, ווי פאר א גרויסן רופא. דער אלטער האט מיט שמחה א רייב געטון די הענט איינע אין דער אנדערער, גענומען אונטערכיכען און זיך אפשאקלען. דאס אנ־צייניקע מויל האט עפעס געפרעפלט נארישוואטע און הינטערליסטיק.

— ער וויל נאך א כוסע! — האט איינער פון די שליחים איינגע־רוימט דער רביצין.

מ'האט דעם גוי אנגעגאסן א האלב שעלכל. ער האט ארויסגע־גענומען פון קעשענע א שטיקל דארן קעז, צוגעביסן — און די טרערן זענען אים אזש גערונען איבער די באקן פון הנאה. דערנאך איז ער אויפגעשטאנען און איז צוגעגאנגען צום קראנקנס בעט, צו באווייזן, וואס ער קאן. ער האט א קוק געטון אויף ר' בינושן אזוי, ווי יענער זאל בלויז מאכן דעם אנשטעל, אז ס'איז אים עפעס. גלייך ווי ער האט אנגענומען די האנט, האט דער ייד זיך צעשריגן און אנגעהויבן קלא־מערן זיך אין בעט, ווי ער וואלט זיך געוואלט ארויסרייסן. דער פויער האט מיט כוח געשטופט די האנט אויף צוריק, אז מ'האט געהערט ווי דער ביין קנאקט. זיין שיכור פנים איז בלוי געווארן פון אנשטרענג־געניש און פון פלוציםדיקן כעס. ר' בינוש האט זיך פארקייכט, פאר־שלאפט געווארן און מ'האט אים קוים אפגעמונטערט. דער גוי איז ארײנגעפאלן אין אזא רציחה אז ער האט א כאפ געטון א כלי און זי א שמעטער געטון אין דער ערד.

at his questioner, and instantly sink back into his slumber.

Two messengers had been sent at daybreak to a nearby village to fetch a peasant who was reputedly expert at setting dislocated arms and legs. The messengers were given money and a flask of aqua vitae, and told to drag the peasant by the ears if necessary. They should have returned by now, for the village was barely a mile away. But they were nowhere to be seen. Boys ran outdoors to be on the lookout for the messengers and the peasant. Each of them came back with another reply. Somewhere far away, on a hill, a dot came into sight, but it was uncertain whether it could be the messengers or a sleigh hauling wood. Since the disappearance of Reb Eleazar and Leib Banach, everyone lived in terror. Already the messengers' wives sat with flushed faces in the kitchen of the rabbi's wife, prepared to scream and weep. Eating thickly buttered bread, they sighed like widows. Though it was fiercely cold outdoors, knots of women stood about the market place, hunched in shawls, huddling together and as anxious as though waiting for a funeral. Their feet, thrust into men's great boots, kept up a constant dance. Their faces, prematurely aged, were pale with the frost and the new terror whose shadow was slowly deepening over the town. They all repeated the same refrain:

"It's because of 'the others,' the demons."

"They're the ones to blame."

They gossiped that Nechele, his daughter-in-law, had bewitched Rabbi Benish. One woman had with her own eyes seen Nechele in secret confabulation with the old witch Kinnegunde. All the women knew for certain that Nechele had a magical elf lock in the chest in her room, and in order to bind her husband, Levi, she would have him drink the water in which she washed her breasts. Glucke, the trustee, swore that, unable to sleep all night, she had heard the noise of women chattering in the wind, and had concluded that the spirits were gathering together. Later, at the very moment when Rabbi Benish was injured, all the spirits had burst into laughter, mocking and clapping their hands—for they had avenged themselves on humans, had done them an injury.

At nightfall the peasant healer finally arrived. The messengers reported that the peasant had refused to come under any circumstance and that they had had to get him dead drunk and drag him all the way. He was a tiny old man, wearing straw shoes and a sheepskin coat with the wool side out. His tremendous hat was pushed authoritatively back over his white curls. His small eyes were red and always smiling. He was led into the room where Rabbi Benish lay; the door was opened wide in his honor, as though he were a great physician. The old man rubbed his hands joyfully together, and began to hee-haw and skip about. His toothless mouth babbled something foolish and sly.

"He wants another cupful," one of the messengers confided to the rabbi's wife.

They poured the peasant half a cup. He took a piece of dry cheese out of his pocket, bit it, and tears of pleasure rolled down his cheeks. Then he approached the sick bed to show what he could do. He looked at Rabbi Benish as though the rabbi were only pretending to be ill. The moment the peasant grasped his bad arm Rabbi Benish began screaming and twisting in his bed as though to tear himself free. The peasant pulled so violently they heard the bone crack. His drunken face turned blue with the strain and with sudden wrath. Rabbi Benish gagged and fainted—they were barely able to revive him. The peasant fell into a murderous rage and grabbed a vessel and smashed it to the earth.

— טייוולאָנים הינטישע! — האָט ער אַ געשריי געטון און די פויסטן האָבן אים געציטערט. ס'האָט אויסגעזעהן, דאָס ער וויל זיך וואַרפן אויפן קראַנקן.

מ'האָט אים קוים אַרויסגעפירט פון בית־דין־שטוב און געפועלט ביי אים, ער זאָל צוריק אַהיימגיין אין דאָרף. מ'האָט זיך געפורכט, ער זאָל אַמאָל נישט מחמת שיכרות אַוועקלייגן זיך אין מיטן פעלד און געפרוירן ווערן; דען דעמאָלט וואָלטן די גויים געמאַכט אַ בילבול, אַז יידן האָבן אים געטייט, און זיי וואָלטן באַפאַלן דאָס שטעטל. מ'האָט דערום געמוזט אויסגעפינען אַ מאַן, וואָס זאָל דעם ערל באַלייטן אויפן וועג. דערוויילּ איז צוגעפאַלן די נאַכט. אַ ברענענדיקער פראָסט האָט זיך געשטעלט, אַזעלכער, וואָס אַלטע לייט האָבן נישט געדענקט זינט יאָרן. אין ברונעם איז דאָס וואַסער פאַרפרוירן געוואָרן, דער עמער האָט געפלאַצט. דאָס אייז אַרום איז אָנגעוואָקסן ביז צום מויל, ווי אַ באַרג, און ס'איז געווען אַ סכנה צוצוגיין, ווייל ס'איז גענוג געווען איין פאַלשער שריט, געשטרויכלט צו ווערן און אַריינצופאַלן. כאָטש די אויוונס זענען אומעטום געווען געהייצט, האָבן די קליינע קינדער אין די וויגן געוויינט פון קעלט. ווי אַלע מאָל אין אַזעלכע נעכט, זענען פאַרלאָפן אַלערליי טרעפענישן און בייזע באַגעגענישן. פיצלעך האָבן פון דער העלער הויט גענומען זיך רייסן, פאַרקייכט זיך און בלוי געוואָרן. מ'האָט צוגעלייגט צו די בייכלעך בראָנפן מיט פעפער, נאָר דערפון איז נאָך ערגער געוואָרן. מיידלעך האָבן אָנגעטון מאַנסבילשע שפּענצערס, איינגעהילט זיך אין טאָפּלטע שאַלן און געגאַנגען זוכן עין־הרע־אָפּשפּרעכערס. אין אַנדערע שטובן האָבן די הרובעס פלוצים גענומען אַזוי שטאַרק רויכערן, אַז די לייט זיינען שיר נישט דער־שטיקט געוואָרן און מ'האָט געמוזט אַריינגיסן וואַסער, צו פאַרלעשן דאָס פייער. ערגעץ האָט אפילו אָנגעהויבן ברענען דעם רוס אין דער לופט, און מ'האָט געמוזט אין איילעניש אויסגעפינען אַ לייטער, אַרויפ־קריכן אויפן קרומען גליטשיקן דאַך און אַריינשטופּן אין קוימען נאַסע זעק און שמאַטעס. אַלע האָבן געהוסט. עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אָפּגעפרוירן אברים.

ביי ר' בינושן אין שטוב איז דער עולם געוואָרן אַלץ שיטערער, ביז ער איז אינגאַנצן אַוועק - איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ באַשטאַנד, ווי אין אַן אַריינפאָר־הויז. זינט דער גוי האָט געפּרוּווט אַריינזעצן דאָס גליד אין געלענק, זענען ר' בינושעס יסורים געוואָרן שטאַרקער פון מינוט צו מינוט. דאָס פלייש אויף דער האַנט איז געוואָרן הויך אָנגעשוואָלן, אויפגעיוירן, האָט באַקומען אַ מיאוסע פעטע גלאַטקייט און אַזש געדאַמפּט פון גרויס היץ. שפּעט ביינאַכט האָט ר' בינוש אָנ־געהויבן רעדן פון וועג. ער האָט געמאָנט ביי דער רביצין, זי זאָל אים צוצאָלן די ק"ן גילדן נדן, וואָס דער שווער האָט נישט מסלק געווען... דערנאָך האָט ער מיט איינמאָל אַ פרעג געטון וועגן זיין טויטן איידעם, צי ער האָט שוין אָפּגעגעסן נאַכט־מאָל... מ'האָט דאָס אָנגענומען פאַר אַ שלעכטן סימן און ס'איז צווישן די שטוב־לייט געוואָרן אַ געוויין. ר' בינוש האָט אַן עפן געטון איין אויג, איז אויף אַ ווײַלע געקומען צו זיך און געזאָגט:

— פירט מיך אַוועק קיין לובלין... למען השם... כ'וויל נישט ליגן אין גאָריי...

גאַנץ פרי איז שוין פאַרן רבס הויז געשטאַנען אַ שליטן איינגע־שפּאַנט אין צוויי פערד. מ'האָט ר' בינושן אָנגעטון, און אים צוגעדעקט מיט איבערבעטן און מיט גאַנצע בונטן שטרוי. גרונם און די רביצין זענען מיטגעפאָרן. אפילו די שונאים זענען זיך צונויפגע־קומען און מ'איז נאָכגעגאַנגען ביז צו דער בריק. ווייבער האָבן געוויינט, געבראָכן די הענט, ווי נאָך אַ לויה. איינע אַ יידענע האָט זיך געוואָרפן פאַר די פערד, אַ הייזעריקע נישט אויפגעהערט צו שרייען:

— הייליקער רבי, וואו לאָזט איר אונז איבער? רבי! היילי—קער רבי!...

(סוף פון ערשטן בוך)

"Devils in human shape!" he screamed, and his fists shook. He seemed to be about to throw himself at the sick man.

With difficulty they managed to get the peasant out of the sick room and persuade him to return to his village. Afraid he might collapse in some field and freeze to death, he was so drunk—and that the peasants might then accuse the Jews of killing him, and descend upon the town, they found a man who agreed to take him home.

Meanwhile, night fell, and, with it came a frost more bitter than any the old folks could remember. Water froze in the well, and the pail cracked. An ice hill formed up to the very rim of the well, and it was dangerous to go near it, for one false step was enough to send one over the edge. Though the ovens were heated in every house, small children in their cribs cried with the cold. As always on a night like this, there were numerous accidents and evil afflictions. Infants would suddenly begin to choke, lose their breath, and turn blue. The brandy and pepper placed on their bellies made things even worse. Girls put on men's jackets, bundled up in double layers of shawls, and went seeking women who could avert the evil eye by incantations. In many houses the stoves suddenly began to smoke so heavily that, to avoid suffocation, people had to pour water over the fire. In one house soot began to burn in the chimney, and a ladder had to be quickly found for someone to crawl up the crooked, slippery roof and poke wet sacks and rags down the chimney. Everybody began coughing. Elsewhere, there were cases of frozen arms and legs.

In Rabbi Benish's room the company gradually thinned out, until everyone had left; the room looked like an inn just emptied of guests. Ever since the peasant had tried to push his arm back into its socket, the rabbi's suffering had grown greater every minute. The flesh of his bad arm had swollen, became puffed, and had a fat, ugly smoothness about it; it was steaming with heat. Late at night Rabbi Benish grew delirious with pain. He demanded that his wife pay him in full the one hundred and fifty gold pieces that his father-in-law had pledged. Then suddenly he wanted to know if his dead son-in-law had eaten the evening meal. This was taken as a bad omen, and his family burst into tears. Rabbi Benish opened one eye, came to himself momentarily, and said:

"Take me away to Lublin. For God's sake! I do not want to lie in the graveyard in Goray."

Early the next morning a sleigh with two horses stood before the rabbi's house. Rabbi Benish was dressed and covered with several comforters and whole bundles of straw. Grunam and the rabbi's wife accompanied him. Even his foes gathered and followed the sleigh to the bridge. Women cried and wrung their hands, as at a funeral. One woman flung herself in front of the horses, hoarsely screaming:

"Holy Rabbi, why do you forsake us? Rabbi! Ho-ly Rabbi!"

# צווייט בוך

## א

## די חתונה

דער טאָג פון ר׳ איטשע מאַטעסעס חתונה. דער ייד — קוים וואָס ער לעבט נאָך. שוין דריי טעג ווי ער האָט נישט גענומען אין מויל אַריין קיין לעפל וואַרעם וואַסער און איז עוסק אין סיגופים. ביינאַכט טוט ער זיך נישט אויס, ברומט אָן אויפהער, און כדי נישט אַנטדרימלט צו ווערן, האַלט ער די באָרוועסע פיס אין אַן עמער מיט קאַלט וואַסער. גאַנצע טעג גייט ער אַרום ערגעץ צווישן די בערג, זינקט אין שניי ביז צו די לענדן און ס׳זעט אויס, ווי ער וואָלט עמעצן אַרומגעזוכט אויף די ווייסע פאַרזווייטע פעלדער. פון די קאַלטע מקוות איז זיין קול געוואָרן שטאַרק הייזעריק, די אויגן זענען טריב און אויסגעלאָשן ווי ווי ביי אַ בלינדן. היינט, אין טאָג פון דער חתונה, ליגט ער אויף דער באַנק ביי ר׳ גאָדל חסיד אין חדר, די חברה זיצט אַרום און מ׳וואַרט אויף זיינס אַ וואָרט, ווייל מ׳האַלט אים פאַר אַ בעל־רוח־הקודש. ס׳איז אַפילו דאָ אַ יונגערמאַן אַ מקובל, וואָס פאַרשרייבט ר׳ איטשע מאַטעסעס רייד. — מיט רעכעלען גיבן זיך אָפּ די ווייבער.

זינט מ׳האָט אויפגערופן ר׳ איטשע מאַטעסן דעם חתן צו דער תורה, ווייזט רעכעלע נישט אַרויס אירע קרומקייטן און האָרכט אונטערטעניק אַלץ, וואָס די עלטערע ווייבער לערנען זי. זי קאָן שוין וואויל די דינים פון ריין־האַלטן זיך צום מאַן, האָט דורכגעלייענט אַלע ספרימלעך וועגן טהרה און צניעות. אויף אירע בלייכע באַקן האָבן זיך אָוועקגעשטעלט צוויי רויטע פלעקן, ווי פון קניפּן, און טרעטן נישט אָפּ. כינקעלע די פרומע זאָגט איר יעדן טאָג שעהן־לאַנג מוסר, גלעט איר קאָפּ און קושט זי מיט די קאַלטע ליפּן ווי אַן אייגענע טאָכטער. נעכטן אין אָוונט האָט מען רעכעלען געפירט צום ערשטן מאָל אין מקווה אַריין. ווי דער מנהג איז ביי בתולות, האָבן די כלי־זמר זי באַגלייט ביז צום מרחץ און נאָכגעשפּילט אַ פריילעכס. גאַנצע חברות ווייבער זענען איר נאָכגעגאַנגען און זי אַרומגערינגלט, כדי זי זאָל אַפילו אַהינצו־וועגס נישט אָנטרעפן זיך אויף אַ הונט אָדער אַ חזיר, מחמת דאָס איז אַ גרויסע סכנה. גאַסן־יינגלעך עבברושים האָבן נאָכגעשריגן ניבול־פּה און אַלערליי שפּאָט־ווערטער. אין באָד האָט ייטע די טוקערין גענומען רעכעלען אין איר רשות, אויסגעטון זי מוטער־נאַקעט און אַרומגעטאַפּט אירע לענדן און בריסטן, צו זען, צי זי איז נישט קיין אומטראַכטערין. זי האָט מיט גרויס זאָרגעוודיקייט איר אָפּגעשוירן די נעגל פון די הענט און פון די פיס, ס׳זאָל נישט זיין קיין חציצה ביי דער טבילה, מיט אַ הילצערנעם קאַם צעקעמט אירע לאַנגע האָר, איינגעקוקט זיך אין אַלע פאַרבאָרגענע ערטער, צי ס׳איז נישטאָ קיין בלעטערל אָדער פאַרהאַרנטע הויט. ווייבער מיט געגאָלטע און טרעפּיק־געשוירענע קעפּ, אַלטע מקווה־גייע־רינס, האָבן זיך אַרומגעדרייט ברייטלעך, ווי ביי זיך אין דער היים: נאַקעטע, מיט נאָכהענגענדיקע בריסטן, ווי שטיקער טייג, מיט מעכטיקע היפּטן און בייכער לויזע, ווי בלאָזזעק, פון כסדרדיקן טראָגן און האָבן. זיי האָבן רחבותדיק און וואַקלדיק, ווי געגנדז, אַרומגעפּלעטשערט מיט די פיס אין די קאַלוזשעס וואַסער אויפן שטיינערנעם דיל, פלייסיק זיך געפּאָרעט אַרום דער שעמעוודיקער רעכעלען, איר געגעבן גוטע עצות ווי אַזוי צו דערוועקן גלוסטונג אין איר מאַן, און זי אויסגעלערנט אַלערליי סגולות אויף צו געבירן זכרים. די גאָר־יונגע ווייבלעך, מיט קליינע שאָפּענע קעפּלעך, האָבן געשטיפּט ווי קינדער, אַנגערירט רעכעלעס האָר, ווי אויף חידושים, זיך געיאָגט אַרום־און־אַרום און אָפּגעטון כלערליי קלות־ראש. אין אַ ווינקל האָט די רופאטע געשלאָגן אָדער, געשטעלט פּיאַווקעס און געהאַקטע באַנקעס. דער דיל איז באַגאָסן מיט בלוט ווי אין אַ שעכט־הויז. אַן עלטערע יידענע, אַ בעל־תאווהניצע, האָט אַפילו

# *PART TWO*

## 1

### *The Wedding*

The day of Reb Itche Mates' wedding. For three days, engaged in a constant round of mortifications, he had not taken so much as a spoonful of warm water into his mouth. Nights, without removing his clothes, he sat with his feet in a bucket of cold water to keep him awake and mumbled perpetually. For days on end he strayed somewhere in the hills, sinking to his knees in the snow, as though he sought for someone in the white, luminous fields. The cold baths had made his voice hoarse; his eyes were overcast and extinguished like a blind man's. On his wedding day he lay on the bench in his small room in Reb Godel Chasid's house, surrounded by the faithful, who attended his every word. There was even one young cabalist who wrote down whatever Reb Itche Mates said. —The women devoted themselves to Rechele.

Ever since Itche Mates had, as a groom-to-be, been called to the pulpit to read out of the Torah scroll the Sabbath before the wedding, Rechele had shown no further signs of rebellion. She listened submissively to the older women's instructions. She was already versed in the laws dealing with a wife's cleanliness and had read through all the women's books concerning purity and modesty. On her pale cheeks two red spots had settled and would not vanish. Chinkele the Pious daily for hours on end instructed Rechele in morality, stroked her head, and kissed her with cold lips, as though Rechele were her own daughter. The previous evening, Rechele had been taken to the bathhouse for the first time. As they always did at a virgin's first visit, the bandsmen followed her, playing a merry dance tune. A number of women accompanied Rechele, forming a circle around her that she might not be contaminated by encountering a dog or a pig on the way. Vulgar street boys shouted lewd words and obscenities after her. In the bathhouse Yite the Attendant took charge of Rechele, undressed her, and felt her loins and breasts to determine whether she might be barren. With great care, Yite cut the nails of Rechele's hands and feet, so that there might be no barrier to the water at Rechele's immersion, combed her long hair with a wooden comb, and scrutinized all the unseen places of Rechele's body for an abscess or horny skin. Women with shaven heads or badly shorn hair, veteran bathers, sauntered comfortably about, perfectly at home; stark naked, with breasts hanging like lumps of dough, with mighty hips, and loose bellies from continually carrying and giving birth. Waddling about, they familiarly splashed their feet in the puddles of water on the stone floor and diligently tended to the abashed Rechele: they gave her advice on how to arouse her husband's desire and taught her what luck-charms to use to conceive male children. The very young women, with their small sheep's heads, played in the bathhouse like silly children, touching Rechele's unshorn hair in amazement, chasing one another about, and being generally frivolous. In a corner of the bathhouse the healer tapped veins, set leeches, and fastened sucking cups. The floor was as bloody as a slaughter house.

געטריבן מיט רעכעלען ליצנות און איר איינגערוימט אין אויער אַזעלכע זאַכן, אַז דעם מיידל האָט דאָס בלוט אַ זעץ־געטון אין קאָפּ און זי איז שיִער נישט אַנידערגעפאַלן פון חרפּה.

איצט איז ערב דער חתונה. רעכעלע זיצט אויף דער באַנק, שפּאַרט אָן די פיס אָן אַ פיסן־בענקעלע און קוקט אַריין אין אַ ספר. זי פאַסט הײַנט און וועט ביי מנחה זאָגן על־חטא, דען אין חופּה־טאָג ווערן פאַרגעבן אַלע זינד ווי אין יום־כּפּור. אירע דינע ליפּן זענען ווייסלעך, די אויגן — פאַרקוקט ערגעץ אויף יענער זייט פענצטער. דאָס פּנים איז אויס־געצערט און גרינלעך, און עס דוכט זיך, ווי זי וואָלט ערשט־נאָר אויפגע־שטאַנען נאָך אַ לאַנגער שלאַפקייט. צוויי קעכינס באַקן דאָ חלות און לעקעך, שניידן־ אויס קיכלעך, טונקען פלעדערווישן אין אייל און אין געלעכצער, גיסן האָניק, שטויסן מאַנדלען. מ'האָט איינגס געברענגט צופירן פיש און פלייש פון אַ נאָענט שטעטל. פון די גרויסע טעפּ גייט־אויף אַ פּאַרע, מ'שוימט מיט הילצערנע קאָך־לעפל און מ'האַלט אין איין פאַרזוכן, צי ס'האָט אַ טעם. מ'האָט אויסגעפלאָכטן פון ביידע זייטן אַ לאַנגן קוילעטש, מיט וועלכן מ'טאַנצט־אַקעגן נאָך דער חופּה, און מ'האָט אויף אים אַרויפגעקלעבט טייגענע לייטערלעך, פייגעלעך, רע־דעלעך — אַלץ פון מזל־וועגן. אויפן בעט זיצן נייטאָרינס און מאַכן פאַרטיק דאָס ווייסע זיידענע חופּה־קלייד און די וועש. אין זייערע צע־שטאָכענע דינע פינגער בליצן די נאָדלען, די בליקן זענען אַראָפּגעלאָזט צו דער אַרבעט, נאָר די געשליפענע מיילער הערן נישט אויף צו שמייכלען און זיך צו קרימען פון אַלערליי אָנצוהערענישן, וואָס עס שיט די עלטסטע פון זיי, אַן אַלמנה. עס וואַלגערן זיך דאָ לאַנגע העמדער אַרומגעזוימט מיט רויטע ציינדלעך, אויסגעהאָפטענע איינשיטן און ציכלעך, מייטקעס מיט אַ סך יצר־הרע־שפּיצעלעך. די נייע לייוונט קנאַקט אין די הענט, בלענדט אין די אויגן, ווי דער שניי אינדרויסן. עס שטייט דאָ אַ ריח פון צימרינג, ראָזשינקעס און תּענית.

פאַרנאַכט הויבן אָן ביי רעכעלען אין שטוב זיך צונויפצוקומען די מיידלעך. דער דיל איז אויסגעשיט מיט געל זאַמד און ס'ברענען עטלעכע חלבנע ליכט. דער רופא און זיין זון שפּילן אויף צוויי פידעלעך, גרימ־פּלען און מען דערלאַנגט זיי פּאַפּירענע פּרוטות. רעכעלע זיצט אויף איר כּלה־שטול, אָנגעטון אין ווייסן זיידענעם קלייד, באַהאָנגען מיט אָנגעבאָרגט צירונג. אויפן האַלדז טראָגט זי אַ גראָבע גאָלדענע קייט, אַ קורצע און אַ שווערע. אין די פּריש־איבערגעשטאָכענע לעפּלעך פון די אויערן באָמבלען זיך צוויי לאַנגע אויערינג, שוואַרצלעכע פון אַלטקייט, מיט טריבע שטיינער. צוויי מיידלעך, כּמעט נאָך קינדער, זיצן אין ביידע זייטן. זיי דאַרפן זיין די יונגעזעלינס, וואָס טרעטן פון איר נישט אָפּ און היטן זי. קיין בדחן איז אין גאָריי נישטאָ און עס פאַרנעמט זיין אָרט דודיע, אַן אָרעמער שוסטער, בלינד אויף איין אויג. ער שטייט ביי דער טיר אַ דערשראָקענער און אַ בלאַסער, זאָגט אויף אויסנווייניק און הייזעריק עפּעס אַזעלכע אויסטערלישע ווערטער אויף עברי־טייטש און ס'איז שווער צו וויסן, צי איז דאָס אויף פריילעך צו מאַכן אָדער צו דערוועקן טרויער. דאָס זעענדיקע אויג איז אָפן און גליווערדיק, דאָס בלינדע איז פאַרצויגן מיט אַ בעלמע און הערט נישט אויף גיך־גיך צו פינטלען, ווי עס וואָלט געוואונקען. ער מאַכט־נאָך ווי אַ ייִדענע וויינט. ער האָט צוגעלייגט צום פּנים זיינע הענט — שוואַרצע ווי פּעך — און מעקעט ווי אַ ציג. די מיידלעך שטויסן זיך און כיכען. זיי טאַנצן דאָ אַ ברוגז־טאַנץ און דאָ אַ שער, פאַרהויבן די קליידער, ווי זיי זאָלן גיין איבער אַ וואַסער, קוקן זיך אָן פרעמד און שטייפלעך, ווי זיי וואָלטן זיך קיינמאָל נישט געקענט. זיי קווענקלען זיך לאַנג ביז זיי נעמען די שטיקלעך לעקעך, וואָס מען באַשוינט זיי דערמיט, און פאַר־זוכן בלויז אַן איינציקע קירש פון דעם איינגעמאַכטס, וואָס ווערט גע־שטעלט פאַר זיי. טייל פון זיי קריגן זיך מיטן בדחן, הלמאי ער זאָגט נישט קיין גלייכווערטלעך, אַנדערע וואַרפן אויגן צום רופאס זון, דעם כּלי־זמר, וואָס טראָגט אויף זיך אַ מין ווייבערשע יופּע און אַ פּליושן היטל מיט לאַפּן אַרום די אויערן. ער מאַכט שטילערהייט אַלערהאַנט

An elderly woman spoke grossly to Rechele and confided things to the girl's ears that sent the blood rushing to her head, and she almost sank to the earth with humiliation.

It was the day of the wedding. Rechele sat on a chair, her feet resting on a footstool, and read a book. She was fasting that day, and in the afternoon would recite the Yom Kippur confession, since all one's sins were forgiven on one's wedding day, as they were on Yom Kippur. Her thin lips were white; her eyes gazed into the distance. Her face was livid and drawn as after a long illness. In the house two cooks busily baked white bread and honey cake, cut out cookie dough, dipped feather brushes in oil and egg yolks, poured honey, and crushed almonds in a pestle. Fish and meat had been fetched from a neighboring town. The great pots steamed, and the women kept removing the scum with wooden ladles and trying the broth, to make sure it was tasty. They had baked a long white bread and braided its two narrow tapering ends; holding this loaf they would dance to meet the bride and groom after the ceremony; it was decorated with various good luck tokens: ladders, birds, wheels. Seamstresses sat on the bed putting the last touches to the white satin bridal dress and underclothes. The needles flashed between their much-pricked fingers. Their glances were lowered to their work but their genteel mouths smiled incessantly and grimaced at the constant gossip of the eldest of them, a widow. Everywhere were long sheets with red tooth-shaped fringes on the hems, embroidered pillow cases, and lace-edged underclothes. The new linens crackled in the women's hands, and dazzled the eyes, like the snow outside the window. The house smelled of cinnamon, raisins, and preparation for the feast that ends a fast.

In the evening the girls began to congregate at Rechele's house. The floor was sprinkled with yellow sand, and a few tallow candles were burning. The healer and his son, strumming on their fiddles, were paid in paper pennies for each number. Rechele sat in her bride's chair, wearing a white satin dress and borrowed jewelry. Around her neck hung a thick gold chain. From her pierced ear lobes dangled two long earrings, black with age, their stones clouded. Two girls who were still almost children sat on either side of Rechele. They were to be her bridesmaids, and it was their duty to remain at her side and to protect her. Since no wedding jester could be found in Goray, this role was taken by Doodie, a poor shoemaker blind in one eye. Frightened and pale, he stood at the door, hoarsely and mechanically reciting phrases in Yiddish, his manner so ambiguous it was impossible to tell whether he wished to make people merry or sad. His good eye remained fixed; the one with the tumor kept blinking rapidly. Doodie imitated women crying; he covered his face with dirty hands and bleated like a goat. The girls nudged one another and giggled. They performed first the Mad Dance and then the Scissors Dance and the Water Dance, lifting their dresses as though to cross a puddle. Like strangers they averted their eyes. It was some time before they agreed to accept the pieces of honey cake which were their due; they tasted only a single berry of the jam set before them. Because the fool did not jest, some of the girls upbraided him; others flirted with the player, who wore an effeminate jacket and a plush hat with earlaps, and who kept making vulgar

לצנות. די מיידלעך שעלטן אים, דראָען בגנבה מיט די פינגער און פאַרגייען אין געלעכטער.

— אַזאַ מבוזה! — זאָגן זיי און וואַרפן זיך איינע דער אַנדערער אין די אָרעמס.

רעכעלע פאַרשטעלט די אויגן מיט אַ שניפּ־טיכל. זי געדענקט איצט אין פאָטער איירן, ר׳ אלעזר, וואָס איז נהרג געוואָרן אויפן וועג און אַפילו נישט געקומען צו קבר־ישראל. זי איז באַצערט, וואָס זי האָט נישט געקאָנט פאָרן קיין וולאָדאַווע אויף איר מוטערס גרוב און זי פאַרבעטן אויף דער חתונה, ווי עס פירט זיך. גאַנץ פלוצלינג ווערט אַ טומל און אַ געלויף. די מאַנסלייט קומען אָן מיטן חתן צו באַדעקנס און מ׳הערט זייערע קולות און טריט אויף די טרעפּ. די מיידלעך פּרוּוון זיך פאַרשפּאַרן און זיי נישט אַריינלאָזן. אָבער די טיר ווערט אויפגעפּראַלט מיט כוח. יידן קומען־אָן מבושם און האָפערדיק. באַלד ווערט פול מיט זיי די שטוב. כדי דער חתן, ר׳ איטשע מאַטעס, זאָל נישט דאַרפן דורכגיין צווישן נקבות, שטויסט מען זיי אָפּ מיט די עלנבויגנס אין אַ זייט און מ׳מאַכט אַ וואַרע. מ׳שרייט מיט תקיפות:

— ווייבער, אָן אַ זייט!... לאָזט אַדורך!...

– מיידן — אַהיים!

עטלעכע יונגע ווייבלעך קוויטשען, ווי אַלעמאָל אויף חתונות, ווען מ׳קאָן אַרויסווייזן הפקרות. ר׳ איטשע מאַטעס קומט אַריין אין אַ געליענעם טולופּ, וואָס שלעפּט זיך נאָך אויף דער ערד, און אין אַ סויבלענעם היטל, וואָס פאַלט אים אַריבער איבער די אויגן. זיין באָרד איז פון פראָסט געוואָרן ווייס, ווי ביי אַ זקן, און איצט רינען אַראָפּ פון איר טראָפּנס. איידער ער דעקט־צו דער כלה דעם קאָפּ, זאָגט ער אַ לאַנגן יהי־רצון. רעכעלע גיט מיט איינמאָל אַן איינציקן וויין. ווען מען דעקט איר צו דעם קאָפּ, נעמט מען פון אַלע זייטן וואַרפן מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען. אַלע ווייבער הויבן־אָן מיט איינמאָל צו שלוכצן און צו שנייצן די נעז. דאָס קליינע שוסטערל ביי דער טיר שטעלט זיך אויף די נעגל, מ׳זאָל אים אַרויסזען, און זאָגט מיט אַ תשעה־באָב־ניגון:

זיי האָבן אונז געטון שעכטן און מאַטערן אָן אַ שיעור,
די היידאַמאַקעס האָבן געטייט קליינע קינדער און מאַנס געווען ווייבער,
בייכער האָט כמעלניצקי געעפנט און קעץ פאַרנייט אין די לייבער,
דערום שרייען מיר ביטער און טוען בעטן:
נקום נקמת דם עבדיך השפוך!...

ווי געוויינלעך אויף חתונות, הויבט אָן אַ יידענע פלוצים צו חלשן און מ׳גיסט אויף איר וואַסער. אַ ייִנגל שרייט געוואַלד, וואָרים ער ווערט שיִר נישט דערשטיקט אין דער ענגשאַפט. עמעץ שטויסט זיך אָן אין דער טון. אַ כלי ווערט צעבראָכן. באַלד ווערט דער חתן אַוועקגעפירט צו דער חופה צווישן דער שול און דעם אַלטן בית־עולם. דער גאַנצער שול־הויף איז פול מיט בערגלעך. דאָ האָבן די יוונים און די טאָטערן שנת ת״ח באַגראָבן חדר־קינדער, וואָס האָבן זיך איבערגעגעבנטפערט אויף קידוש־השם, אַבי נישט צו טוישן זייער אמונה און פאַרקויפט צו ווערן פאַר קנעכט. דער חתן טוט אָן אַ קיטל און אַ ווייסע הויב, ער זאָל זיך דערמאָנען אין טאָג פון טויט, ווען מ׳הילט איין אין תכריכים. דער קאָפּ, אויפן אָרט פון של־ראש, איז באַשיט מיט אַש. ער שטייט אונטער דער חופה אַן איינגעקנוידערטער, די אויגן פאַרשטעלט מיט אַ פאַטשיילע. די פיר לייט, וואָס האַלטן די שטאַנגען, טענצלען־אונטער און בלאָזן אויף די געפרוירענע הענט. עס איז טונקל און אומעטיק.

comments under his breath. The girls scolded him, surreptitiously shaking their fingers at him, convulsing with laughter.

"The rascal!" they cried, falling into one another's arms.

Rechele covered her eyes with a handkerchief, remembering her father, Reb Eleazar Babad, who had been killed on the road and had not even been buried in a Jewish grave. Remorse consumed her; she had been unable to visit her mother's grave in Velodova and as was proper invite her to the wedding. Suddenly the women crowded together. The menfolk approached, accompanying the groom who came to cover the bride's head. They could be heard already on the stairs, and the girls tried to lock the door against them. But the door was forcibly pushed open and the men entered, drunk and in high spirits. They soon filled the house. Elbowing the women aside, so that Reb Itche Mates might not have to pass among them, his companions made a path for him, crying haughtily, "Women, to one side! Let us through! Girls—go home!"

As is the custom at weddings, when frivolity is tolerated, a few young women screamed. Reb Itche Mates entered, in a borrowed fur coat which dragged behind him on the floor and wearing a sable hat that fell over his eyes. Before covering the bride's head he recited an interminable prayer. Rechele cried out only once. When Itche Mates covered her head, a rain of raisins and almonds fell on her, and all the women sobbed and blew their noses. The fool stood on tiptoe at the door so as to be seen, despite his smallness, and chanted in a melancholy way:

*"The* haidamaks *slaughtered and martyred us.*
*They murdered young children, they ravished women.*
*Chmelnicki slit open bellies, he sewed cats inside, (because of our sins!).*
*This is why we wail so loudly and implore*
*Revenge, O Lord, the blood of thy slaughtered saints!"*

A woman suddenly fainted, and they poured water over her. A boy suffocating in the crowd screamed in fright. Someone stumbled over the water tun. A vessel broke. And then the groom was escorted to the bridal canopy, which stood between the prayer house and the old cemetery. Small mounds filled the prayer house court, marking the graves of school children who in 1648 had died martyrs' deaths at the hands of *haidamaks* and Tartars rather than change their faith and be sold into slavery. The groom, in memory of the day of death, put on a white robe like a shroud and a white mitre. He had sprinkled with ashes the spot on his forehead where the phylacteries usually rested. Hunched under the canopy Reb Itche Mates hid his eyes with a kerchief. The four men who were holding the canopy poles shuffled their feet to keep warm and blew on their hands. Mischievously an urchin thrust his grandmother's knitting needle

אַ יונג אַ שטיפער פּרוּווט הינטן־אַרום אַ שטאָך טון ר׳ איטשע מאַטעסן מיט אַ שפּיזל, וואָס ער האָט אַרויסגעגנבעט ביי זיין באָבען. ער פאַר־קריכט דערמיט טיף דעם חתן אין לייב, אָבער ר׳ איטשע מאַטעס שפּירט, אַפּנים, נישט. ער גיט אַפילו נישט קיין ציטער, און ביים בחור פאַלן־אָפּ די הענט. מ׳וואַרט לאַנג. פון דער צעבראָכענער צוים אַרום בית־עולם קוקן אַרויס רעשטלעך פון פאַרצייטישע מצבות, וואָס קלעטערן משופּע איינע איבער דער אַנדערער. באַלד ווערט פריילעך. רויטע שפּרינ־גענדיקע פייערן פון הבדלות דערנענטערן זיך. דער רופא און זיין זון שפּילן אַ חופּה־מאַרש. מען פירט די כלה. מיידלעך אין ווייסן, מיט וואַקסענע ליכט אין די הענט, שטעלן זיך אויס אין צוויי שורות זי דורכצו־לאָזן. רעכעלע איז אינגאַנצן פאַרדעקט מיט אַ שלייער. זי הינקט שטאַרקער ווי געוויינלעך. די אונטערפירערינס שלעפּן זי כמעט. דער מסדר־קידושין איז לוי, ר׳ בינושעס ייִנגסטער זון, דער שבתי־צביניק. ער איז בלייך פון קעלט און מחמת מורא, ער זאָל נישט געשטראָפט ווערן דערפאַר, וואָס ער, דער ייִנגערער, נישט עוזר, איז ממלא־מקום דעם פאָטער. דאָס שמאָלע גלעזל אין זיין האַנט ציטערט, דער וויין פאַר־גיסט זיך איבער די פינגער און מיט אַ וויינענדיקן ניגון זאָגט ער:

. . . . אשר אסר לנו את הארוסות והתיר לנו את הנשואות לנו
על־ידי חופה וקידושין . . . ברוך אתה ה׳ — יוצר האדם . . .

into the groom's buttocks. The groom did not so much as move, and the boy's arms fell to his side. For a long time all were still. Fragments of ancient monuments loomed above the decrepit fence surrounding the cemetery; in serried ranks they rose above one another. Then suddenly the red leaping flames of braided candles approached, and all became merry. To the tune of a bridal canopy march played by the healer and his son, the bride was led forth. Girls in white, bearing wax candles, formed two rows through which Rechele passed. Completely veiled, she limped more markedly than usual; the bridesmaids almost had to drag her. Levi, Reb Benish's younger son, he that belonged to the Sabbatai Zevi sect, was the master of the sacrament. Pale with the fear of punishment that he, not Ozer, was filling his father's place, the narrow glass in his hand trembled, and the wine spilled over his fingers, as he chanted tearfully:

"Blessed art thou, O Lord, who has sanctified us by thy commandments . . . who has sanctioned unto us such as are wedded to us by the rite of the canopy and the sanctification. . . . Blessed art thou, O Lord, creator of men."

ב

## די שבע ברכות

שוין דריי נעכט ווי מען פירט חתן־כלה לייגן, און רעכעלע איז נאָך אַלץ נישט אויפגעבונדן געוואָרן. יעדן פרימאָרגן, ווען ר׳ איטשע מאַטעס פעדערט זיך אין בית־מדרש אַריין, קומען צו גיין צו דער יונגפרוי ביידע אונטערפירערינס צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע היימישע ווייבער, אויסצו־פאָרשן, צי זי האָט זיך שוין באַגעגנט מיט איר מאַן. רעכעלע שעמט זיך און באַהאַלט זיך אונטערן איבערבעט, נאָר זיי טוען נישט קיין אַכט דערויף, וואָרן זי איז אַ יתומה און האָט נישט קיין מוטער, וואָס זאָל אויף איר האַלטן אויג. מען דעקט זי אויף, מען באַקוקט מיט אייפער איר העמד און דאָס ליילעך. מען בויגט זיך איבער דעם גאָטפאַרכטיק, ווי איבער אַ מצוה־זאַך. די פנימער זענען צעפלאַמט. מען פרעגט זי יעדן טאָג פונסניי:

— איז ער נישט געלעגן מיט דיר, אַ? . . .
— האָט ער צו דיר קיין שליטה נישט?

קראָען קראַקען שוין אויף די דעכער וועגן דעם. די גרינגע לייט פון גאָרייַ טוען לאַכן און שפּעטן. מחמת גרויס שאַנד דאַוונט ר׳ איטשע מאַטעס אין בית־מדרש הינטערן אויוון און הילט איין זיין פּנים מיטן טלית, די עכּברושים און געזעלן־יונגען זאָלן אים נישט פאַרווירן מיט זייערע נאָכקרימעכצער. די לייט פון דער כת זוכן אַלערליי עצות. ר׳ גאָדל חסיד נעמט אַהיים ר׳ איטשע מאַטעסן צו זיך און גיט אים צו עסן געבראָטענעם קנאָבל און אַרבעס אָן זאַלץ, וואָס דאָס איז אַ סגולה צו מערן זוימען. נעכעלע לערנט רעכעלען ווי אַזוי צו דערוועקן אין איר מאַן גלוסטונג. לויטן מנהג פירט מען דאָס פּאָרפאָלק לייגן אַזוי לאַנג, ביז וואַנען די יונגפרוי ווערט נישט קיין ווייב. אין אָוונט, אויף דער מאָלצייט פון שבע־ברכות, נעמט זיך צונויף די גאַנצע חבריא. עס קומען אויך ווייבער. רעכעלע זיצט אַ פאַרשעמטע און ווי אַן אויסגע־פּאַטשטע אויף דער שטול, אין אירע ווייסע חופּה־קליידער און אין צירונג, דען זי איז נאָך אַלץ אַ כלה. דער שוסטער דער בדחן מאַכט פריילעך און רעדט אַפילו צו ביסלעך ניבול־פּה, כדי אויפצוהייטערן די געמיטער. ר׳ איטשע מאַטעס איז אָנגעטון אין אַן אַטלעסענער זשופּיצע. רויטע פלעקן שטייען אים אויף די באַקן און אויפן שטערן, און ער הערט נישט אויף צו ווישן דעם שווייס מיט זיין קעשענע־פאַטשיילע. ער פאַרזוכט קוים פון די גוטע מאכלים, וואָס מ׳שטעלט פאַר אים אַוועק, שלינגט־אַראָפּ מיט ווידערווילן און מיט אַ פאַרקרימען־זיך. מ׳זעט באַשיינ־פּערלעך ווי יעדער ביסן בלייבט אים שטעקן אין האַלדז. וויפל מאָל ויינע

## 2

*The Seven Days of Benediction*

It was now three nights since they had led the bride and groom to the marriage bed, and Rechele was still a maiden. Early each morning, after Reb Itche Mates had left for the study house, the two women who had given the bride away came, along with a few other interested matrons, to discover whether Rechele and her husband had as yet known each other. Ashamed, Rechele hid under the bolster, but that did not bother them, for was she not an orphan, with no mother to look after her? And so they uncovered her, and examined her slip and bedclothes carefully, their faces reddening as they piously went about their work. Each day they would ask the same question: "Well, have you been together? Has he lain with you?"

The crows were already proclaiming the news from the rooftops to the amusement of the frivolous in Goray. As for Reb Itche Mates, he began to pray behind the oven in the study, hiding his face in his prayer shawl, so that his devotions might not be disturbed by the grimaces of ruffians and apprentices. The followers of Sabbatai Zevi saw that measures had to be taken and Reb Godel Chasid brought Itche Mates home with him for the express purpose of feeding him roasted garlic and saltless peas, food that would make a man potent. Rechele also received instruction, Nechele explaining to her the ways of arousing lust in a husband. And for seven nights, as was the custom, bride and groom were led to the marriage chamber and all waited expectantly for the consummation. During this period, the time of the Seven Benedictions, all the members of the sect gathered together at the evening meal. Rechele still wore her white bridal canopy dress and jewelry, for she was still a bride. She sat shyly on her chair while the shoemaker passed lewd remarks to rouse everyone's spirits. Reb Itche Mates wore a coat of satin. His forehead was flushed, and he was forever wiping the perspiration from his face with his pocket handkerchief. He scarcely touched the dishes set before him, and what he did eat he swallowed with revulsion. The food seemed to stick in his throat. When the sub-

לייט נעמען מיט אים איבעררעדן וועגן עניני־זיווג, הויבט ער אָן שאָקלען מיטן קאָפּ, פינטלט דערשראָקן מיט זיינע פיש־אויגן און שטאַמלט:

— יאָ, נו . . . אַוודאי . . .

בייטאָג שיקט מען צו אים יונגעלייט, קעסט־קינדער, זיי זאָלן מיט אים פאַרברענגען און אים אַרויסשלאָגן פון עצבות. מען פרעגט איינער דעם אַנדערן רעטענישן, מ'שפּילט אין ציג־און־וואָלף, אין שאָך און אַפילו אין ווערפל. טייל ווייזן־אַרויס זייער וואוילקענעוודיקייט אין שרייבן מיט אַ געציקטער שריפט, אַנדערע קנעטן־אויס פון ווייך ברויט אַלערליי חיות און פייגל. יענע, וואָס האָבן אַ שיין קול, זינגען ניגונים. די שאַרפע מוחות קלערן־אויס חידודים און פּשטלעך. עס זענען אויך פאַראַנען אַזוינע, וואָס פלייסן זיך אין וועלט־זאַכן. מען דערציילט פון פאַרצייטישע מלחמות, פון וועלכע מ'האָט געלייענט אין יוסיפון, וועגן אויסטערלישע פּירעכצער פון רייכע פּריצים און ריטער. וועגן דעם פּוילישן שר ווישניעוויצקי, דעם יידן־פריינט, וואָס האָט געזעצט די הײַדאַמאַקעס אויף פּלאָקנס. גערן שמועסט מען וועגן די גרויסע יאַרידים אין לובלין, וואו מען קריגט צו קויפן די זעלטנסטע ספרים און כתב־ידן, גילדערנע און זילבערנע תכשיטים, און וואו ס'פאָרן זיך צונויף די גרעסטע אדירים פון פּוילן, ליטע, אשכנז און בעהמען אויסצוזוכן חתנים פאַר די טעכטער. איינער האָט אַפילו מיטגעבראַכט מיט זיך אַ פידל און אויפגעשפּילט אַ וואָלאַך. ר' איטשע מאַטעס זיצט צווישן זיי אַ מידער און אַ פרעמדער, קוקט ערגעץ קרום, איבער אַלעמענס קעפּ. פון מאָל צו מאָל ציפּט ער אויס אַ האָר פון זיין באָרד, שטעלט זי צו צום אויג, גאַפט אויף איר לאַנג, און לייגט זי באַדעכטיק אַריין צווישן די בלעטער פון זוהר. צום סוף לאָזט ער אַראָפּ דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען און דרימלט־איין זיצנדיקערהייט. די הענט הענגען אַראָפּ אָנמעכטיק, די בלאַסע נאָז איז צוגעפּלעטשט און טויט. די געסט שטייען־אויף און כיכען אין די פויסטן. אין אָוונט, פאַרן לייגן־פירן, רופן אים די חשובע לייט פון דער חבריא אויף אַ סוד. מען טענהט צו אים:

— היתכן, ר' איטשע מאַטעס?! . . . פּריה ורביה! . . . דאָס איז דאָך דער עיקר־העיקרים! . . .

די בעטן פון דעם פּאָרל געפינען זיך אין אַ האַלב־חרובער שטוב פון ר' אלעזר באַבאַדס מויער, און קיין אויוון איז דאָרטן נישטאָ. איידער ר' איטשע־מאַטעס טוט זיך אויס, לייענט ער פריער די קריאת־שמע פון אר"י, וואָס דויערט מער ווי אַ שעה צייט. ער זאָגט ווידוי, קלאַפּט מיט זיין דאַרער פויסט אין האַרץ אַריין, אַז עס הילכט אָפּ הויל, וויינט און גיסט מיט טרערן. דערנאָך נעמט ער אומגיין קיילעכיק אַרום אַ בענקל, מאַכט הקפות און עיגולים. רעכעלע ליגט שוין דעמאָלט אין בעט און וואַרט אויף אים, באַוויליקט אים אויפצונעמען מיט גוטע רייד און ליבשאַפט, ווי די ווייבער האָבן זי געלערנט. אינדרויסן בילן כלבים מיט געהויל, ווערן פאַרשטומט, הויבן־אָן אויפסניי, ווי אויף אַ גרויסער עוולה, וואָס איז אָפּגעטון געוואָרן זייערע הינטישע נפשות, און רעכעלע ווייסט, דאָס דער מלאך־המות איז אין שטאָט. דער ווינט רייסט דעם לאָדן, אַ קעלט ווייעט. דאָס קליינע חלבנע ליכטל צאַנקט אַזוי לאַנג, ביז אין שטוב ווערט פינצטער און אַנגערויכערט. ר' איטשע־מאַטעס הערט נישט אויף צו מורמלען און אַרומצוקריכן מיט וויכע שלעפּעדיקע טריט פון ווינקל צו ווינקל, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט. טיילמאָל דוכט זיך רעכעלען, דאָס אַ חוץ איטשע מאַטעסן איז דאָ פאַראַנען נאָך איינער, אַ לופטיקער און פורכטיקער. די האָרוואָרצלען נעמען איר שטעכן פון פחד און זי דעקט זיך איבער. צום סוף קומט צו איר ר' איטשע מאַטעס שווייגנדיקערהייט. זיין לייב איז אייז־קאַלט און ס'שפּירט זיך דערפון מיט מקווה־וואַסער און מת. ער וואַרעמט זיינע פאַרשטייפטע הענט אין אירע בריסטן, שטעכט זי מיט זיינע האָר און האַלט אין איין האַקן מיט די ציין און טרייסלען זיך, אַז דאָס בעט וואַרפט זיך מיט. זיינע קניען זענען ביינעריק־שפּיציק און עפּעס ווי הויל, די ריפּן שטאַרצן אַרויס ווי רייפן. מיט איינמאָל גיט ער אַ זאָג הייזעריקלעך־שטיל און מיט קינדישער היימישקייט:

— זעסט עפּעס, רעכעלע?

— ניין! . . . וואָס זעסטו, איטשע מאַטעס? . . .

לילית! — זאָגט ר' איטשע־מאַטעס, און רעכעלען דוכט זיך, אַז ער פרייט זיך וועגן איר. — קוק זי אָן . . . מיט לאַנגע האָר, ווי דו . . . אינגאַנצן נאַקעט . . . בלויז ערווה . . .

ject of marital relations came up he would shake his head, his dead eyes blinking in terror.

"Yes . . . yes . . . of course," he would stammer.

In the afternoons young men were despatched to Reb Itche Mates, grooms who were still boarding at their in-laws', to keep him occupied and prevent him from being melancholy. They asked each other riddles, played at Goats and Wolves, chess, and even dice. Some of them wrote in a fine, curlicued script to exhibit their learning; others kneaded soft bread into all kinds of birds and beasts. Those who could sing did so, and the bright ones thought up new turns of *pilpul*. A few young men who were students of world affairs conversed about the ancient wars of which they had read in Josephus, as well as about the remarkable behavior of rich lords and knights and of the Polish nobleman Wisniewcki, the friend of the Jews, who had impaled the *haidamaks* on wooden poles. They enjoyed discussing the great fairs in Lublin, where the rarest volumes and manuscripts, precious gold and silver objects could be purchased, and where the wealthiest men from Poland, Lithuania, Germany, and Bohemia sought husbands for their daughters. One of the young men even brought his fiddle along with him and played him Wallachian melodies. Amongst them Reb Itche Mates sat, weary and alien, gazing obliquely over their heads. Occasionally he would pull a hair from his beard, hold it close to his eye, stare at it long, and finally place it carefully between the leaves of the Zohar. Soon his head sank on his chest and he dozed off. His arms dangled limply and his nose looked pale and lifeless. His visitors stood up and chuckled behind his back. At night, when the important leaders of his sect came to escort Reb Itche Mates to bed, they took him aside for a whispered conference, remonstrating:

"How can this be, Reb Itche Mates? To be fruitful and to multiply is the principle of principles!"

The marriage bed was in a room in Reb Eleazar's half-ruined brick house. Before removing his clothes Reb Itche Mates read the prayers of Rabbi Judah the Devout for more than an hour. Next, beating his breast with his thin fist, and weeping, he made his confession. Then he walked innumerable times around a bench. Rechele lay in bed waiting for him, prepared to greet him with sweet talk and love, as she had been tutored by the women. Outside, dogs howled mournfully, grew silent, and then began again, as though lamenting some great crime perpetrated on them. Rechele became aware that the Angel of Death was outside. The wind tore at the shutters, icily swept through the room, and the tallow candle flickered and went out, leaving the room dark and smoky. Reb Itche Mates continued his chant as he shuffled from corner to corner, as though in search of something. It seemed to Rechele that there was someone besides Reb Itche Mates in the room, some airy and terrifying presence. The roots of her hair tingled with fear, and she drew the covers over her. At last, silently, Reb Itche Mates lay down beside her. His body smelled of bathhouse water and corpses. He warmed his frigid hands between her breasts, and his bristly hair pricked her, yet his teeth continued to chatter and his body shook so that the bed shook with it. Reb Itche Mates' knees were bony and sharp and seemed to be hollow; his ribs protruded like barrel staves. All at once he spoke, in a low hoarse voice full of childish mystery:

"Do you see anything, Rechele?"

"No! What do you see, Itche Mates?"

"Lilith!" Reb Itche Mates cried, and it seemed to Rechele that the vision pleased him. "Look at her. Long hair like yours. Naked. Concupiscent."

ער רעדט אויסטערלישע ווערטער, אָפּגעהאַקטע, נישט צום פאַר־שטיין און ווי אויף חוזק . . . דערביי שנאָרכט ער הויך און מיט אַ לאַנגן דינעם פייף. רעכעלע שפּירט ווי מילבן נעמען איר לויפן איבערן רוקן.

איטשע מאַטעס ! — זאָגט זי מיט אַ פאַרשטיקט קול און מיט וואָרעניש.

— יאַ, נו . . .

— דו שלאָפסט ?

— עט, ווייסעך . . .

— וואָר־זשע שנאָרכט אַזוי ? — פרעגט רעכעלע און שפּיצט־אויס די אויערן.

איטשע מאַטעס ווערט שטיל און הערט זיך צו. זיין נאָז שנאָרכט אָן זיין וויסן, ווי זי וואָלט געשלאָפן אויף אייגענער אַחריות אַ טיפן מיטנ־נאַכטישן שלאָף . . . ביי רעכעלען שטעלט דאָס האַרץ זיך אָפּ.

איטשע מאַטעס ! — רופט זי און רוקט זיך פון אים אָפּ. — הער־אויף מיך צו שרעקן ! . . . כ'בין סיי־ווי קראַנק . . . איטשע מאַטעס !...

אַ גאַנצע נאַכט רוט ער נישט איין. ער גייט אַרויס פון איר בעט און לייגט זיך אין זיינעם. ער שטייט־אויף און פאַרעט זיך אַרום, וואַשט די הענט, פאַרגיסט אויפן דיל, האַלט כסדר אין איין זאָגן און ברומען. פאַרטאָג שטעלט ער זיך אַוועק ביים פענצטער און קוקט־אויס דורך די לאָדן־שפּאַלטן, צי ס'נעמט שוין טאָגן. גלייך ווי אינדרויסן באַגינט צו בלויען, טוט ער זיך אָן און גייט אַרויס. ערשט דאַמאָלס שלאָפט רעכעלע איין. שלעכטע חלומות פייניקן זי. זי זעט דעם טאַטן אירן ליגן אויף אַ פעלד מיט אויסגעפּיקטע אויגן און אַרומגערינגלט מיט אַ מחנה קראָען. דער פעטער ר' זיידל־בער קומט צו איר. ער איז אָנגעטון אין פאַר־בלוטיקטע תכריכים, פאָכעט מיט אַ לאַנגן חלף אין דער לופט און שרייט מיט גרימצאָרן :

— דיינע יאָרן זענען אונטערגעהאַקט ! נידער, רעכעלע, אין פינצטערן גרוב ! . . .

זי שטייט אויף יעדן פרימאָרגן אַ פאַרענדערטע, ווי פון אַן אינע־ווייניקסטער פאַרבאָרגענער קרענק, און ס'קומט איר פאָר, אַז די נאַכט איז געווען לענגער ווי נעכט קאָנען געוויינלעך זיין. זי קאָן פאַר קיין פאַל זיך נישט דערמאָנען, וואָס זי האָט געזען אין חלום און וואָס אויף דער וואָר. דער קאָפּ איז זאַמדיק און שווער ; די האָר טוען וויי, ווי מ'וואָלט זיי געריסן ; בלויע רענדער שטייען אונטער די אויגן, און דאָס לייב איז פול מיט פלעקן און טויטן־קנופּן. מיט שטייפע פיס גייט זי אַריין אין איר וואוין־חדר, רייבט לאַנג איין קיזלשטיין אין אַנדערן, ביז ס'צינדט זיך אָן די קנויט. זי שטעלט־צו צום קאָכן, נאָר זי פאַר־געסט און לאָזט דאָס געקעכטס אָנברענען. נאָך צוועלף קומט צו גיין פון בית־מדרש איטשע מאַטעס, — אַן איינגעבויגענער, מיט אַ פאַטשיילע אַרום די לענדן און מיט אַ גרויסן טלית־זאַק אונטערן אָרעם. ער נעמט אַליין אַרויס אַ שטיקל דאַר ברויט פון קנעט־שעפל, וואַשט זיך, ווישט לאַנג אין דער פאָלע פון זיין קאַפּטאַן. דעם כזית ברויט טינקט ער איין אין זאַלץ, שאָקלט אָפּ, טינקט ווידער איין — אַזוי דריי מאָל. דערנאָך ציט ער אַרויס פון קעשענע אַ קנאָבל און רייבט־אָן. נאָכן בענטשן שפּאַרט ער אָן דעם שטערן אָן קאַנט פון טיש און דרימלט אַ פערטל שעה. די אַקסלען געבן יעדעס מאָל אַ ציטער ווי פון אַ ביס, און ער שאָקלט זיך אָפּ. פלוצים רייסט ער זיך אויף. אויפן שטערן שטייט אַ רויטער שראַם, די פאַרשלאָפענע אויגן גאַפן פאַרחידושט. רעכעלע רעדט צו אים, נאָר ער ענטפערט נישט, און ס'זעט אויס, ווי ער וואָלט נישט געמערקט, דאָס זי געפינט זיך מיט אים אונטער איין באַלקן. באַלד שטייט ער אויף, קושט דריי מאָל די מזוזה און גייט צוריק אַוועק — ביז אָוונט . . .

דער זיבעטער טאָג פון די שבע ברכות איז שוין אַריבער און רעכעלע איז נאָך אַלץ אַ בתולה. די יונגע ווייבלעך רעדן אין שול, דאָס מען האָט רעכעלען אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ אָן אַ מעסער. אַלע ווייסן שוין, דאָס מ'האָט דעם פּאָרל אָנגעטון אַ כישוף, זיי זאָלן זיך נישט קאָנען באַהעפטן. מ'האָט שוין געזוכט ביי רעכעלען, צי ס'זענען נישטאָ קיין קניפּן אין די פראַנזן פון איר שאַל און צי ס'איז עפּעס נישט פאַרבאָרגן אין די פאַלדן פון אירע קליידער. מ'האָט אויסגערוימט אַלע בעזעמס און פאַרברענט. מ'האָט אויסגערויכערט דאָס בעט־געוואַנט און אָנגע־האַנגען קמיעות אין אַלע ווינקלען, צו פאַרטרייבן די רוחות־רעות. ר' איטשע מאַטעסן האָט מען באַזונדער אַוועקגעפירט אין באָד און בודק געווען, צי ער האָט אַלע סימנים פון אַ זכר . . .

און די לערע יונגען, וואָס זיצן אין האַרבעריק און שפּעטן־אָפּ פון אַלע פרומע לייט, האָבן אויסגעפונען פאַר ר' איטשע מאַטעסן אַ צונאָמען. זיי האָבן אים אָנגערופן : דער מרוך־אָשך . . .

He rambled on in strange half-sentences, cryptic, incomprehensible, as though in mockery. Suddenly he began to snore, with a long, shrill whistle.

"Itche Mates!" Rechele called in a voice which though muffled had a threat in it.

"Eh . . . ?"

"Are you asleep?"

"Uh. . . ."

"Why do you snore so loudly?" asked Rechele.

Itche Mates listened, yet the snores continued even though he was awake.

Rechele was terrified.

"Itche Mates!" she cried, turning from him. "I am sick. Stop frightening me!"

He could not sleep all night. He left the bed and began washing his hands and splashing water on the floor, while muttering prayers and humming. Toward dawn he stationed himself at the window and peered through the cracks in the shutters for sign of light. At the first hint of blue, he put on his clothes and left the house. Only then did Rechele sleep. Tormented by dreams, she saw her father lying in a field, empty-eyed and circled by a flock of vultures. Uncle Reb Zeydel Ber came to Rechele also. He was wearing a bloody shroud, and he waved a long butcher's knife in the air, and shouted angrily: "Your days are numbered! Descend, Rechele, descend into the dark grave!"

She rose in the morning altered, as though by a mysterious disease, and it seemed to Rechele that the night had been longer than nights usually were. She could on no account remember what she had dreamed and what she had experienced. Her head was heavy; her hair hurt, as though it had been pulled; there were blue circles under her eyes, and her body was black and blue as though it had been pinched. Stiffly she walked to the oven and rubbed the flints together until the wick at last caught fire. Then she put a pot on the tripod, but so forgetful was she that the food burned. Reb Itche Mates returned from the study house at noon, wearing a kerchief around his loins and stooping as he carried a great prayer bag. Selecting some dry bread from the kneading trough, he washed his hands and wiped them on the tail of his kaftan. First he dipped the small piece of bread in salt, then shook off some of the salt and dipped the bread again—thus three times. Afterward he rubbed a clove of garlic into the crust. After the meal, he leaned his forehead on the corner of the table, and dozed for a quarter hour. Occasionally his shoulders would jerk. Suddenly he wrenched himself from sleep. There was a red mark on his forehead, and his eyes stared confusedly. Rechele spoke to him, but he seemed unaware of her presence, and did not respond. Presently he stood up, kissed the doorpost sign three times, and went off again—until evening. . . .

When the seventh day of the Seven Days of the Marriage Feast was passed, Rechele was still a virgin. Young women who spoke of it in the shops pitied Rechele who, they said, had had "her head cut off with no knife." Everyone believed that sorcery had prevented the bride and groom from consummating their marriage. The fringes of Rechele's shawl were searched for knots, and the folds of her dress for hidden evidence of witchcraft. All the brooms were taken from her house and burned. The bridal bedding was smoked out and amulets were hung in every corner, to drive off evil spirits. Led separately to the bath, Red Itche Mates was examined by the men for signs of maleness. . . .

And the good-for-nothings who sat in the tavern making fun of law and order had found a nickname for Reb Itche Mates. They called him Gelding.

## ר׳ גדליה

נאָענט צו פּורים איז געקומען קיין גאָריי אַ שליח און האָט איבערגעגעבן זאַכן, פון וועלכע אַלע זענען געוואָרן נבהל ונשתומם.

שבתי צבי דער משיח — האָט ער דערציילט — איז שוין מיט גאָטס הילף אַנטפּלעקט געוואָרן, און ער איז אַוועק קיין סטאַמבול אַראָפּצונעמען די קרוין פון קאָפּ פון דעם סולטאַן, וואָס געוועלטיקט איבער ארץ־ישראל. נישט מיט חיילות גייט ער, נאָר עס באַלייטן אים שרים און נביאים פון יענער זייט סמבטיון, אויף די רוקנס פון העלפאַנטן, לעמפּערטן און ווילטירן. שבתי צבי, זיין נאָמען זאָל געגרויסט זיין, רייט פאָרויס אויף אַ ווילדן לייב. און ער איז אָנגעטון אין קליידער פון פּורפּור, גינגאָלד און אַלערליי טייערע שטיינער, וואָס לייכטן אין דער פינצטער. דער אָנגורט אַרום זיינע לענדן איז אייטל פּערל. אין זיין רעכטער האַנט האַלט ער אַ קעניגלעכע רוט און עס שמעקט פון אים דער ריח פון גן־עדן. דער ים האָט זיך געשפּאָלטן פאַר אים, ווי פאַרצייטנס פאַר משה רבינו עליו השלום, און ער גייט צוזאַמען מיט זיינע לייט אין דער טרוקעניש. אַ פייערדיקער זייל ציט פאָרויס צו ווייזן דעם וועג און מלאכים פליען־נאָך און זאָגן שירה. אין אָנהויב האָבן די קיניגן און פירשטן אַרויסגעשיקט קעגן אים מחנות ריזן מיט בלאַנקע שווערדן, אים צו פאַנגען. נאָר פון הימל איז אויף זיי געפאַלן אַ רעגן פון גרויסע שטיינער, ווי עס שטייט געשריבן וועגן גוג ומגוג, און זיי זענען אַלע פאַרטיליקט געוואָרן. דער רעש אויף דער וועלט איז שטאַרק. די יהודים זענען אין גרויס חשיבות. די מעכטיקסטע הארן קומען אונטערטעניק אָפּגעבן זיי כבוד און זיך בוקן צו זייערע פיס. גלייך ווי שבתי צבי וועט אָנקומען קיין סטאַמבול, וועלן פאָרקומען גריילעכע פאַרענדערונגען אויף דער ערד און אין הימל. אויף שבועות וועלן אַלע יידן אַוודאי שוין זיין אין ארץ־ישראל. דאָס בית־המקדש וועט ווערן אויפגעשטעלט, די לוחות וועלן צוריקקערן אין ארון, און ס׳וועט געזעצט ווערן אַ כהן־גדול. שבתי־צבי, אונדזער אויסלייזער, וועט זיין מלך פון איין עק וועלט ביזן צווייטן . . .

נישט אַ פּראָסטער ייד, אַן ארחי־פרחי, האָט געבראַכט דעם אָנזאָג, נאָר ר׳ גדליה שוחט פון זאַמאָשטש, אַ מאַן אַן אָנזעעוודיקער און אַ מכובד, אַ הויכער, אַ דיק־לייביקער, מיט אַ געפאַלדעטן נאַקן און אַ גרויסן בויך. זיין טולופּ איז געווען פון ביבער־ווידלען און באַצויגן מיט זייד, דער הוט אויף זיין קאָפּ — פון סויבל. זיין שוואַרצע ברייטע באָרד, ווי אַ פעכער, האָט געגרייכט ביז צום נאָפּל, און זיינע געלאָקטע האָר זענען געפאַלן איבער די אַקסלען, ווי עס איז דער שטייגער ביי חשובע לייט. די חבריא אין גאָריי האָט וואויל געקאַנט זיין נאָמען, דען ער איז מפורסם געווען פאַר אַ מקובל, און בלויז וועגן זיין גלויבן אין שבתי צבי האָט ער געמוזט עוקר זיין פון זיין שטאָט. קיין גאָריי איז ר׳ גדליה געקומען צו דערוועקן די מאמינים און אפשר אויך איבערצונעמען די שחיטה, וואָרים זינט שנת ת״ח איז אין גאָריי קיין שוחט נישט געווען. דערביי זענען בהמות און עופות אין די דערפער אַרום געווען בזול און אַלע האָבן געגאַרט נאָך אַ שטיקל פלייש. לוי, וואָס האָט איצט געפירט דאָס רבנות אויף זיין פאָטערס אָרט, האָט ר׳ גדליהן אויפגענומען מיט אַ סך כבוד אין בית־דין־שטוב, אים אַוועקגעזעצט אויבן־אָן אויף אַ געבעטער פאָטער־שטול און צונויפגערופן זיינע לייט, צו אַנטפּאַנגען דעם גאַסט און צו מאַכן פאַר אים אַ סעודה. דער בעל־הבית פון שענק, איינער פון דער כת, האָט אייגנס געברענגט אַ פעסל זויערן וויין, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן אין קעלער פון מער ווי מיט פופציק יאָר צוריק. נעכעלע האָט געשטעלט קוכן, וועלשענע ניס און איינגעמאַכטס. מ׳האָט געזונגען די נייע ניגונים, וואָס שטאַמען פון הייליקן שבתי צבי און וואָס ער אַליין האָט געהערט אין גן־עדן. ר׳ גדליה האָט מיט געניטשאַפט זיך אָנגעגאָסן אַ הויכן זילבערנעם בעכער, פאַרשטעקט זיינע דיקע האָריקע הענט אין דעם ברייטן סאַמעטענעם באַפּראַנזטן גאַרטל, און אָנגעזאָגט איין גוטע בשורה נאָך דער אַנדערער.

ער האָט דערציילט, אַז אויפן גרויסן ים פון אשכנז האָבן יהודים און נוצרים געזען אַ שיף, וואָס אירע זעגלען און שטריק זענען געווען פון ווייסן זייד. די מאַטראָזן האָבן גערעדט לשון־קודש און אויף דער



## *Reb Gedaliya*

Some time before the Feast of Purim there arrived in Goray an emissary with amazing, if bewildering, news.

Sabbatai Zevi—he related—having already, with God's help, been revealed as the Messiah, had departed for Stamboul to claim the crown of the Sultan who ruled the Land of Israel. Not through the might of hosts had Sabbatai Zevi conquered, but through the power of lords and prophets from the other side of the River Samation who accompanied him riding on the backs of elephants, leopards, and water oxen. Sabbatai Zevi himself (may his name be praised!) rode before them on a wild lion, wearing garments of purple and spun gold and numerous precious stones that shone in the darkness. A sash of pearls girdled his loins. His right hand clasped a scepter, and he was fragrant as the Garden of Eden. The sea parted before him, as it had in days of old for our Master Moses (peace be with him!), and he walked upon dry land in the midst of the waters, he and those that were with him. A pillar of fire went before him to show the way, and angels flew after him, singing hymns in his praise. At first the kings and princes of the earth had dispatched hosts of giants with drawn swords against Sabbatai Zevi, that they might take him prisoner. But a torrent of great stones rained from heaven as had been promised for the day of Gog and Magog, and all the giants perished. The world was astounded. The people of Judea were now in high repute. Princes and kings came to honor them and prostrated themselves before them. Earth and Heaven would rejoice on the day that Sabbatai Zevi arrived in Stamboul. All the Jews would certainly celebrate the Feast of Weeks in the Land of Israel. The Holy Temple would be restored, the Tables of the Law returned to the Holy Ark, and a High Priest would enter the Holy of Holies. Sabbatai Zevi, the redeemer, would reign throughout the world. . . .

The bearer of this news was no common person, no ordinary traveler, but Reb Gedaliya, the ritual slaughterer from Zamosć, a man who was held in high regard, an individual of standing; Reb Gedaliya was tall, heavyset, with a great belly and creases in his neck. His coat was of beaver and covered with silk, and the hat he wore was sable. His black, broad, fan-shaped beard hung down to his waist, his curly hair fell over his shoulders. Reb Gedaliya's name was well known to the Sabbatai Zevi sect, for he was renowned as a cabalist; it was because of his belief in Sabbatai Zevi that he had been forced to leave his native town. Reb Gedaliya had come to Goray to rally the believers—perhaps also to take over the office of slaughterer which had been vacant in Goray since 1648. Beasts and fowls could be purchased cheaply in the nearby villages, and all the people of Goray longed for meat. Levi, who now occupied the rabbinic chair in his late father's place, led Reb Gedaliya respectfully into the study house, seated him at the eastern wall, and summoned his sect to a feast in honor of the famous man. The tavern-keeper, who was one of the brotherhood, brought a cask of sour wine that had lain in his cellar for more than fifty years, and Nechele set out cookies, butternuts, and preserves. The guests sang hymns of the new Messiah which he himself had heard in paradise. Reb Gedaliya skillfully poured wine for himself into a tall silver beaker, thrust his huge hairy hands into his embroidered sash, and enumerated the many joyful happenings.

He related how on the great German Sea Jews and Christians alike had seen a ship whose sails and ropes were of white silk. The sailors spoke in the holy

פלאַטערנדיקער פאָן איז געווען אויפגעשריבן : שנים־עשר שבטי־ישראל. אין איזמיר האָט מען דריי טעג דורכאַנאַנד געהערט אַ בת־קול פון הימל : אַל תגעו במשיחי שבתי צבי. דער תענית פון עשרה בטבת איז אָפּגעשאַפט און געוואָרן פאַרקערט אויף אַ טאָג פון יום־טוב און פרייד. אין אַלע ערטער, וואו דאָס געבאָט פון משיח איז דערגאַנגען, האָט מען דאַמאָלס געגעסן פליש, געטרונקען וויין און געבלאָזן שופר. אין די גרויסע קהלות פון האַמבורג, אַמסטערדאַם, פּראַג — האָבן יידן, מאַנסלייט און ווייבער, געטאַנצט אין די גאַסן מיט די ספר־תורהס, וואָס זענען באַהאַנגען געווען מיט קרוינען און צירונג. כלי־זמר האָבן געשפּילט, געפּויקט, געקלונגען מיט גלעקלעך, און מ'האָט געטראָגן פאַרויס אַ ווייסע חופּה. שבת דוכנען די כהנים ווי פאַרצייטנס, און דריי מאָל אין טאָג זינגט דער חזן צוזאַמען מיטן גאַנצן פאָלק דאָס קאַפּיטל : ה׳ בעזך ישמח מלך. אין אַלע לענדער פון דער וועלט שטייען־אויף נייע נביאים. פּשוטע לייט, אָדער גאָר בתולות און נוצרים, פאַלן צו דער ערד און רופן מיט קולי־קולות, דאָס שבתי צבי איז געזאַלבט פון גאָט־ברוך־הוא אויסצולייזן די אויסדערוויילטע בני־ישראל. זינדיקע, וואָס האָבן ביז איצט אָפּן געלייקנט אין אויבערשטן און אים דערצערנט, טוען תשובה מיט אַ ביטער געוויין, קליידן־אָן זעק און וואַנדערן־אום פון שטאָט צו שטאָט, אָפּצוקומען פאַר זייערע עוונות און צו דערוועקן דעם המון. משומדים גרויסע לייט וואַרפן־אַוועק זייער רייכטום און פאַלן צו די פיס פון די רבנים, מען זאָל זיי צוריק אַריינגעמען אין כלל ישראל. ירושלים האָט זיך שוין אָנגעהויבן בויען און גרונטפעסטיקן אין איר גאַנצער פּראַכט. אין אַ סך שטעט האָט מען אינגאַנצן אויפגעהערט צו שטאַרבן . . .

ער האָט נאָך אַ סך גערעדט, ר׳ גדליה. וואָס לענגער ער האָט געדרשנט, אַלץ מער צעפלאַקערט זענען געוואָרן ביים עולם די פּנימער, און אַלץ ענגער און יום־טובדיקער איז געוואָרן אין בית־דין־שטוב. נעכעלע די רביצין און די איבעריקע ווייבער, וואָס האָבן צוגעטראָגן דעם כּיבוד צום טיש, האָבן פון פרייד גענומען גיסן מיט טרערן, זיך געקושט און געפאַלן זיך אין די אָרעמס. די מאַנסלייט האָבן דורשטיקע אָנגעשטעלט זייערע אויערן נישט צו פאַרהערן קיין איין וואָרט, אָנגעהאַלטן זיך אַקסל ביי אַקסל, געברומט און געשאָקלט זיך, ווי אַ ציטערניש וואָלט זיי אַלע אַרומגעכאַפּט פאַר די גרויסע טעג, וואָס דערנענטערן זיך. ר׳ גאָדל חסיד האָט געפּרוּווט זיך דורכשטופּן דורך דעם געדראַנג, כּדי אָנצוקוקן ר׳ גדליהן פּנים־אל־פּנים, נאָר מחמת ענגשאַפט איז ער געבליבן הענגען ווי אין דער לופט. אַ בחור איז פאַרשלאָפט געוואָרן און מ'האָט אים געמוזט אַרויסטראָגן אינדרויסן. ביי יונגעלייט האָבן די אויגן געפינקלט פון התלהבות, פאות האָבן זיך געוואָרפן, ווי לעבעדיקע, און פון די צעהיצטע שטערנס זענען גערונען טראָפּנס שווייס. כאָטש לוי האָט זיך געמיט, דאָס די סעודה זאָל אַריבער אָן רעש און בלויז פאַר אייגענע, האָט מען זיך דערוואוסט פון דעם גאַסט און עס איז געוואָרן אַן אָנגעלויף. יונגען און מיידן האָבן באַלאַגערט די פענצטער, פּראָסטע לייט האָבן פון נייגיר אויפגעריסן די טירן, געטרעטן איינער אויפן אַנדערן, אַבי וואָס גיכער געוואויר צו ווערן די נייע שמועות, וועלכע דער פרעמדער האָט געבראַכט מיט זיך. ר׳ גדליה האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף די אַקסלען פון צוויי בחורים, אַרויפגעקלעטערט אויפן טיש, אויסגעדרייט זיך מיטן פּנים צו דער טיר, וואו ס'האָט זיך פאַרזאַמלט דעם המון־עם, און ער האָט גלייך געפונען לייטזעליקייט אין אַלעמענס אויגן מיט זיין שיינער געשטאַלט און מיט זיינע זיסע און פאַרשטענדיקע רייד.

— שטויסט אייך נישט, ליבע ברידער ! — האָט ער גערופן פאָטערלעך, מיט אַ ווייך בוימלדיק קול. — איך בלייב נאָך דאָ צווישן אייך . . . מיר וועלן זיך נאָך, אם ירצה השם, גענוג פרייען . . .

tongue, and on the ship's flag were inscribed the words: "The Twelve Tribes of Israel." In Izmir, three days in succession, a voice from Heaven had cried: "Touch not my messiah Sabbatai Zevi!" The Fast of the Tenth of Tebet had been turned into a holiday, into a day of rejoicing. Wherever the testament of the Messiah came, there men ate meat, drank wine, and blew the ram's horn. In the great communities of Hamburg, Amsterdam, and Prague, all the Jews—men and women alike—danced in the streets, holding the Torah scrolls, adorned with crowns and precious stones. Bandsmen played, beat on drums, rang bells, and carried a white canopy before them. On the Sabbath the priests blessed the congregations, as in the ancient days when the Holy Temple was still standing, and thrice daily the cantor led the congregation in the psalm beginning, "O Lord, in Thy strength the king rejoiceth." In every land new prophets were appearing. Ordinary men—even girls and Christians—were throwing themselves to the earth and crying aloud that Sabbatai Zevi, the anointed of the Lord (blessed be He!), had come to redeem God's elect, the Children of Israel. Sinners who until then had openly denied and angered God, had now become penitent, putting on sackcloth and wandering from town to town in atonement and calling upon the multitudes to confess their sins. Rich converts were discarding their wealth and prostrating themselves at the feet of the rabbis, pleading to be readmitted into the fold. Jerusalem was being rebuilt, and rose once more in all her former splendor. In many towns death had become unknown.

Reb Gedaliya said many other things, and the more he said the more flushed the faces of his listeners became, and the more crowded and festive it grew in the house. Nechele and the other women who were serving the guest of honor shed tears of joy and embraced one another. The men listened intently so as not to miss a word. They stood shoulder to shoulder, muttering to themselves and trembling at the thought of the great days that were coming. Reb Godel Chasid sought to elbow his way through the crowd so that he might look Reb Gedaliya in the face but was swept off his feet. A boy fainted and had to be carried into the open air. The eyes of the young men were alight with holy enthusiasm, their ear locks shook, and beads of sweat ran down their foreheads. Although Levi had gone to great lengths to see that there should be no commotion at the feast and that only those who were members of the sect should be present, the people of Goray had heard of the arrival of the newcomer. Boys and girls besieged the windows of the study house, people trampled one another in their eagerness to hear the stranger's message. Reb Gedaliya placed his arms on the shoulders of two young men, climbed on the table, and turned toward the door where the crowd had gathered. His robust figure and sympathetic words won them over immediately.

"Don't push, brothers!" he cried, in a kind, fatherly voice. "I am staying with you. If God wills it, we shall rejoice often."

עס איז היימלעכער געוואָרן אין גאָריי מיט זיין אָנקומען. דער טאָג איז געווען פראָסטיק, נאָר פול מיט זון. איר שיין האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין די פאַרשנייטע בערג אַרום, געבלענדט די וויעס, און ווי אין נס צונויפגעמישט ערד מיט הימל. ס'האָט אַ שמעק געטון מיט פּסח און מיט ישועות־ונחמות. דערהערט, אַז עס איז פאַרהאַנדן אַ שוחט, האָבן די דאָרף־לויפער נישט געזוימט און זיך אַרויסגעלאָזט איבער די דערפער אויפצוקויפן קעלבער און הינער. מ'האָט באַלד צומאָרגנס דערהערט פון אַלע זייטן אַ מעקעניש, אַ קוואָקעניש און אַ געקריי. אויף קיכן האָבן זיך ווידער באַוויזן טעפּ מיט יויך און געדושעכץ. מ'האָט אַרויסגענומען פון די קאַמערן די פאַרשימלטע זאַלץ־ברעטלעך און ווייק־כלים, די שוים־לעפל און די האַק־מעסערס. אַרום די צעשפּאָלטענע יאַטקע־קלעצער, וואָס זענען געשטאַנען יאָרן־לאַנג הפקר און פאַרוואָרלאָזט, האָבן זיך ווידער באַוויזן בינטלעך ווייבער און אַ קצב האָט צווישן זיי מיט אַ שאַרפער האַק געשפּאָלטן מאַרך־ביינער, געשניטן לונג־און־לעבער און געדערים. ערגעץ אויף אַ צוים האָט שוין געהאַנגען אַ פאַרבלוטיקט פעלכל און זיך געטריקנט קעגן ווינט. אַפילו די גויים זענען לוסטיקער געוואָרן, דען מ'האָט זיי פאַרקויפט וואָלוול דאָס חלב און די זאַדיקלעך, וועלכע מ'קען נישט אויסטרייבערן. אין בית־מדרש, וואו ר' גדליה איז געקומען דאַוונען אויפן דריטן טאָג, האָט ער אַרויסגעוויזן, דאָס ער האָט זיין אייגענעם נוסח. די תפילות האָט ער נישט געזאָגט, נאָר געזונגען מיט אַ ניגון. זיין טערקישער טלית האָט געהאַט דריי עטרות, אויבן, אונטן און אינדערמיטן, דאָס קאַפּל איז געווען געליישט מיט גאָלד, ווי די יאַרמולקעס פון ימים־נוראים. טאַבאַק האָט ער געשמעקט פון אַ ביינערן שקעטעלע, זיין לולקע האָט געהאַט אַ בורשטינענעם קאָפּ און דעם טיטון האָט ער געהאַלטן אין אַ זילבערן ביקסל. ער האָט אַלע ייִנגלעך מיט ליבשאַפט אויסגעקנייפּט די באַקן און זיי געלויבט פאַר די טאַטעס. פאַר די לערנערס האָט ער נאָכגעזאָגט שאַרפע חידושים, און די פּראָסטע לייט האָט ער פריילעך געמאַכט מיט אַ הלצה. נאָכן דאַוונען האָט ער געשיקט נאָך אַ קוואַרט יי"ש און אַ האָניק־לעקעך. ער האָט אַליין אָנגעשניטן די פּענעצלעך מיט זיין מעסערל, וואָס האָט געהאַט אַ פּערל־מוטערנע שטול, געטיילט יעדן לויט זיין עלטער און שטאַנד, גערופן אַלע ביי די נעמען, אין קיינעם נישט פאַרגעסן. ער האָט דערלאַנגט אויף לחיים אַ גרויסע פעטע וואַרעמע האַנט און געוואונטשן:

— בקרוב אין ירושלים . . . ביי די טויערן פון בית־המקדש . . .

אַ חידוש איז געווען ר' גדליה אין גאָריי און אַ דערקוויקעניש פאַר די באַטריבטע געמיטער. עס איז געווען אַ סימן, דאָס די שטאָט וועט צוריק אויפגעריכט ווערן. די חבריא צוזאַמען מיט לוין האָבן גלייך פאַרגעסן אָן איטשע־מאַטעסן דעם מרה־שחורהניק און פאַרטרויט ר' גדליהן, ער זאָל ווערן זייער מנהיג. נעכעלע די רביצין האָט אים געלויבט אין דער ווייבער־שול און געהייסן אים שיקן אויף שבת קוגלען. אפילו די אַלטע בעלי־הבתים, די מתנגדים, זענען נישט אַרויסגעטרעטן אָפן קעגן אים, מחמת זיי האָבן נויטיק געהאַט דאָס ביסל יויך און דריוב, און זיי האָבן געמאַכט, דאָס זיי זעען נישט און הערן נישט. ר' מרדכי יוסף האָט אין בית־מדרש געקלאַפּט מיט דער קוליע אין דיל, געפאָכעט מיט דער לינקער פויסט און געשריגן:

— ר' גדליה איז אַ קדוש!

— אַ צדיק יסוד עולם! . . .

ד

## די שמחה אין גאָריי

ר' גדליה באַווייזט מופתים. אין אַלע הייזער רעדט מען וועגן זיין חכמה און זיינע סגולות. ער האָט מיטגעבראַכט אַ פאַטשיילע, וואָס ס'איז געווען אויף איר אויסגעהאַפטן דער נאָמען פון שבתי צבי. ווען מען לייגט זי אַוועק ביי שווערע האָבערינס אויף די בייכער, ווערן זיי גלייך אויפגעבונדן. ער האָט אָפּגעשפּראָכענע פּערל און גלאַטיקע מטבעות, וואָס שטאַמען פון דעם קדוש ר' מיכעלע נעמיראָווער. ער קאָן מאַכן זאַלבן צו פאַרך און פילן איינצוהאַלטן דם־נדה. זינט ער איז געקומען, האָט ער כמה מענטשן אָפּגעראַטעוועט. ער האָט מיט זיינע

Life seemed to have become more pleasant in Goray with Reb Gedaliya's appearance. Despite the frost, the day was sun-filled. The snowy hills around Goray reflected sunlight, blinding the eyes, and miraculously blending earth with sky. The air smelled of Passover, of salvation, and of consolation. Hearing that a slaughterer had arrived in town, the village runners lost no time in setting out for the nearby villages to purchase calves and fowl. Next morning the town resounded to the mooing of cows, the cackling of geese, and the crowing of hens. Broths and roasts appeared once more. Out of their old pantries the women drew moldy salting boards and soaking vessels, skimming ladles and chop knives. Once more they gathered about the cloven butcher blocks, which had been unused and abandoned for many years; butchers stood amongst them splitting marrow bones with sharp hatchets, and carving out the lungs, liver, and intestines. A bloody hide already hung on a fence, to dry in the wind. Even the gentiles were pleased, for now the fat backsides and tallow could be bought cheaply. In the study house, where Reb Gedaliya came to pray the third day after his arrival, it was discovered that he did not recite prayers but sang them. Three gold crowns decorated his Turkish prayer shawl; his skull cap was silver-stitched like those worn on Yom Kippur. His snuff box was of bone, his pipe had an amber head, and a silver pouch held his tobacco. He pinched all the boys' cheeks lovingly and praised them to their fathers. For the scholars he had learned explications; ordinary people were delighted with his witticisms. After the prayers he sent out for a quart of whiskey and a honey cake. He sliced the cake himself with his small knife, which had a mother-of-pearl handle, and dealt the slices out to each one according to his years and situation, calling them all by name, and forgetting no one. Extending his full, warm hand, he wished each "to meet soon, in Jerusalem, at the gate of the Holy Temple."

Reb Gedaliya was a welcome newcomer to the citizens of Goray, and he revived their declining spirits. His arrival was a sign that the town would rise again. The Sabbatai Zevi sect led by Levi immediately forgot the melancholy Itche Mates, and entrusted their leadership to Reb Gedaliya. Nechele, the rabbi's wife, praised him in the women's section of the prayer house, and bade the women send him Sabbath puddings. Even the old conservative citizens of Goray, the opponents of Sabbatai Zevi, did not openly step forth against Reb Gedaliya; because they too relished a spoonful of broth and a bit of meat, they pretended neither to see nor hear. Reb Mordecai Joseph rapped his crutch on the study house floor, flourished his left fist, and shouted:

"Reb Gedaliya is a holy man! A righteous man! and the righteous endure forever!"

## 4

*The Rejoicing in Goray*

Reb Gedaliya performed wonders. In every house his wisdom and talents were discussed. He had brought a kerchief with him on which the name of Sabbatai Zevi was stitched. When it was placed on the bellies of women in travail, their birth pangs ceased immediately. From the saintly Rabbi Michael of Nemerov he had brought magic pearls and coins worn smooth by many fingers. He knew how to make ointments for scaldhead and pills to prevent excessive menstruation. Since coming to Goray, Reb Gedaliya had saved many a soul. With his amulets

קמיעות פאַרטריבן נישט־גוטע פון אַ הויז, וואו זיי האָבן געוואוינט און זיך געפּרוכפּערט, און צוריקגעקערט דעם דיבור אַ קינד, וואָס האָט זיך דערשראָקן פאַר אַ שוואַרצן הונט. זיין חסידות און לומדות ווערן געריכמט.

לוי איז יונג, נישט געניט צו טראָגן דעם יאָך פון אַן עדה, און ר' גדליה איז געוואָרען דער וואָרער פירער פון גאָריי. ער פּסקנט אַלע האַרבע שאלות און פאַרנעמט זיך מיט די באַדערפענישן פון דער קהלה. ער איז געפאָרן צוזאַמען מיט לוין כשרן די מיל אויף פּסח, דורכגעקוקט פּרוואוולעך ווייץ, באַצייטנס צוגעגרייט די שטר־מכירה, אומגעגאַנגען מיט אַ טאָרבע נאָך מעות־חטין. זינט גאָריי איז אַ שטאָט, האָבן די רייכע לייט נאָך נישט אַזויפיל געמערט צו געבן פאַר אָרעמע ווי הייער. ר' גדליה האָט זיי גריילעך איבערגערעדט מיט זיין געשליפענער צונג און פאַרבליפט מיט זיין הדרת־פּנים. צוויי וואָכן פאַר יום־טוב האָט מען זיך שוין געשטעלט באַקן מצות. ר' גדליה האָט אַליין אָנגעשעפּט מים־שלנו, געלערנט די וועלגערינס און קנעטערינס ווי אַזוי זיך צו באַגיין, אַכטונג־געטון אויף די שטעכערס און גיסערס. ער האָט אפילו עטלעכע מאָל פאַרשאַרצט די אַרבל פון זיין טוזליק און אַ פאַרמעליקטער זיך אוועק־געשטעלט ביים טיש צוזאַמען מיט די נקבות, אָדער אַליין גענומען די לאָפּאַטע און געשיבט ביים פלאָם פון אויוון. נישט מיט צאָרן און קפּדנות, ווי ר' בינוש, האָט ר' גדליה זיך געפּאָרעט ביי מצות, נאָר מיט שמחה און גלייכווערטלעך. ער האָט אויף קיין איין מינוט נישט אַרויסגעלאָזט דעם לאַנגן לולקע־ציבוק פון צווישן די פליישיקע ליפּן, אומעטום געהאַלטן אויג. די עטלעכע יידענעס האָבן אים רק געבענטשט, געטענהט, אַז די שכינה רוט אויף אים. די ווייבלעך און די מוידן האָבן זיך שטאַרק געדויטלט און זיך געפלייסט מער ווי תמיד. ר' גדליה האָט געשמייכלט, געוויזן אַ פול מויל געלע שטאַרקע ציין און גערופן:

— איילט אייך, קינדער... איבער־אַ־יאָר וועט מען שוין באַקן מצות אין ארץ־ישראל!...

— מלאכים וועלן פאַר אייך טון!...

שבת־הגדול, נאָך לויס פּשטל, האָט ר' גדליה געהאַלטן אַ דרשה פול מיט שטראָף־רייד און טרייסט. ער האָט דערמאָנט, דאָס די טעג פון גלות זענען געציילטע, געוואָרנט, אַז די לעצטע נשמות וואַרטן אונטערן כסא־הכבוד, מ'זאָל זיי ברענגען אויף דער וועלט, געהאַט תרעומות, פאַרוואָס מ'טוט וויניק אין עניני־זיווג און מ'לאָזט אַרומגיין בחורים און בתולות, דען דערמיט האַלט מען אויף די גאולה. ער האָט אויפגעוויזן על־פּי־קבלה, דאָס אַלע דינים פון דער תורה און שולחן ערוך זענען רמזים אויף פּריה־ורביה און אַז נאָכן קץ וועט נישט בלויז אַראָפּגענומען ווערן דער חרם דרבינו גרשום, נאָר אויך אַלע האַרבע לאווין וועלן בטל ווערן, ווי ס'שטייט געשריבן: תורה חדשה מאתי תצא. יעדע פרומע אשה וועט זיין אַזוי שיין ווי אביגיל און קיין ימי־נדה וועלן אינגאַנצן נישט זיין. דען דאָס אומריינע בלוט שטאַמט פון דער סיטרא־אחרא. מען וועט מעגן קומען אויף עריות, אויף פרעמדע ווייבער. פאַר־קערט, דאָס וועט נאָך פאַררעכנט ווערן פאַר אַ מצווה, וואָרום וויפל מאָל אַ זכר און אַ נקבה באַהעפטן זיך, זענען זיי מצרף אַ שם און זענען גורם צו אַ יחוד צווישן קודשא־בריך־הוא און דער שכינה. ר' גדליה האָט דאָס אַלץ גערעדט מיט טעם און מיט משלים, געזאָגט אויף אויסנווייניק גאַנצע שטיקער פון זוהר און אַנדערע קבלה־ספרים, און באַווירצט זיינע ווערטער מיט נוטריקון און גימטריאות. עטלעכע מאָל האָט ער אפילו אויפגעהויבן דעם בליק צו דער ווייבער־שול, וואָס איז געווען אָנגעפּראָפּט מער ווי יעדעס יאָר. ס'איז געווען וואויל באַקאַנט צו אַלע, דאָס ר' גדליה האָט געפונען גרויס לייטזעליקייט אין די אויגן פון די נשים...

he exorcised evil spirits from a house where they had dwelt and multiplied for years; he also restored the power of speech to a child who had been frightened by a black dog. Reb Gedaliya's piety and learning were famous.

Levi was still young, unaccustomed to the yoke of a congregation, and Reb Gedaliya became the true leader of Goray. He ruled on all the difficult cases, and occupied himself with ministering to the spiritual needs of the community. With Levi he visited the mill, to pronounce it fit to grind the Passover wheat, examined specimens of the grain, and went from house to house with a bag to collect for the poor. Never since Goray first became a town had the rich given so much to the poor. Reb Gedaliya completely overwhelmed the wealthy with his smooth tongue, and enchanted them with his grand manner. Two weeks before the holiday the people of Goray began to bake unleavened bread. Reb Gedaliya himself drew from the well the first bucket of water that would be allowed to settle overnight; he taught the kneaders how to knead properly, the water pourers how to pour, the hole punchers how to punch holes. He even rolled up his coat sleeves, and, covered with flour, stood at the table beside the women. He even shoved the unleavened bread into the oven with the long wooden paddle. Not, like Rabbi Benish, with wrath and harshness, did Reb Gedaliya oversee the preparation of the matzoth, but with rejoicing and blandishments. With a long pipe constantly between his fleshy lips he watched everything that went on. The older women heaped blessings on him and said the Divine Presence was upon him. The young women and girls blushed and became more diligent. Smiling, Reb Gedaliya showed a mouth full of strong yellow teeth, and cried:

"Hurry, children! Next year we shall eat matzoth in the Land of Israel! The angels will prepare it!"

On the Great Sabbath before Passover, after Levi's explication, Reb Gedaliya preached a sermon that was full of admonitions and consolations. He reminded the congregation that the days of exile were numbered, and warned them that the last souls who were to be brought into the world waited beneath the Throne of Glory. He scolded them that so many young men and girls were still unmarried. Such neglect of the principle of fruitfulness would delay their redemption. He demonstrated by means of cabala that all the laws in the Torah and the Shulchan Aruch referred to the commandment to be fruitful and multiply; and that, when the end of days was come, not only would Rabbi Gershom's ban on polygamy become null and void, but all the strict "Thou shalt nots," as well. Every pious woman would then be as fair as Abigail, and there would be no monthly flow of blood at all; for impure blood comes from the Evil One. Men would be permitted to know strange women. Such encounters might even be considered a religious duty; for each time a man and a woman unite they form a mystical combination and promote a union between the Holy One, blessed be He, and the Divine Presence. Reb Gedaliya explained all these things in a pleasant way and with many parables; he recited from memory whole sections from the Zohar and other works of cabala and adorned his speech with mystical combinations and permutations. Several times he raised his glance to the women's gallery, which was fuller than it had been in former years. It was well known that the women looked on Reb Gedaliya with sympathetic eyes.

עטלעכע טעג פאַר פסח האָבן די דאָרף־לויפער אָנגעבראַכט זייער אַ סך בהמות און עופות. דער זול איז געווען גרויס און ר׳ גדליה האָט באַפוילן, מ׳זאָל נישט שפּאָרן, ווייל דער איצטיקער פסח וועט זיין דער לעצטער פאַר דער אויסלייזונג. ער איז פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין אָוונט געשטאַנען פאַר אַ גרוב מיט בלוט, און זיין לאַנגער חלף האָט נישט אויפגעהערט צו שניידן אין וואַרעמע אָנגעקוואָלענע העלדזער. ער האָט געקוילעט קעלבער און שעפּסן, הינער, גענדז און ענטלעך זייער פיל. דער חודש־ניסן האָט זיך גלייך געשטעלט אַ לינדער און אַ זוניקער. אויף די בערג אַרום האָבן געשמאָלצן די לעצטע רעשטלעך שניי. די לאַנגע טיפע ריוון, וואָס ציִען זיך לענגאויס דעם שטעטל ביז צום טייך, זענען איבערגעגאַנגען, האָבן פאַרגאָסן אַלע נידעריקע ערטער, געוואַשן די דילן. בלויע שטיקער הימל האָבן זיך געשפּיגלט אין די קאַלוזשעס. פון מינדסטן ווינטל האָבן זיי זיך גאַלדיק צעפּאַלדט, טריב געוואָרן, ווי טיפע וואַסערן. חדר־יינגלעך האָבן זיך אויסגעטון באָרוועס. די פויערטעס, וואָס זענען געקומען פון די דערפער פאַרקויפן אייער און כריין, האָבן פאַרהויבן די קליידער ביז אַרויף און אַרומגעפּלעטשערט אינמיטן מאַרק מיט זייערע נאַקעטע פיס. דאָ און דאָרט האָבן שוין אַרויסגעשפּראָצט די ערשטע גרעזלעך. אין הויף, וואו ר׳ גדליה האָט געשאָכטן, איז געווען אַן ענגשאַפט און אַ טומל. די בעל־הביתטע און אירע טעכטער, פאַררויסטע, מיט פאַרשאַרצטע אַרבל, האָבן לכבוד יום־טוב געריבן טישן און בענק, געשייערט מיט אַש, און סקריפּעדיק געקראַצט מיט מעסערס, אַז די אויערן האָבן וויי־געטון. מ׳האָט אויפגעקאָכט אַ קעסל און געכשרט אין אים געפעס. מ׳האָט מיט בלויזע פאַרבריטע פינגער געטראָגן גליענדיקע קוילן און זיי געוואָרפן אין צעזאָטענעם וואַסער, אַז ס׳האָט געציִשט. ר׳ גדליה איז געווען געדיכט אַרומגערינגלט פון ווייבער און מוידן. די פעדערן זענען געפלויגן איבער זיין קאָפּ, ווי שניי, געטראָגן זיך אין די קנוילן פאַרע. די נקבות האָבן זיך געשטופּט, געקריגט. פון אַלע זייטן האָבן זיך געהויבן הענט מיט געפּענטעטע עופות. פליגל האָבן געפּאָכעט און געפּאַטשט, בלוט האָט געשפּריצט, אויסגעשמירט פּנימער און קליידער. ר׳ גדליה האָט זיך אָנגעלענט אָן אַ שטאָם פון אַן אַלטן בוים, פלינק און מיט געניטשאַפט צוגענומען די פּרוטות פון אַלעמענס הענט, קיין איין מינוט נישט אויפגעהערט צו טרייבן ליצנות, דען ער האָט פיינט געהאַט עצבות און זיין וועג איז געווען צו דינען גאָט מיט לוסטיקייט. דעם סדר האָט ר׳ גדליה איינגעריכט אין בית־מדרש צוזאַמען מיט דער חבריא. ער איז געזעסן אויבן־אָן אין אַ ווייסן קיטל, מיט אַ הויכער הויב אויפן קאָפּ, באָרד און פּיאות — צעקעמט און פייכט פון דער מקווה. די פלעמלעך פון די ליכט האָבן זיך געשפּיגלט אין די געליישטע יאַרמלקעס, אין די סאַמעטענע זוימען פון די אַרבל, אין די געשליפענע און געגילדטע ווייןגלעזער און אין דעם צירונג פון די ווייבער. זיי זענען געזעסן צוזאַמען מיט די מאַנסלייט — אַזוי האָט ר׳ גדליה געבאָטן. מ׳האָט צונויפגעמישט די מצות און די פליישן, די קניידלעך און די כרעמזלעך, געגעסן און געטרונקען צוזאַמען, ווי אַלע וואָלטן געווען איין משפּחה. ר׳ גדליה, וואָס איז געווען אַן אלמן נאָכן פערטן ווייב, האָט ברייטלעך זיך אָנגעלענט אויף דעם פריש־איבערגעצויגענעם איבערבעט, באַפוילן, דאָס אַלע יונגלעך זאָלן צוזאַמען פרעגן די קשיות, אויסגעפונען אַ היתר, מ׳זאָל מעגן טרינקען מער ווי פיר כוסות און זיך אָנשיכורן. צווישן יענע, וואָס האָבן געפירט דעם סדר אין בית־מדרש, איז אויך געווען ר׳ איטשע מאַטעס, מיט זיין אשה רעכעלע. ר׳ גדליה האָט רעכעלען אָנגעוויזן, זי זאָל זיך זעצן פון זיין רעכטער האַנט. ער האָט איר דערציילט וועגן משיחס ווייב שרה, וואָס האָט פאַרבלענדט מיט איר שיינקייט קיניגן, איבערגעגעבן בסוד, אַז זי איז אַ צייט געזעסן אין רוים צווישן זונות. ער האָט גערעדט צו רעכעלען דערהויבענע רייד, ווי צו איינעם פון דער חבריא.

A few days before Passover the village runners brought a great abundance of beasts and fowls into Goray. These could be purchased for very little, and Reb Gedaliya had requested that no expense be spared, for the coming Passover would be the final one before the redemption. From early morning until late at night he stood before a blood-filled pit and, with his long butcher's knife, tirelessly cut into warm, distended necks, slaughtering innumerable calves and sheep, hens, geese, and ducks. The month of Nisan arrived, mild and sunny. From the hills around Goray the last traces of snow disappeared. The long, deep gutters that extended through the town to the river overflowed, flooding all inclines and even the floors of houses. The puddles mirrored bits of sky; rippled by the slightest breeze, they grew turbid, like deep waters. School boys ran barefoot. The peasant women coming to Goray to sell eggs and horseradish, lifted their dresses high, and splashed about with naked feet. Here and there the first grasses sprouted. A tumultuous throng filled the courtyard where Reb Gedaliya was slaughtering. Sooty housewives and daughters, with their sleeves rolled up, were scrubbing tables and benches in honor of the holiday, scouring them with ashes, scraping so fiercely with their knives that the noise grated. Boiling water in a kettle, they cleansed the crockery and cutlery. With bare, scorched fingers they carried glowing coals and threw them into the hissing water. Reb Gedaliya was surrounded by a dense crowd of women and girls. The feathers flew above his head, like snow, and were borne off in clouds of steam. The women pushed and quarreled among themselves. From every side hands were raised, clutching pent fowl. Wings fluttered and beat, blood spurted, smearing faces and dresses. Bent over the stump of an old tree, Reb Gedaliya accepted pennies with accustomed speed and constantly joked, for he hated sadness, and his way of serving God was through joy.

His Seder was held in the study house, where he was joined by the rest of the Sabbatai Zevi sect. Seated at the head of the table, he wore a white smock, a high mitre on his head; his beard and ear locks were combed and moist from the bathhouse. The candle flames were reflected in the gold-stitched skull caps, in the satin seams of the sleeves, in the polished and gilded wine glasses, and in the women's jewelry. The women sat with the menfolk, as Reb Gedaliya had bidden. They mingled the unleavened bread with the meats, the dumplings with the pancakes, and all ate and drank together, like one family. Reb Gedaliya, who was a widower, having buried his fourth wife, leaned back at his ease on his pillowed chair and bade all the boys ask the Four Questions together; further, he permitted more than the prescribed four goblets of wine to be drunk. Among those at the Seder in the study house were Reb Itche Mates and his wife Rechele. Reb Gedaliya seated Rechele at his right hand, and he told her of the Messiah's wife, Sarah, who dazzled kings with her loveliness. He informed her in confidence that Sarah had once been an inmate of a brothel in Rome. He addressed Rechele courteously as though she were one of the sect.

— רעכעלע — האָט ער געזאָגט — דו האָסט אַ גרויסע נשמה... מלאכים און שרפים זענען דיך מקנא... דו ביזט משורש רחל... תפארת שבהוד...

פון דאַמאָלס אָן האָט די שמחה אין גאָריי מער נישט אויפגעהערט.

ביידע טעג פסח האָט יעדער איינער, וואָס האָט עולה לתורה געווען, געמוזט מאַכן אַ מי־שברך שבתי צבי, און דער חזן האָט געזאָגט: הנותן

תשועה למלכים, הוא יברך וישמור וינצור ויעזור וירומם ויגדל וינשא למעלה את אדוננו הרב הקדוש צדיק ונושע, שבתי צבי, משיח אלהי יעקב... ר׳ גדליה האָט צווישן שחרית און מוסף געדרשנט פאַרן עולם, געהייסן, מען זאָל אויסרוימען פון די הייזער הינט, קעץ און אַלע אַנדערע טמא באַשעפענישן. בייטאָג נאָך דער סעודה האָט מען געטאַנצט אין בית־מדרש און אויפן שול־הויף. מאַנסלייט און ווייבער האָבן זיך אָנגענומען אין אַ ראָד. חדר־יונגלעך זענען געשפרונגען ווי די ציגן און געזונגען: עס טוען טויבן ברומען — משיח איז געקומען!... פראָסטע לייט האָבן אַרויפגעזעצט ר׳ מרדכי־יוספן אויף די אַקסלען; יונגעלייט האָבן געמאַכט קאָזשעלקעס און אַלערליי שטיפערייען. אפילו גויים זענען געקומען צוצוזען די שפּילערייען פון די יידן. גלייך די ערשטע נאַכט חול־המועד האָט מען אין יעדער שטוב, וואו ס׳איז געווען אַ בתולה עלטער פון זעקס יאָר, געשריבן תנאים און געבראָכן טעלער. נישט לאַנג נאָך יום־טוב האָט מען זיך דערוואוסט אין גאָריי די מעשה מיט מגדל־עוז. מ׳האָט איבערגעגעבן, אַז שבתי צבי האָט אין סטאַמבול אויסגעהרגעט אַלע טערקן, וואָס האָבן געפּרואווט ווידערשפעניקן אין אים, און זיך באַזעצט אין אַ פעסטונג, וואָס שטייט צוגעגרייט פון ששת ימי בראשית. ער האָט געשאָכטן דעם קרבן־פסח און אים געבראָטן אויפן חלב. שרה, משיחס ווייב, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער שטול פון סולטאַן און עס באַדינען זי קאַליפן און פאַשאַס. גאונים און צדיקים קושן אירע פיס און הערן פון איר מויל סודות־התורה. שבתי צבי איז אָנגעטון אין דער קרוין פון דוד המלך און עס רינגלען אים אַרום די אבות, וואָס זענען אויפגעשטאַנען פון דער מערת המכפלה. יעדן טאָג גייט ער אַרויס צום ים מקבל־פנים זיין די אלופים, וואָס קומען־אָן מיט זעגל־שיפן פון יענער זייט סמבטיון און ברענגען מיט זיך צענטנערס מיט גאָלד און איידלשטיינער, וועלכע עס שיקט דורך זייער האַנט דער מלך פון די עשרת השבטים. פופציק רייטווענן פאָרן פאָרויס, מחנות משוררים גייען־נאָך און זינגען לידער פון לויב און אַכפּערונג צום אַל־מעכטיקן. די ערד ווערט געשפּאָלטן פון זייער קול...

פאַרשטומט זענען געוואָרן די מתנגדים. טייל האָבן אָנגעהויבן צו גלויבן, אַנדערע עפענען נישט דאָס מויל מחמת פורכט פאַר רדיפות. אין בית־מדרש חזרן די בחורים די דינים פון בנין־בית־המקדש, די כהנים לערנען זיך געגענען קרבנות און שפרענגען דאָס בלוט אויפן מזבח. תיכף ווי ס׳ווערט נאַכט, באַווייזן זיך אין הימל פייערדיקע צייכנס. אַנומלט אין אָוונט האָט רעכעלע דערזען אין דער יויך זיבן יונגפרויען מיט גילדערנע קרוינען אויף די קעפ, און זי האָט דערהערט פון דאָרטן אַ זיס געזאַנג פון יענער־וועלט. זי האָט קיינעם נישט אַנטפּלעקט איר געהיימניש, נאָר איז גלייך אַוועק צו ר׳ גדליהן, אים אַלץ צו דערציילן. ר׳ גדליה איז גראָד געווען איינער אַליין אין הויז. אין אַ זילבערנעם לייכטער האָט געברענט אַ וואַקסן ליכט; אויפן טיש איז געשטאַנען אַן ערדענע פלאַש ווייַן; אויף אַ זילבערנער טאַץ איז געלעגן אַ געבראָטענע הון. נאָך איידער רעכעלע האָט געעפנט די ליפּן עפּעס צו זאָגן, איז ר׳ גדליה אויפגעשטאַנען אין זיין גאַנצער גרויס, איר אַקעגנגעלאָפן מיט צעשפרייטע אָרעמס און אויסגערופן:

— סקאַצל קומט, צדיקת!... פאַרוואָר, איך ווייס פון אַלץ!...

און ער האָט פאַרשלאָסן הינטער איר די טיר...

"Rechele," he said, "the angels and seraphim are envious of your noble spirit. The root of your name is Rachel, and Rachel's beauty is yours."

From that night on there was no end to the rejoicing in Goray.

Both the first and the second days of Passover each man who went to the dais to recite his blessing of the Torah was required to add a special blessing for Sabbatai Zevi, and the cantor chanted:

"May He who bringeth aid to His kingdom, bless and guard, assist and exalt, glorify and raise on high, our Master, the holy rabbi and saint in whom we are saved, Sabbatai Zevi, the Messiah of the God of Jacob."

Between the morning and afternoon prayers Reb Gedaliya in his sermon commanded the people of Goray to clear the dogs, cats, and other unclean beasts out of their homes. The afternoon following the feast there was dancing in the courtyard of the prayer house, men and women circling together. Schoolboys leaped like goats and sang: "The white doves preen —The Messiah has been seen!" Powerful men carried the lame Reb Mordecai Joseph on their shoulders; young men whirled this way and that and engaged in all sorts of nonsense. Even gentiles came to watch the Jews amuse themselves. During the intermediate days of the holiday, marriage contracts were written and good-luck plates were broken in every house where there was a girl over eight. Shortly after Passover new tales of Sabbatai Zevi's prowess circulated in Goray.

It was said the Turks in Stamboul had attempted to rise against Sabbatai Zevi, and he had taken refuge in a fortress set aside for him since the Six Days of Creation, after killing every one of them. He had slaughtered the Passover offering and roasted it in the fat, while Sarah, the Messiah's wife, sat in the Sultan's chair, where she was served by caliphs and pashas. Scholars and holy men had kissed her feet and heard the mysteries of the Torah from her lips. Wearing the crown of King David, Sabbatai Zevi had been surrounded by the Fathers, who had risen from their sepulchers in the Cave of Machpaleh. Every day Sabbatai Zevi journeyed to the seashore to receive the potentates who arrived in sailing vessels from the other side of the River Samation, bringing with them talents of gold and precious stones sent by the king of the Ten Tribes. Fifty knights rode before the Messiah, singers attended him with songs of praise, glorifying the Almighty. The earth was cleft by the sound of their voices. . . .

The opponents of Sabbatai Zevi were silenced. Some of them now believed in him; others out of fear of persecution said nothing. In the study house the young men pored over the account of the building of the Holy Temple, and those descended from priests studied the offerings and the sprinkling of sacrificial blood on the altar. As soon as night fell, fiery omens appeared in the sky. One night Rechele, looking into her broth, saw seven maidens with golden crowns on their heads and heard the sweet strains of an unearthly melody. Revealing her secret to no one, she immediately set out to tell Reb Gedaliya.

Reb Gedaliya happened to be all alone in the house. A wax candle burned in a silver candlestick; on the table stood an earthen jug of wine; on a silver platter lay a roast hen. Before Rechele could speak, Reb Gedaliya rose and ran to meet her with outstretched arms, crying:

"Welcome, O righteous woman, in God's name! Verily, I know all!" And he shut the door behind her.

דער שטאָט און עס איז געוואָרן אַן אָנגעלויף. קרעמער האָבן מפקיר־געווען זייערע קלייטן, בעל־מלאכהס זענען אָנגעקומען מיט די זעק אַרום די לענדן, נשים האָבן איבערגעלאָזט די זויג־קינדער אין די וויגן און אָנגעפלויגן בפחי־נפש. בחורים און בתולות זענען אַרויפגעשפּרונגען אויף די טישן, אָנגעהאָנגען זיך אין די ספרים־פּאַכן, געקלאַמערט זיך אין די גלייכע ווענט צו זען וואָס עס טוט זיך. אין געדרענגעניש האָט מען איינגעלייגט די צוים אַרום שול־הויף. גרינגע לייט האָבן אַריינגעקלעטערט דורכן פענצטער. איינער האָט אומגערן זיך אָנגעשטויסן אין קופּערנעם הענג־לייכטער און עס איז געוואָרן אַ געשריי און אַ יללה, דען ס'איז געווען אַ סכנה ער זאָל אַראָפּפאַלן און ס'זאָלן חלילה אומקומען נפשות. אַ זקנה מיט געליימטע פיס, וואָס איז געזעסן ביי איר שפּין־רעדל, האָט, דערהערנדיק די שמועה, געכאַפּט אויף זיך די יופּיצע און איז אַרויסגעלאָפן אָנצוקוקן די נביאהטע. די צערודערונג פון דעם גערעמל איז געווען אַזוי גרויס, דאָס קיינער האָט נישט געטון זיין האַרץ צו דעם דאָזיקן וואונדער. רעכעלע איז דערווייל נאָך אַלץ געלעגן בפישוט ידים ורגלים און האָט אויפגעדעקט רזין־דרזין, וואָס אַזוינס האָט נאָך קיין בן־אדם נישט די זכיה געהאַט מגלה צו זיין, ובפרט אַן אשה. זי האָט אָנגערופן שמות פון מלאכים און שרפים, אויסגערעכנט היכלות און זייערע ממונים, געזאָגט פשט אויף די פאַרהוילענע פסוקים פון דניאל, וואָס עס איז גאָר איבער דער השגה פון בלוט און פלייש, און אַלע האָבן דערום געזען, דאָס אַ רוח נבואה איז אַריין אין איר. אויס מורא און אויך מחמת ענגשאַפט זענען אייניקע פאַרחלשט געוואָרן. אַ ציטערניש האָט אָנגענומען, וואָרום אַזוינס האָט נאָך קיינער אין גאָריי נישט בייגעוואוינט, און עס איז געווען אַ וואָרצייכן, דאָס גאָט האָט זיך דערבאַרעמט איבער זיין עדה און דער טאָג פון קץ איז נאָענט.

די גאַנצע צייט, וואָס דאָס קול האָט גערופן, איז ר' גדליה געשטאַנען איינגעבויגן איבער דער אשה און מחמת פורכט און זיין שווערלייביקייט האָט ער געמוזט זיך אָנלענען אויף צוויי שטאַרקע לייט, דען די פיס זענען אים ווי אונטערגעהאַקט געוואָרן און זיינע גלידער האָבן געציטערט, ווי אין קדחת. ערשט ווען זי איז פאַרשטומט געוואָרן און געבליבן ליגן נייערט ווי טויט, האָט ער געגעבן אַ צייכן דאָס מען זאָל דערלאַנגען אַ טלית, און ער האָט מיט אים איינגעהילט די אשה. דערנאָך האָט ער זי גענומען אויף די הענט און זי אַוועקגעטראָגן אויפן באַלעמער.

דאָס בית־מדרש איז געווען פול, דאָס מען האָט נישט געקאָנט אַריינשטעקן קיין שפּילקע־קעפּל. פונדעסטוועגן האָט מען מיט אַלע כוחות זיך פונאַנדערגערוקט, ווי מען זאָל טראָגן אַ ריי ניקייט. טייל האָבן אפילו אָנגערירט די אשה מיט די שפּיצן־פינגער און זיי צוגעטראָגן צו די ליפּן, ווי מ'טוט דאָס מיט דעם ספר ביים אויסנעמען. אויפן וועג איז ביי רעכעלען אַראָפּגעפאַלן דער לינקער שוך, האָט אים ר' גאָדל חסיד אויפגעהויבן ווי אַ דבר שבקדושה. ר' גדליה האָט דערווייל אַוועקגעלייגט רעכעלען אויפן שולחן און באַפוילן אָנצוצינדן ליכט אין דער מנורה. ווי מען האָט אָנגעצונדן — האָט ער זיך צוגענייגט צו איר, אַ קוש געטון אין איר שטערן פאַר אַלעמענס אויגן, און געזאָגט מיט אַ געבראָכענער שטים, וואָרום זיין האַלדז איז פול געווען מיט טרערן:

— רעכעלע, מיין טאָכטער, שטאַרק דיין געמיט!... וואויל איז צו אונדז, וואָס די שכינה הקדושה האָט צוריקגעקערט, און וואויל איז צו דיר, וואָס זי האָט דיך אויסדערוויילט!...

אין בית־מדרש האָט זיך דערהערט אַ שלוכצן פון נשים און אַ ברומעניש. אַלע האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם, גרייט איינצושלינגען יעדעס וואָרט, וואָס וועט אַרויסקומען פון מויל פון דער נביאה. רעכעלע האָט אויף אַ ווײַלע געעפנט די אויגן. איר שמאַכטיקער גוף האָט זיך געטרייסלט, ווי פון קעלט, און זי האָט געקלאַפּט מיט די ציין. ... האָט, אַפּנים, באַגערט עפּעס צו זאָגן, נאָר די כוחות האָבן זי תיכף ווידער פאַרלאָזט און זי איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ דין אָפּגעריסן יאָמערן, ווי אַ געווינערין אין אירע ווייען. באַלד האָט זי אַ זיפץ געטון און איז צוריק פאַרשוויגן געוואָרן, ווי עס וואָלט אין איר מער נישט געווען קיין נשמה. דאַמאָלס האָט ר' גדליה זיך אויפגעריכט און אויפגעהויבן די האַנט, צום סימן דאָס עס זאָל שטיל ווערן. דער זיידענער טוזליק האָט זיך צעעפנט, דער וווּרך פון זיין ספּאָדיק האָט זיך אויסגעשפּיצט און זיין גאַנצע געשטאַלט האָט זיך געוויגט פון יראת־שמים. ער איז פאַרגעקומען ווי איינער פון די פאַרצייטישע גרויסע לייט, אַ מנהיג ישראל.

— יידן! — האָט ער גערופן — אַ גרויס נס האָט גאָט ברוך הוא געטון מיט אונדז!... סנדלפון דער שר האָט היינטיקן טאָג גערעדט דורך רעכעלעס לעפּצן!... די נבואה האָט צוריקגעקערט!... לאָמיר מאַכן אַ שהחיינו!...

— ברוך אתה ה' אלהינו מלך העולם שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה! — האָבן אָפּגעענטפערט אַלע מיילער בשם ומלכות. פון ווידערקול האָבן געציטערט די ווענט, און עס האָט זיך אויסגעדוכט ווי די זיילן פון באַלעמער וואָלטן זיך אַ שאָקל געטון.

could be heard throughout the town, and the people of Goray came running. Shopkeepers deserted their shops, artisans rushed in with sack aprons circling their loins, women left sucklings in their cradles, and flew breathless into the study house. Young men and girls leaped up on tables, hung onto bookshelves, climbed the very walls to see what was happening. Pranksters climbed into the study house through the window, and someone accidentally knocked against the copper candelabrum, and there was a shouting and a furor, for it was in danger of falling and causing disaster. Hearing the news, an old paralyzed woman who sat at her spinning wheel pulled on her dress and ran to look at the prophetess. But so great was the confusion that no one noticed this marvel. Meanwhile, Rechele, with arms and legs extended, still lay there, baring mysteries of mysteries, such as no son of man had ever heard—much less a woman. Calling by name angels and seraphim, she told of the heavenly mansions and the lords ruling in each of them; the cryptic passages in the Book of Daniel so baffling to ordinary minds were explained by her—it was clear to all that the spirit of prophecy had entered into Rechele. Several individuals fainted. A shudder ran through the crowd, for no one in Goray had ever witnessed anything like this, and it was interpreted as a sign that God had taken compassion on his congregation and the end of days was near.

Reb Gedaliya bent over Rechele, listening to the voice and trembling with fear; his body had to be supported by two strong men, for his legs had failed him, and he shook as with fever. Only when Rechele lay as though dead, did Reb Gedaliya gesture for a prayer shawl to cover her face. Then he bore her in his arms to the dais.

So tightly was the study hall packed, there was not even room for a pin. However, the crowd made way for Rechele, as though she were the sacred Torah. Some even touched her with their fingertips as she passed and bore their fingers to their lips, as when a scroll is taken from the Ark. Rechele's left shoe fell and Reb Godel lifted it like some holy vessel. Reb Gedaliya placed Rechele on the dais table and commanded that candles be lighted in the menorah. Then he approached the woman, kissed her forehead, and said in a wavering voice, for his throat was full of tears:

"Rechele, my daughter, be of stout heart! Happy are we, for the Divine Presence has returned to us, and happy art thou, for she has chosen thee!"

The study house was filled with the sounds of sobbing women and whispering men. Anxiously all waited for the prophetess to begin again. Rechele opened her eyes.

Her sick body shivered, as with cold, and her teeth chattered. She seemed to struggle with a compulsion to speak, but her strength deserted her again, and she uttered a shrill wail. Then, sighing, she grew still once more, as though her soul had deserted her. Reb Gedaliya straightened up and lifted his arms, signaling silence. His silk coat flew open, the crown of his hat pointed skyward, and his whole figure was imbued with the awe of Heaven. He resembled one of those great men of old, a leader of Israel.

"Jews!" he cried. "The blessed God has worked a great miracle for us! The Angel Sandalfon has spoken to us this day through the lips of Rechele! Prophecy has returned! Let us all recite the benediction of thanks!"

"Blessed art thou, O Lord, our God, king of the universe, who hath kept us alive, and sustained us, and brought us to this day!" every mouth responded. The walls shook with the echo, and the very pillars of the dais seemed to rock.

— יידן, לאָמיר פונאַנדערשיקן שליחים! לאָמיר אָנזאָגן די בשורה אין אַלע ישובים!...

— איך וויל גיין! — האָט עמעץ אַ געשריי געטון; עס איז געווען מרדכי־יוסף דער הינקעדיקער. — איך וועל צערייבן מיינע פיס און וועל אויפוועקן די גאַנצע וועלט!...

— גיי, מרדכי־יוסף! — האָט ר' גדליה געדופן — און נעם מיט איטשע מאַטעסן, דעם מאַן פון דער נביאהטע!... פאַרזוימט נישט און טראָגט־פונאַנדער די שמועה!...

— וואו איז איטשע מאַטעס?

— ברענגט איטשע מאַטעסן! — האָט ר' מרדכי־יוסף געכאָרכלט און זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט ביים קאָפּ, ווי ער וואָלט דול געוואָרן. די קוליע האָט ער אַוועקגעשליידערט ווי אַן איבעריקע זאַך.

אַלע יאָרן האָט ר' מרדכי־יוסף דער מקובל און בעל־מוסר אויסגעקוקט דעם טאָג, ווען עס וועט אים געגעבן ווערן רשות זיך אַוועקצולאָזן איבער דער וועלט. ער האָט אָבער פורכט געהאַט, דאָס אין דער פרעמד וועט מען זיך נישט איינהאָרכן צו זיינע שטראָף־רייד און דברי־סוד, דען אַ חוץ אין גאָריי איז זיין נאָמען נישט געווען באַקאַנט. איצט האָט ר' מרדכי־יוסף געקאָנט זיך לאָזן הערן איבער גאַנץ מדינת פוילן און אויפרודערן אַלע יידישע קהלות. ער האָט שוין פאַרגעזען אין דמיון ווי ער שטייט אין לובלין אויפן יאַר־יאַריד בעתן צוזאַמענפאָר פון וועד־ארבע־ארצות און רעדט מיט זיין לייבן־קול פאַר המונים יידן — רבנים, צדיקים, עשירים, לומדים, שיט פעך־און־שוועבל אויף די לייקענער פון שבתי צבי, באַפעלט צו שלאָגן זיי מכות־רצח און זיי צו בינדן מיט שטריק. זייערע קונטריסים און בריוו ברענט מען אויפן שייטער און דאָס פייער גייט־אויף ביז צום הימל. פון התפעלות האָט ער גענומען דרשנען שוין איצט, אין בית־מדרש פון גאָריי.

— יידן, איך שווער ביי משיח אלהי יעקב, דאָס רעכעלע איז אַ נביאת־אמת!... וויי צו די כופרים! ווינד און וויי צו זייערע נשמות!... אַ פלוך אויף זיי!... מ'מעג זיי הרגענען!... איר הערט, יידן?... מ'מעג זיי אויסרייסן!... און איר, מאמינים, שמחו בה'!...

ער האָט זיך פאַרקייכט. ר' גדליה האָט מיט איינמאָל אויפגעהויבן רעכעלען, געווענדט זיינע טריט צו דער טיר, צום פאָליש. אַ געזאַנג האָט זיך אַרויסגעריסן פון אַלע העלדזער. ווייבער און מאַנסלייט האָבן זיך געהאַלדזט און געקושט, זיך אָנגענומען אַקסל ביי אַקסל, אַרויסגעטאַנצט פון בית־מדרש. עס זענען אַראָפּגעפלויגן פון די קעפּ ספּאָדיקעס און הויבן, נאָר קיינער האָט נישט געטון קיין אַכט דערויף. די גויים, וואָס האָבן באַלאַגערט דעם שול־הויף, האָבן זיך אָפּגערוקט הינטערווייליכץ, ווי אַ שרעק פאַר די יידן וואָלט אָנגעפאַלן אויף זיי, און זיי האָבן זיך געבוקט און אַניהערגעקניט, און עס איז געווען אַ קידוש השם ברבים. בחורים האָבן אַרויסגעצויגן די ספר־תורהס פון היכל. פיר לייט האָבן אַראָפּגענומען דאָס פרכת פון ארון־קודש, דאָס אָנגעהאַנגען אויף פיר שטאַנגען פאַר אַ חופה און זי געטראָגן איבער די קעפּ פון ר' גדליהן און רעכעלען דער נביאה. זינט גאָריי איז אַ שטאָט, איז נאָך אַזאַ שמחה נישט געווען. אפילו די שלאַפע און די באַנומענע פון הקדש זענען אַרויסגעפירט געוואָרן זיי זאָלן צוזען דעם יום־טוב. עטלעכע געזעלן־יונגען האָבן אין זייער אייפער געבראַכט צו טראָגן דאָס טהרה־ברעט און עס פאַרברענט אין מיטן מאַרק, אַ סימן דאָס פון היינט־אָן וועט אויפהערן דער טויט צווישן יידן. נאָך אין דעם אייגענעם טאָג האָבן ר' מרדכי־יוסף און ר' איטשע מאַטעס אַרומגעגאַרטלט זייערע לענדן, מיטגענומען פאַרמעטענע בריוו, געשריבן פון ר' גדליהן און לוין און געחתמעט פון כמה עדות, אָנגעהאַנגען טאָרבעס אויף די אָרעמס, און זענען אַוועק פונאַנדערצוטראָגן די בשורה איבער אַלע עקן וועלט — אויפצוהייטערן די הערצער פון די גלויביקע אין גאָט און אין שבתי צבי זיין משיח.

"Let us send forth emissaries! Let us spread the word to every settlement!"

"I'll go!" shouted someone; it was lame Mordecai Joseph. "I'll run and waken the whole world!"

"Go, Mordecai Joseph!" Reb Gedaliya cried, "and take with you Itche Mates, the husband of the prophetess! Do not hesitate—spread the news!"

"Where is Itche Mates?"

"Bring Itche Mates!" rasped Reb Mordecai Joseph, and he held his head with his hands, as though he were going mad. He threw his crutch from him.

All his life Reb Mordecai Joseph, the cabalist and student of mysteries, had anticipated the day when his mission would be to go into the world. He had always feared that his revelations and warnings would find no listeners, for his name was unknown outside of Goray. But now Reb Mordecai Joseph's voice could resound throughout all Poland, stirring up every community. He already imagined himself in Lublin at the yearly fair, standing before the assembly of the Council of the Four Lands, roaring with his lion's voice at multitudes of important Jews—rabbis, righteous men, learned men, rich men—pouring pitch and tar on those who doubted Sabbatai Zevi, bidding that they be flogged and bound with heavy ropes. Their tracts and epistles must be burned in a fire whose glow would reach Heaven. In his enthusiasm Reb Mordecai Joseph began to preach standing there in the study house at Goray.

"I swear by the Messiah of the God of Jacob that Rechele is a true prophetess! Woe to the doubters! Alas for their souls! A curse on them! May they perish! Do you hear me, men? May they be torn out by the roots! But O you true believers, rejoice in the Lord!"

Reb Mordecai Joseph suffered a coughing spasm and then suddenly Reb Gedaliya lifted Rechele in his arms and walked in the direction of the doorway to the anteroom. Song burst from every throat. Men and women embraced, kissed, and, with arms about each other, danced out of the study house. Hats and bonnets fell from their heads, but no one cared. The gentiles who had crowded about the prayer house stepped back, terrified at the sight; they kneeled and bowed, and God's name was sanctified abroad. Young men took the Torah scrolls, and the curtain of the Ark was hung on poles as a kind of canopy and borne aloft over the heads of Reb Gedaliya and Rechele. Never since Goray first became a town had there been such rejoicing. Even the ill and bedridden were taken from the poorhouse to witness the holiday. A few apprentices in their zeal fetched the board of purification and burned it in the midst of the market place, as a sign that death from this day on should cease among Jews. And that very day, Reb Mordecai Joseph and Reb Itche Mates, taking parchment letters written by Reb Gedaliya and Levi and signed by many witnesses, hung beggars' bags on their arms and went off to spread the news far and wide—that they might gladden the hearts of those who believed in God and in Sabbatai Zevi, His Messiah.

# אַ חתונה אויף אַ באַרג מיסט

אַוועק איז ר׳ מרדכי יוסף און אַוועק איז ר׳ איטשע מאַטעס. אין ווייטע מקומות שפּאַרן זיי אָן און זאָגן־אָן גוטע בשורות. אין גאָריי דרינגט מען אַרויס, דאָס זיי זענען שוין אַריבערגעגאַנגען בשלום די גרעניץ פון פּוילן און געפינען זיך ערגעץ אין טייטשלאַנד אָדער אין בעהמען. אַנדערע שמועסן, דאָס ביידע משולחים האָבן זיך געלאָזט מיט אַ שיף איבערן ים קיין סטאַמבול, צו זען משיחן. גאָריי די שטאָט ווערט געפירט פון ר׳ גדליהן. נייע תקנות האָט ער אויפגע־בּרענגט, אין ווידערשפּרוך צום שולחן־ערוך. אָבער די געציילטע לומדים, וואָס זענען דאָ פאַרבליבן, גיבן־אָן, ווי זיי וואָלטן נישט געזען און געהערט, וואָרים דאָס געמיינע פאָלק איז איינגעגלויבט אין אים. ווי וואויל רעכעלע איז אַן אשת איש, האָט ער זי באַזעצט אין זיין הויז און וואוינט מיט איר אונטער איין דאַך. ער האָט געלאָזט פאַר איר אויסמאָלן ווייס אַ באַזונדער חדר, באַהאַנגען די ווענט מיט שמירות און אַריינגעשטעלט אַהין אַן ארון־קודש און אַ ריינקייט. רעכעלע איז אָנגע־טון אין ווייסע אַטלעסענע קליידער און איר פּנים איז פאַרשטעלט מיט אַ ווייסן שלייער. אַ גאַנצע וואָך קאָן זי קיינער נישט אָנזען, אַ חוץ כינקעלע דער פרומער, וואָס באַדינט זי. בלויז שבת פאַרזאַמלען זיך ביי איר צען ווייבער פון דער חבריא און דאַווענען מיט מנין ווי מאַנס־לייט — אַזוי האָט ר׳ גדליה געבאָטן. אַ חזנטע שטייט פאַר אַ שטענדער און זאָגט די תפלות. שפּעטער נעמט מען אויס דאָס ספר און ר׳ גדליה לייענט מיטן טראָפּ. ער לאָזט אויפרופן זיבן ווייבער, זיי זאָלן עולה־לתורה זיין, און הייסט מאַכן יעדעס מאָל אַ מי־שברך שבתי־צבי׳ן און רעכעלען דער נביאהטע.

ר׳ גדליהס נאָמען איז גרויס און געאַכפּערט אין גאָריי און אין דער גאַנצער געגנט אַרום. בעל־הביתטעס גיבן אים מעשר פון הינער, אייער, פּוטער און האָניק. אויף די רייכע האָט ער אַרויפגעלייגט זיי זאָלן אים צאָלן אַ באַזונדערן קאָפּ־צינש. פון יעדן קאַלב, וואָס ער קוילעט, שיידט ער אָפּ פאַר זיך נישט בלויז די גראָבע קישקע און די מילץ, ווי דער מנהג איז, נאָר אויך די גאַנצע הינטערשטע טייל, וואָס ער טרייבערט־אויס, כאָטש מען איז היינט נישט געניט אין דער דאָזיקער טועונג. ער פאַרברויכט עס נישט פאַר זיך אַליין, ר׳ גדליה. אַלע געמיינע און הונגעריקע געניסן פון זיינע שפּייזן. שבת בייטאָג פירט ער די סעודה אין בית־מדרש און מען שיקט אים פון אַלע הייזער געפּעפּערטן קוגל, ווי ער האָט ליב. מאַנסלייט און נשים זיצן אַרום אויף די בענק, אָדער רינגלען אַרום דעם טיש שטייענדיקערהייט. ר׳ גדליה זינגט נייע זמירות, טיילט מיט דער אייגענער האַנט פּטשאַי און געפילט מעגעלע, און דערלאַנגט יעדן אַ כוס וויין. רויט איז דער וויין און ס׳שמעקט פון אים אינגבער, נעגעלעך און זאַפרען. ר׳ גדליה האָט געלאָזט פאַלן אַ וואָרט, דאָס ער האָט דעם ריח פון יין־המשומר.

וואונדערלעכע זאַכן טוט ר׳ גדליה און זיין גוטהאַרציקייט איז באַרימט. ער גיט צדקה מיט אַ ווייליק געמיט און שטייט־אויף אינמיטן דער נאַכט און פאַרנעמט זיך מיט שלאָפע. הגם ער איז אַ חשובער מאַן, פאַרשאַרצט ער אין אַ נויט די אַרבל און שמירט מיט אַקאָוויט און בוימל סיי מאַנסלייט, סיי נקבות. ער דערציילט דעם קראַנקן שפּאַסן, דאָס יענער מוז לאַכן און פאַרגעסן זיין ווייטאָג. פאַר קינדער טוט ער נאָכמאַכן דאָס מרוקען פון קי און דאָס צוויטשערן פון פייגל.



## *A Wedding on a Dung-Hill*

Reb Mordecai Joseph and Reb Itche Mates departed, and their wanderings took them to far places, bearing the good tidings. In Goray some believed that they had already passed the Polish borders and were now somewhere in Germany, or Bohemia. Others thought that the emissaries had embarked for Stamboul to see the Messiah. Now the affairs of Goray town were managed by Reb Gedaliya. His new rulings disagreed with the practices cited in the Shulchan Aruch, but the few learned men who remained pretended neither to see nor hear what was happening, for the common people believed in Reb Gedaliya. As for Reb Gedaliya, he settled Rechele in his house, and he lived with her under one roof although she was a matron. He had a room painted white for her, and he hung the walls with guardian amulets, and placed a Holy Ark and Torah there. Rechele was dressed in white satin; her face was hidden by a veil. During the week she could be seen by no one except Chinkele the Pious who served her. But on the Sabbath ten women from the sect gathered in her room to make a prayer quorum, as though they were men—for thus Reb Gedaliya had bidden. A woman cantor stood before the lectern chanting the Sabbath prayers. Then the scroll was taken from the Ark and Reb Gedaliya chanted the proper melody. Moreover, he permitted seven women to be called up to the lectern to read for the Sabbath, and after each reading he ordered a benediction of thanks to be offered in the name of Sabbatai Zevi and Rechele the prophetess.

His was a great name in Goray and in all of the surrounding countryside. Housewives gave him a tithe of their chickens, eggs, butter, and honey. A special poll tax had been laid by him on the rich. From every calf he slaughtered he put aside for himself not only the tripe and the milt, as the custom is, but all of the under-parts as well—these he cleaned, though it is not the practice to do so nowadays. He did not need these for himself, no, not Reb Gedaliya —but for the poor and hungry. Sabbath afternoons he held the midday feast in the study house, and every household sent him pudding, seasoned according to his taste. Men and women sat at the table on benches, or clustered about it, and Reb Gedaliya sang new Sabbath hymns, served portions of calf's foot jelly himself, and gave each person a cup of wine. The wine was red and smelled of ginger, onycha, and saffron. Reb Gedaliya hinted that it tasted like the wine reserved for the righteous to drink in the Garden of Eden.

Remarkable things were done by Reb Gedaliya, and his kindness was renowned. He was extremely charitable and would rise from bed in the middle of night to tend to the sick. Though an important man, he would roll up his sleeves when it was necessary, to massage men and women alike with aqua vitae and turpentine. He jested with the ill, forcing them to laugh and forget their pains. For children he imitated the mooing of cows and the twittering of birds.

שטאַמלער באַגינען צו רעדן ווי ס׳געהער צו זיין אונטער זיין השגחה. לייט, וואָס זינקען אין דער מרה־שחורה, קייקלען זיך פון געלעכטער, ווען ער פאַרברענגט מיט זיי צוזאַמען. ער קאָן טון אַלערליי פאַר־בלענדענישן און שאַלמויזן. פון אַ שניפּטוך מאַכט ער אַ האָז. ער הייסט, מען זאָל פאַרבינדן די געלענקען פון זיינע הענט מיט אַ גאַרטל. באַלד גיט ער אַ בלאָז און זיי זענען ווידער לויז. דעם גאַרטל ציט ער אַרויס ביי יענעם פון הינטערן לייבסערדאַק. ער איז אַ בריה אין טרעפן פאַר־וויקלטע רעטענישן און קאָן אויפשרייבן אַ שורה־גריזל אין אַזאַ סדר, דאָס עס זאָל זיך לייענען גלייך פון אויבן און אונטן, פון רעכטס און פון לינקס. די בעלי־הביתטעס, וואָס קומען צו אים געוואָר־ווערן,

משלט ער אויס ווי אַזוי צוצוברייטן נייע מינים איינגעמאַכטס און זאַפט; מיט די מוידן קנעלט ער ווי אַזוי אויסצונייען אויף קאַנווע און ווייזט זיי חידושים אין העפטן. פאַרנאַכט גייט ער זיך באָדן צום טייך און לערנט די יונגעלייט שווימען און מאַכן וואַסער־טריט. מנחה דאַוונט ער דערנאָך צוזאַמען מיטן עולם ביים ברעג, אונטערן פרייען הימל. אַנומלט האָט ער מחמת פרייִלעכקייט צונויפגענומען אייניקע לוסטיקע קעסט־קינדער און איז געגאַנגען איבערשרעקן די ווייבלעך, וואָס באָדן זיך ווייטער־צו, הינטערן בערגל. צווישן די נקבות האָט זיך אויפגעהויבן אַ האַרמידער. די פלינקע זענען מיט געשריי אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער. די דיקלייביקע און שלאַבעריקע זענען אַזוי מבולבל געוואָרן, דאָס זיי זענען געבליבן שטיין אין זייער אַנטבלויזטקייט פאַר די אויגן פון די מאַנסלייט און זענען געוואָרן צו שאַנד. אַ סך שפּאַס און קלות־ראש איז געטריבן געוואָרן יענעם אָוונט. פונדעסטוועגן האָט מען עס נישט גענומען ר׳ גדליהן פאַראיבל, דען ער איז שוין באַוואוסט געווען מיט זיינע אויסטערלישע געַנג. בלויז אייניקע פאַרבאָרגענע פיינט האָבן אים אין דער שטיל באַרעדט און נישט באַצוואונגען זייער פאַרדרוס.

שלעכטע זאַכן מורמלען זיי וועגן אים. זיי דערציילן, דאָס זינט ער איז שוחט, האָט ער נאָך קיינמאָל אַ בהמה נישט טריף־געמאַכט, כדי זיך איינצוקויפן ביי די קצבים. ער מאַכט כשר אַלע שאלות און האָט אָפגעשאַפט די דינים פון טהרה. ער דערלויבט די ווייבער, זיי זאָלן זיך טובלען און באַהעפטן זיך מיט די מאַנען באַלד נאָך דער וסת און נישט אָפציילן די ריינע טעג, ווי עס באַדאַרף צו זיין. ער ווייזט־אָן די יונגע ווייבלעך, ווי אַזוי צו דערהיצן די מאַנסלייט, און ענטפערט־איבער בסוד, פון אויער צו אויער, דאָס זינט שבתי צבי איז אַנטפּלעקט גע־וואָרן — האָט אויפגעהערט יעטוועדע בלוט־שאַנד. די רכילות־טריי־בערינס ווילן האָבן, דאָס יונגעלייט טוישן זיך מיט די ווייבער. אַלע ווייסן, דאָס נעכעלע, לויס ווייב, די איצטיקע רביצין, נעמט־אויף אין איר הויז מאַנסלייט, זיצט מיט זיי נאָך האַלבער נאַכט און זינגט פאַר זיי לידער פול מיט ניבול־פּה. אַ דינסטמויד, וואָס איז אונטערגעשיקט געוואָרן אַריינצוקוקן אין לאָך פון שליסל, זאָל האָבן געזען, ווי נעכעלע האָט אויפגעהעקלט דאָס קאָפטל און דערלאַנגט די געסט די בריסטן אַרומצוטאַפּן און צו קושן די מילך־וואָרצלען. וועגן לוין ווערט גע־רעדט, דאָס ער איז געלעגן איבער גוואַלד מיט גליקען, דער טאָכטער פון זיין ברודער עוזר, און דאָס ער האָט באַצאָלט דעם פאָטער דריי פוילישע גילדן קנס, די זינד זאָל פאַרשוויגן ווערן. די קנעלערס אין בית־מדרש טרייבן אַלערליי פאַרשייטקייטן. זיי קריכן אַרויף אין מיטן טאָג אין עזרת־נשים און טוען־אָפּ העסלעכע מעשים, דהיינו: זיי זענען עוסק אין משכב־זכר איינער מיטן אַנדערן און משכב־בהמה מיט די ציגן. אין אָוונט גייען זיי אין באָד און לוגן דורך אַ לאָך, וואָס איז איינגס דורכגעבויערט אין דער וואַנט, צו די נקבות, וועלכע טוען זיך רייניקן אין דער מקווה. אַנדערע קומען אפילו אונטערקוקן דאָרטן, וואו נשים טוען זייער באַדערפעניש . . .

קליין איז די צאָל פון די אַלטע בעלי־הבתים און מען הערט זיך נישט צו צו זייערע רייד. אייניקע פון זיי האָט ר׳ גדליה משחד געווען מיט טייערע געשאַנקען. אַנדערע האָט ער געשיקט וואָרענען, דאָס אויב זיי וועלן ווידערשפּעניקן אין אים, וועט ער זיי אַריינוואָרפן אין חרם, אָדער תפוס־נעמען און צובינדן צו דער קונע אין פּאָליש. ר׳ גדליה

Stammerers began to speak properly under his guidance. The melancholy laughed heartily after he had spent some time with them. Adept at sleight of hand and hocus-pocus, he could turn a kerchief into a hare. His elbows bound with a sash, he would blow, freeing them once more—and then produce the sash from beneath the shirt of the person who had bound him! An expert at solving complex puzzles, he could write a row of words that might be read from top to bottom as well as the usual Hebrew right to left. He showed housewives who came to visit him how to put up new kinds of preserves, taught girls how to work on canvas and embroider. In the late afternoon he bathed in the river and instructed the young men how to swim and tread water. Afterward they all said their afternoon prayers at the riverbank, under the open sky. Once, when in good spirits, he gathered a few lusty young fellows who were boarding at their in-laws and went to the other side of the hill to scare the women bathing there. Chaos ensued. The more agile women sprang screaming into the water. Those who were large and slow-moving were so confused that they remained transfixed. Uncovered before the eyes of the men, they were publicly shamed. There was much jesting and frivolity that evening. Nevertheless, this was not taken amiss in Reb Gedaliya, for he was already known for his unconventional ways. Only a few hidden foes spoke out against him, with no attempt to disguise their irritation.

They whispered unpleasant things about him. They said that since becoming the slaughterer of Goray he had never once found any beast to be unclean and unfit to be eaten—this in order to win the favor of the butchers. Whenever the question arose, he ruled the beast clean, and he had abandoned all the laws of purity. He permitted the women to go to the bathhouse and then to bed with their husbands soon after menstruation; according to him, they did not have to keep the additional seven days of abstinence. He explained to young matrons ways to enflame their husbands, and whispered in their ears that, ever since Sabbatai Zevi had been revealed, the commandment against adultery was void. It was rumored that young men were exchanging wives, and everyone knew that Nechele, the wife of Levi, received men in her house and sat up past midnight with them, singing prurient songs. A servant girl who had been sent to look through the keyhole was said to have seen Nechele unhooking her blouse and offering the visitors her breasts to press and the nipples to be kissed. Of Levi it was said that he had forced Glicke, his brother Ozer's daughter, to lie with him, and that he had paid Ozer three Polish gold coins as requital money, that the sin might not be discovered. The young men who studied together in the study house were up to all kinds of evil. They would climb into the women's gallery in the middle of the day, committing pederasty with one another, and sodomy—with the goats. Evenings they went to the bathhouse and, through a hole they had bored in the wall, watched the women purifying themselves. Other young scholars even went off to observe the women tending to their bodily needs. . . .

There were few old householders in Goray, and no one heeded their grumbling. Reb Gedaliya bribed some with rich gifts. Others were warned that, if they rebelled against his rule, he would place them under a ban, or have them arrested and bound to the post in the study house anteroom. He also presented himself before the lord of Goray; speaking a fluent Polish,

האָט זיך אויך געשטעלט פאַרן פּריץ פון גאָריי, און מחמת ער רעדט פּויליש מיט מליצות — האָט דער שררה צוגעזאָגט אים צו נעמען אונטער זיין שוץ און צו באַשטראָפן די יעניקע, וואָס ווילן גראָבן אויף אים.

פאַרענדערט איז געוואָרן גאָריי די העק. קיינער דערקענט זי נישט.

זינט ר׳ גדליה איז געקומען אַהער וואוינען און דאָס נס פון דער נבואה איז באַקאַנט, איז די שטאָט אויפגעריכט געוואָרן. פון יאַנעוו, בילגאָריי, קראַסניסטאַוו, טאָמאַשעוו, טורבין, טישעוויץ, מזלבאָזשיץ און אַנדערע ישובים ציט מען אַהער צו ר׳ גדליהן און רעכעלען, דעם הייליקן פּאָר. ר׳ גדליה האָט אַרויסגעלאָזט אַ רוף, דאָס עס איז אַ סגולה צו טרינקען דאָס וואַסער, אין וועלכן רעכעלע האָט געוואַשן איר לייב, און ער האָט שטיין דערפון אַ גאַנץ פאַס אין זיין פעדערהויז. ס׳קומען אַהער שווערע געמיטער, וואָס וואַלגערן זיך פון אָרט צו אָרט צו געפינען אַ היילונג פאַר זייערע שלאַפקייטן. אַרום דעם גאַניק פון ר׳ גדליהס הויז זאַמלען זיך צונויף: ווייבער מיט שלוקערצן ווי דאָס בילן פון הינט; עקרות, וואָס גאַרן נאָך אַ בענטשונג פאַר זייערע פאַרשלאָסענע טראַכטן; פאַרזעענישן מיט צורות פון שרצים אויף די לייבער; באַנומענע און קרעציקע. כינקעלע די פרומע שטייט ביי דער טיר און לאָזט־אַריין איינציקווייז. אַנדערע מוזן זיך וואַלגערן לאַנג אין אַריינפאָר־הויז, ביז זיי ווערן אָנגענומען. ר׳ גדליה גיט קמיעות און שטיקלעך אָפּגעשפּראָכענעם בורשטין, זאַלבן צו שמירן און פּילן צום שלינגען. קינדער לעקט ער אַרום מיט דער צונג; ווייבלעך, וואָס ליידן אויף די געלענקען, טאַפּט ער אַרום מיט די האַנטפלאַכן און לאָזט זיי איבערנעכטיקן אין זיין הויז. פון טאָג צו טאָג ווערט געמערט די צאָל פון די נשים, וואָס קומען נאָך הילף צו דעם בעל־מופת. זיי גיבן צו לייזן אין די קלייטן, נעכטיקן ביי די שטאָט־לייט אויף דער הוילער ערד און האָרכן־אויס מיט נייגיר די וואונדערלעכע מעשיות וועגן רעכעלען דער נביאהטע. מען זעט זיי אומעטום זיצן אויף די בענק פאַר די שטובן. די פאַטשיילעס זענען אַראָפּגערוקט איבער די אויגן; אין די הענט האַלטן זיי פעסט די קויבערס עסנוואַרג; צווישן די בריסטן הענגען די טאָרבעלעך מיט מינץ אויף פדיון־נפש. די יונגע טוען זיך רק שעמען און עפענען נישט דאָס מויל. די עלטערע שטריקן זאָקן און שמועסן גערן וועגן זייערע חולאתן און וועגן די רפואות, וואָס זיי האָבן באַקומען פון כישוף־מאַכער און וואונדער־טוער. פאַר אַזעלכע, וואָס הערן־אויף פאַר דער צייט צו פירן דעם ווייבערשן שטייגער, איז אַ סגולה אויפצועסן אַן ערלה; צו געפינען לייטזעליקייט אין די אויגן פון מאַן — איז גוט צו וואַשן די בריסטן און דאָס וואַסער אים געבן צו טרינקען; ווער עס האָט די נכפה — זאָל מען ביי אים אָפּשניידן די נעגל פון די הענט און פון די פיס, איינקנעטן זיי אין אַ טייגל און וואַרפן פאַר אַ הונט. עס זענען פאַראַנדן אויך אַזוינע, וואָס האָבן ליב צו טרייבן ליצנות מיט די יונגע אומטראַכטערינס און זיי צו פאַרשעמען מיט מיאוסע רייד וועגן ניאוף. די לעצטע צייט קומען אַהער אויך מאַנסלייט; אַלערליי שלעפּער און וואַנדערער. אין גאָריי האָבן זיך באַוויזן פּרושים און לייט, וואָס פאָרן־אום נאָך אַ היתר־ממאה־רבנים. עס האָט זיך פאַרוואַלגערט אַהער אַ ישיבה־בחור אַ פּרענק, וואָס זוכט אַ רבין אויף קבלה, און אַ בעל־תשובה, וואָס טוט־אַריין אַרבעס אין די שיך, זיך צו פּייניקן. עס דרייען זיך דאָ אַרום: אַ גר פון אַמסטערדאַם, און אַ שותק, וואָס שווייגט שוין כמה יאָרן; אַ כלי־זמר, וואָס גייט פאַרבונדן די אויגן, נישט אָנצוקוקן קיין אשה, און אַ באָרוועסער לץ, וואָס קלייבט נדבות און רעדט אַלערליי אומווערדיקייטן צום גראַם. זיי שנאָרן ביי די אָנגעפאָרענע און נעכטיקן אין הקדש און אין אַלע לעכער. אָפט ווערן דאָ אָפּגעטון אין באַהעלטעניש מעשים רעים. אַנומלט האָבן אין גאָריי זיך גענומען אַ בעטלער און אַ בעטלערין פון דער פרעמד און חברה לצים האָט זיי אָפּגעשפּילט אַ חתונה אויף אַ באַרג מיסט . . .

he gained the lord's promise to take him under his protection and punish those who tried to overthrow him.

Goray, that small town at the edge of the world, was altered. No one recognized it any longer.

Ever since the advent of Reb Gedaliya and since the miracle of the prophetess, the town had prospered. From Yanov, Bilgoray, Krasnistav, Turbin, Tishevitz, and other settlements, people came to visit the holy pair. The water in which Rechele washed her body had restoring powers, Reb Gedaliya proclaimed, and a barrel of it stood in the anteroom of his house. The dispirited who wandered from place to place in search of a cure came to Goray. They gathered before the porch of Reb Gedaliya's house: young women whose hiccuping was like the barking of dogs; barren women who yearned for a blessing that might unlock their wombs; monstrosities, with reptile outlines on their bodies; paralytics and epileptics. Chinkele the Pious stood at the door and let them in one by one. Many of the visitors had to wait at the Goray inns for a long time before being admitted to Reb Gedaliya's house, so they might receive from him amulets and pieces of magical amber and salves to be smeared on the disturbed part of the body and pills to be swallowed. He licked the faces of sickly children, massaged arthritic women, and had them spend the night in his house. Daily the number who came to the miracle worker increased. They shopped in Goray, and slept on the bare floor in the homes of the townsfolk, avidly listening to the amazing tales concerning Rechele the prophetess. Everywhere, they sat on benches in front of the houses. Their kerchiefs were pulled down over their eyes; their hands clutched baskets of food; between their breasts hung pouches containing the copper coins that were to buy them health. The young were bashful, and would say nothing. But the older women knitted stockings and recounted with relish their sicknesses and the cures they had been given by various magicians and miracle workers. Those whose menstrual flow had stopped prematurely were advised to eat the foreskin of a circumcised infant. Those who wished to please their husbands were told to have their men drink the water in which their breasts had been washed; those with the falling sickness were told to cut the nails of their hands and feet and have the nails kneaded into a lump of dough and thrown to a dog. At times older women would tease the young barren ones, shocking them with their lewd talk.

And then, finally, men also began to arrive in the town. There were beggars and vagabonds; there were ascetics, and there were husbands trying to get the signatures of a hundred rabbis for a writ of remarriage; a yeshiva student was seeking a master to teach him cabala; a penitent was tormenting himself by putting peas in his shoes. A convert from Amsterdam also came, a man who had taken a vow of silence as well as a bandsman who walked around blindfolded, so as not to perceive women, and a barefoot jester who asked for alms and recited obscene rhymes. These lived by begging from the pilgrims, slept in the poorhouse or, when that was full, in any corner they could find. Evil often transpired secretly. Once two wandering beggars who had come to Goray decided to marry, and married they were by some mischief makers on a dung-hill.

ז

# דער זמן פון יחוד

אַ גרויס טריקעניש איז היי־יאָר. דאָס גראָז צום פיטערן ווערט פאַרברענט פון דער זון און די גויים פאַרקויפן בהמות האַלב־אומזיסט. די זאַנגען אויף די פעלדער וואַקסן שיטער און זיי זענען גרינג און לער. הייסע ווינטן דרעשן די תבואה נישט אָפּגעשניטענערהייט, יאָגן־אַראָפּ דאָס אויבסט פון די פרוכטן־ביימער איידער עס ווערט צייטיק. יעדן טאָג קומען קיין גאָריי מחנות פויערן מיט ווייב־און־קינד צו בעטן אין תיפלה און אין אַלע קאַפּעלן אויף רעגן און זעט. די מאַנסלייט זענען אָנגעקליידט אין ראָגזשעס מחמת אָרעמקייט. פון הונגער זענען די באַקן אויסגעהוילט און די אויגן קוקן־אַפּער פון הינטער די קודלעס האָר אַרויסגעזעצטע און דערשראָקענע, ווי ביי משוגעים. די פויערטעס טראָגן די קינדער אין ליילעכער אויפן רוקן, ווי ציגיינערינס. אַלעמענס פיס זענען שוואַרץ פון שטויב, די קולות — הייזעריק פון בלעקעכצן, און ס׳דוכט זיך, דאָס זיי באַלייטן די אייגענע גופים צום צווינטער . . . אין די דערפער גייען אום שמועות, דאָס די יידן האָבן — איידער זיי גייען אַוועק צו זייער משיח — אָנגערייצט דעם טייוול אויסצומאָרדן דאָס קריסטלעכע פאָלק. יעדן טאָג נעמט־צו דער טאָפּיעל *) צו זיך אין די וואַסערן אַ זון אָדער אַ טאָכטער. ער שווימט־קאַפּויר פאַרנאַכט, גרויס ווי אַ קו, און זוכט קרבנות. ער זינגט אַלערליי לידער און מאַכט זיך צום נאַר, ביז ער ציט אַריין אַ פאַרבייגייער. דער טייוול טוט נאָך אַנדערע שלעכטיקייטן. אַנימלט האָט ער אָנגעשיקט אַ היישעריק, וואָס האָט באַדעקט די פעלדער, ווי אַ שוואַרצער וואָלקן; אַן אַנדער מאָל האָט ער צונויפגערופן די מייז פון אַלע עקן וועלט און געלאָזט זיי אַרומהוליען מיט אַ קוויטשעריי צווישן די בייטן און אין די שייערן. אַ פויער, וואָס איז געגאַנגען באַנאַכט אויף דער וואַך, האָט אַליין געזען, ווי אַ רוח האָט געטאַנצט אויף שטאָלצן נעבן דער ווינטמיל, געדרייט זיך גיך אַרום־און־אַרום, געשטיפט און געפייפט. אַ פּנים האָט ער געהאַט אַ בערדיקס, פיס — גענדזענע. אַרום אים האָבן זיך מיטגעדרייט אין געווירבל אַלערליי ווילדע חיות: פוקסן, טכוירן, מאַרדערס, וועלף. דערנאָך האָבן זיי אַ פּאַטש געטון מיט פליגל, ווי פייגל, און זענען אַוועק־געפלויגן מיט געלעכטער . . . אַ יונגע באָבע, וואָס איז אין שפּעטן אָוונט געגאַנגען אָנשעפּן וואַסער פון ברונעם, האָט מיטן עמער אָנגערירט אַ לעבעדיק באַשעפעניש און דערהערט אַ שטים פון דער טיפעניש:

— קום, מיין שיינע, פאַרקויף מיר דיין נשמה . . . זיסע מאַנדלען וועל איך דיר שענקען און קרעלן . . . כ׳וועל דיך קרוינען פאַר אַ קייסערינע . . .

בייז און שווייגנדיק זענען די פויערן אין די דערפער. זיי שלייפן יעדן טאָג די שניידמעסערס, כאָטש ס׳איז נישטאָ וואָס צו שניידן, און שאַרפן די העק. מ׳רעדט, אַז דאָס פאָלק וועט אויפשטיין אין אַ בונט און אויסקוילען די יידן און די פּאַנעס. אַנדערע שמועסן, דאָס פון אוקראַינע און וואָלין וועלן ווידער אָנקומען מחנות קאָזאַקן, ווי אין כמעלניצקיס צייט, און נקמה־נעמען פאַר דער פּיין פון המון. צום אומגליק מערן זיך די כישוף־מאַכערינס, וואָס וואַרפן אַ שלעכט אויג אויף מענטשן און פי. כמעט אין אַלע הייזער האָבן די קי אויפגעהערט זיך צו מעלקן און ווייבער ווערן פאַרצערט פון געלזוכט. אין דאָרף קאָציצאָ האָבן די בעלי־הבתים באַגראָבן אַ מכשפה לעבעדיקערהייט. כדי זי זאָל נישט אַנטלויפן פון קבר, האָט מען איר צוגעקלאַפּט צום לינקן פוס אַ פּאַדקאָווע און דאָס מויל פאַרפּאַקט מיט מאָן. אין דאָרף מיידאַן האָט מען אַ מכשפה אַרויסגענאַרט אין וואַלד. דאָרט האָט מען זי מיט אַ קייט צוגעבונדן צו אַ בוים, אַראָפּגעריסן פון איר די קליידער און אָנגעלייגט אַרום איר אַ שייטער. אַלע באַוואוינער זענען געשטאַנען און צוגעזען ווי די כישוף־מאַכערין דרייט זיך נאַקעטערהייט אַרום־און־אַרום אין אַ ראָד און רופט דעם שטן. מחמת ווייטאָג האָט זי געביסן דאָס אייגענע לייב און אַזוי לאַנג געיאָמערט און געשאָלטן, ביז זי האָט זיך אָפּגעבראָטן און איז אַוועקגעפאַלן. דאַן האָבן פיר באַבעס זי צעהאַקט מיט די שניידמעסערס און באַגראָבן אין מיטן פעלד, אָן אַ בערגל פאַר אַ סימן און אָן אַ צלם.

*) אַ וואַסער-שד.

# 7

*The Hour of Union*

This was a year of severe drought. The grass that was to be used as fodder had been scorched, and the peasants sold their beasts at half-price. Wheat grew sparsely in the fields, and the stalks were light and empty. Burning winds threshed the yet unreaped grain, and ripped the green fruit from the trees. Every day a host of peasants passed through Goray on their way to chapels and shrines to pray for rain. They were so poor that the men wore straw for clothing. Their cheeks were hollow, and their protruding, frightened eyes stared from beneath their strands of flaxen hair like the eyes of madmen. The women carried their babies on their backs, wrapped in sheets, gypsy fashion. The feet of these wanderers were black from the dust of the roads, their voices were hoarse from imploring their God, and it seemed as if they had already died, and that this entourage was conducting itself to the grave. The rumor in the villages was that, before going off to join their Messiah, the Jews had prevailed upon the devil to kill all Christians. Each day the water sprite carried off another Christian; the water sprite was large as a cow, and swam backward in the river which he patroled early each evening in search of victims; his custom was to sing and do antics to attract the passers-by. Nor was this the only evil the devil concocted. He had of late sent a black cloud of locusts swooping down upon the fields; he had also summoned the field mice of the world and had sent them scampering through the furrows of wheat and into the barns. And one night a peasant saw a spirit dancing on stilts near the windmill. It whirled and capered and whistled, its face bearded, its feet webbed like the feet of a goose. Wild creatures circled it, foxes, and polecats, martens and wolves. They beat their wings like birds, and flew away laughing. A young woman who had gone to the well late one evening to fetch water, felt her bucket touch some live thing, and heard a voice from the depth cry out:

"Sell me thy soul, handsome one. I shall give thee sweet almonds and a string of beads. I shall set a crown on thy head, and thou shalt be my princess."

The peasants in the villages did not speak their wrath. In silence each day they sharpened their scythes, though there was no crop to harvest, in silence they filed the blades of their axes. It was thought by some that they would rise in revolt, murdering the Jews as well as the Polish gentry. Others predicted Cossack armies advancing from the Ukraine and Wolhynia, as in Chmelnicki's days, to avenge the oppression of the people. As if this were not enough, there was an increase in the number of practitioners of the evil eye. Cattle stopped giving milk and women turned yellow with jaundice. In the village of Kotzitza the householders buried a witch alive. They nailed a horseshoe to her left foot to prevent her from running from her grave, and they stuffed her mouth with poppy seed. In the village of Maidan the peasants lured a witch into the woods, chained her to a tree, and built a fire about her, after stripping her of her clothes. The villagers watched the naked witch writhe and tear at her flesh in agony, calling upon the name of Satan, until the flames consumed her. Then four women hacked her body to pieces with sickles, and buried the corpse in a field, with neither mound nor cross to show where she lay.

זינט יארן געדענקט מען נישט אזא צייט אין גאריי. א לאבן ברויט איז זעלטן, אבער פלייש איז פאראנדן לרוב. יעדן פארנאכט טרייבן־צו די יונגען צו דער שעכט־יאטקע גאנצע סטאדעס קעלבער, שעפסן, ציגן. אפט ברענגט מען צו פירן קי, וואס די אייטערס זענען ביי זיי איינגעשרומפן און זיי גיבן מער נישט קיין מילך. זייערע דארע היפטן זענען גערדיכט באוואקסן מיט שיפן מיסט; די ריפן שטארצן ארויס ווי רייפן; די בייכער הענגען־נאך לויזע, ווי ליידיקע זעק; די שווארצע, טעמפ־באהארטע מארדעס זענען אויסגעשטרעקט פארויס מחמת הונגער און דורשט, און זיי פילן־אן די שטאט מיט זייער פארבענקט מרוקעריי. זיי פאלן גלייך פון דעם ערשטן שטויס, וואס זיי קריגן פון קצב, און גייען גיך אפ מיט בלוט. ר' גדליה איילט מיט זיין גרינלעכן חלף, שניידט מיט געניטשאפט אין די אפגעגאלטע העלדזער, שפרינגט־אפ הינטערווילעכץ, ער זאל נישט באשפריצט ווערן. די קעלבער לייגן אוועק נאך דער שחיטה די קעפ אויפן דיל און דרימלען־איין ווי פון מידקייט. ס'זעט אויס, דאס זיי ווייסן נישט ביז דער לעצטער מינוט, וואס עס איז זיי געטון געווארן. די שעפסן, געבונדן מיט שטרוי, פאר־לייגן די איבערגעשניטענע העלדזער איינעם אויפן אנדערן, ווי זיי וואלטן אזוי־ארום געוואלט איינהאלטן דאס חיות . . . קצבים גייען אום מיט העק, האקן אפ די קעפ נאך לעבעדיקערהייט, שינדן גיך און מיט קענטשאפט די פעל, רייסן־אויף די בייכער און שלעפן ארויס דאס איינ־געווייד: רויטע סאמעטענע לונגען, אנגעקוואלענע פאנצן און וואמפן. די לונגען בלאזט מען אן דורכן גארגל, מען פאטשט אין זיי און מען שפייט־ארויף אויף די לאפן, צו זען, אויב זיי זענען נישט געלעכערט און טריף. ר' גדליה שטייט אין מיטן שעכט־הויז מיטן חלף אין מויל. די פיאות זענען צעלאזט, די בארד, וואס איז לאנג ביז צו די לענדן, איז צעבלאזן, די שווארצע אויגן, וואס זענען טיף־איינגעוואקסן אין די פעטע באהארטע באקן־קישעלעך, לויפן מחמת איילעניש. ער יאגט־אונטער די קצבים, זיי זאלן וואס גיכער פארטיק־ווערן און טענהט:

— איילט־צו! . . . כשר . . . כשר . . .

ר' גדליה מוז קארגן צייט; דער יאך פון גאנץ קהל הענגט אויף זיין האלדז. די טובי־העיר און דער פרנס פארזוימען זיך אויף די אסיפות, כדי אויסצוהערן זיין דעה; די גבאיטעס באראטן זיך מיט אים

וועגן אויסשטייער פאר יתומות; דער פריץ גיט אים רשות אויפצומאנען שטייערן און צו באלאסטן יידן לויט זיין פארשטאנד; שליחים ברענגען צו אים בריוו פון דער חבריא אין זאמאשטש און אין לודמיר; גבירים פון פרעמדע שטעט פאדערן ארויס זיינע שמירעכצער און געטראנקען. מען ברענגט צו אים דיבוקים און פארכישופטע כלות, קינדער מיט וואסער־קעפ און — מיט אויפגעבלאזענע בייכער. אין ר' גדליהס חדר אויפן טיש ליגן אנגעהויפט בויגנס פארמעט, גענדזענע פענעס, שטיינדלעך, וואס פאלן אראפ פון הימל, קנוילן טייוולסקויט. ס'שטייט דא א טאפ מיט פיאווקעס, ס'שמעקט מיט קימל און פיזעם. ער האט דא ליגן א מגילה מיט שמות פון מלאכים און שדים; ערגעץ איז אפילו דא באהאלטן א שפיגל אין א שווארצער רעם און א צלם אויף א שנור קרעלן. אפט קומען אהער יונגעלייט און ר' גדליה לערנט מיט זיי צוזאמען אין די קונטריסים פון נתן העזתי און אברהם היכיני. ער געווינט זיי אויך איין ווי צו צאפן ווייז פון דער וואנט און ווי צו האבן קפיצת־הדרך . . .

אויפגערוימט און האפערדיק איז גאריי. אלע עטלעכע טעג ווערט איינגעריכט א חתונה. צוועלף־יעריקע ווייבלעך דרייען זיך ארום מעוברת. פרומע ווייבער טוען אכט, דאס זייערע טעכטער און שנורן זאלן זיך אפט פארן. ר' גדליה צוזאמען מיט לוין האבן אויפגעבונדן אלע עגונות פון שטאט און זיי האבן שוין מאנען. לויט ר' גדליהס חשבון וועט חצי־אלול געהערט ווערן שופר־של־משיח און דריי טעג פאר ראש־השנה

The most ancient in Goray could not remember such a time. It was difficult to get a loaf of bread, but meat was plentiful. Early each evening the butcher boys drove whole herds of calves, and sheep, and goats to the slaughterhouse. They brought cows whose udders had shrunken and had ceased giving milk. These animals had thin flanks overgrown with thick clumps of dung; their ribs stuck out like barrel staves; their bellies hung loose like empty bags; their black, damp, hairy muzzles were drawn with hunger and thirst; and the town resounded with their pitiful mooing. They fell at the butcher's first push, and expired without a struggle. Reb Gedaliya hurried about with his green slaughtering knife, expertly slashing at the shaven necks, and recoiling from the spatter of blood. Butchers moved about with hatchets chopping off the heads of the still breathing beasts, dexterously stripping hides, tearing bodies open, and dragging out red satin lungs, half-empty stomachs, and intestines. They inflated the lungs by blowing through the windpipe, and slapped the distended organs and spat into the flaps to see if there were any vents which would make the animal unclean. Reb Gedaliya stood in the center of the slaughterhouse, his knife clenched between his teeth, his earlocks and his long beard disheveled, his black eyes, deep set in the hairy pouches of his cheeks, rolling as he urged the butchers to finish the examination, remonstrating:

"Hurry! It's clean! It's clean!"

For Reb Gedaliya had to be very sparing of his time; the weight of all Goray lay on his shoulders. The elders waited at the town meeting to hear his views; the women required his advice on how to obtain dowries for orphan girls; it was he whom the lord of Goray had licensed to levy and collect taxes, in his wisdom; emissaries brought him letters from the Sabbatai Zevi sect in Zamosc and Ludomir; rich men from other towns pleaded for his salves and potions; persons possessed, brides under a spell, children with blown-up bellies were brought to him. The table in Reb Gedaliya's room was piled high with sheaves of parchment, goose-quill pens, hailstones from Heaven, balls of devil-dung. There was always a pot of leeches handy, and somewhere in the room Reb Gedaliya had a scroll inscribed with the names of angels and demons. Secreted elsewhere was a black-bordered mirror and a cross on a string of beads. Young men frequently came to study the circulars of Nathan of Gaza and Abraham Ha-Yachini. Reb Gedaliya trained these young men in the magical science of drawing wine from walls, and transporting themselves from place to place according to a cabalistic formula. . . .

Goray was elated. Every few days there was another wedding. Twelve-year-old brides walked the streets with swollen bellies, for pious women saw to it that their daughters and sons-in-law lay with each other often. Moreover, Reb Gedaliya and Levi had released from marriage all women who had been deserted—and they had lost no time finding new husbands. Reb Gedaliya's calculations were that the ram's horn would announce the coming of the Messiah in the middle of the month of Elul, and three days before Rosh Hashana a cloud would descend

וועט אנקומען אַ וואָלקן, וואָס די פרומע לייט וועלן אויף אים אויפשטייגן און אוועקפליען קיין ארץ־ישראל. יעדן טאָג צווישן מנחה און מעריב דערציילט ער פאַרן עולם וועגן די נסים, וואָס וועלן געשען. יעדער צדיק וועט האָבן צען טויזנט קנעכט פון די גויים, וואָס וועלן אים באַדינען און וואַשן די פיס. ראָטהאַרינס און פירשטינס וועלן זיין אַמען און דערציערינס, ווי ס'שטייט אין ישעיהו, און מ'וועט דריי מאָל אין טאָג פליען, ווי די אָדלערס, צום הר־הבית און בוקן זיך. די קריפּלען וועלן געהיילט ווערן, די מיאוסע וועלן ווערן שיין. מ'וועט עסן פון גילדערן געפעס און טרינקען נייערט ווייַן. די טעכטער וועלן זיך באָדן אין טייכן פון באַלזאַם און דער גוטער ריח פון זייערע לייבער וועט זיך פאַרשפּרייטן איבער גאָר דער וועלט. די זין וועלן יעטוועדער טראָגן אַ שווערד אויפן דיך און שיסן מיט פייל־און־בויגן צו די איבערגעבליבענע שונאי־ישראל. די פריצים, וואָס האָבן גוטס געטון יידן, וועלן באַשירעמט ווערן מיט זייערע ווייבער און קינדער, און זיי וועלן זיין קנעכט ביי די גאָטפאָרכטיקע יהודים.

וואָס נענטער עס קומט צו אלול, אַלץ מער שטאַרקט זיך די אמונה פון די גאָרייער לייט. די קרעמער האַנדלען נישט, די בעל־מלאכהס האָבן אויפגעהערט צו טון זייער האַנטווערק. מען פאַרטיקט נישט אויס קיין סחורות אויפן נייעם יאָר. מ'עסט פון גרייטן. מחמת פוילקייט צו גיין אין וואַלד און אָנצוקלייבן צווייגן, האָט דער עולם זיך געמאַכט אַ מנהג צו הייצן מיטן געהילץ פון די אייגענע הייזער, וואָרים ווינטער וועט מען דאָך סיי־ווי שוין זיין באַזעצט אין ירושלים. מען צענעמט די צוימען און די קאַמערן; אין עטלעכע הייזער האָט מען אַפילו ביסלעכווייז אַראָפּגעריסן די שינדלדעכער און זיי פאַרברענט. אַ סך שלאָפן ניט־אויסגעטועענערהייט, טאָמער וועט דער וואָלקן אַראָפּנידערן באַנאַכט, זאָל מען נישט דאַרפן ערשט אָנציען אויף זיך די קליידער. ביי ר' גאָדל חסיד אין שטוב זענען די ספרים איינגעפּאַקט אין אַ ליילעך, ווי בשעת אַ שׂרפה. דריי מאָל אין טאָג גייט ער אַרויס קוקן צו מזרח, אויב מען זעט נישט קיין צייכן, פאַרשטעלט די אויגן ווי פון צופיל ליכט, און טענהט:

— רבונו של עולם, גיכער! . . . מיר האָבן שוין קיין כוח נישט צו וואַרטן! . . .

עס איז שפּעט אין דער נאַכט, ווען ר' גדליה באַזוכט רעכעלען אין איר חדר. די אשה ליגט שוין אין איר הימלבעט און שלאָפט. זינט זי איז געוואָרן אַ נביאהטע און געפינט זיך אין ר' גדליהס הויז, האָט זי כמעט אויפגעהערט צו עסן און טוט אינגאַנצן נישט איר באַדערפעניש. איר לייב איז געוואָרן דורכזיכטיק און ווייס, ווי פּערלמוטער, און זי שפּירט באַשיינפּערלעך, ווי ס'גייט דערפון אויף אַ שמעקעדיקער ריח, ווי פון בלעטער. יעדע נאַכט קומען איר צו חלום אַנדערע מלאכים, ווי אויך ר' שמעון בן יוחאי און אליהו און מען לערנט מיט איר ביז פאַרטאָג. אָפט וואַכט זי אויף אינדערפרי און זאָגט אויסנווייניק גאַנצע שטיקער פון זוהר און תיקונים. אַן אַנדער מאָל רעדט זי צו ר' גדליהן אויף תרגום־לשון. ווען זי קוקט אַריין אין אַ ספר, מישן זיך די בלעטער אַליין איבער. טיילמאָל שטרעקט זי אויס די האַנט עפּעס אָנצונעמען, און די כלי, אָדער דאָס חפץ, פליט איר גלייך אַריין צווישן די פינגער, ווי זי וואָלט דאָס צוגעצויגן. אין דער פינצטער לייכט איר גוף, ווי אַן אבן טוב, און פון איר הויט שפּריצן פונקען. איצט ליגט זי אין אַ זיידענער קאַפּקע, אָנגעשפּאַרט אויף דריי קישנס. איין אויג איז האַלב־געעפנט, די נאָז איז בלאַס און מען הערט נישט איר אָטעם. ר' גדליה קומט אַריין אינגאַנצן אַ נאַקעטער, געדיכט באַוואַקסן מיט האָר, ווי אַ מיט אַ פעל, בלויז מיט דער יאַרמולקע אויפן קאָפּ און מיט אַ וואַקסן ליכט אין דער לינקער האַנט. ער הויבט אָפּ פון איר די ווייסע זיידענע שאַל, מיט וועלכער זי איז איבערגעדעקט, קושט אירע פיס און וועקט זי מיט אַ ציטערדיק קול און מיט אַ ניגון:

— רעכעלע, ס'איז חצות . . . הימלען שפּאַלטן זיך . . . אבא־ואימא זענען זיך מזווג פנים־אל־פנים . . .

— רעכעלע, שטאַרק דיך . . . ס'איז דער זמן פון יחוד . . .

and the pious would climb aboard and be off to the Land of Israel. Daily, between the afternoon and the evening prayers, Reb Gedaliya told the congregation of the miracles that were about to take place. Every godfearing man would have ten thousand heathen slaves to wash his feet and care for him. Duchesses and princesses would act as the nurses and governesses of Jewish children, as had been foretold in the Book of Isaiah; thrice daily the Jews would fly like eagles to the mount of the Lord and there bow and prostrate themselves before the Holy Temple. The afflicted would be healed, the ugly made beautiful. Everyone would eat from golden dishes and drink only wine. The daughters of Israel would bathe in streams of balsam, and the fragrance of their bodies would suffuse the world. The sons of Israel would go girded in armor, swords on their thighs and equipped with bows and arrows with which to harry the remnants of the foes of Israel. Those of the nobility who had been kind to the children of Israel would be spared, along with their wives and children; they would be the servants of the upright.

As the month of Elul approached, the faith of the people of Goray grew stronger. Shopkeepers no longer kept shop, artisans suspended their labors. It seemed useless to complete anything. Now the people ate only food that did not need preparation and was easy to obtain. Since they were too slothful to gather firewood in the forest, they acquired the habit of heating their ovens with the lumber they had available. By winter they would be settled in Jerusalem. And so they tore down fences and outhouses for kindling. Some even ripped the shingles from their roofs. Many refused to undress when they retired at night. The awaited cloud might come when they were asleep, and they did not wish to be forced to dress in a hurry. In Reb Godel Chasid's house the books had been wrapped in a sheet, as after a fire, and thrice daily their owner stepped outside to look toward the east for some sign of the cloud. He would cover his eyes, as though to protect them from too strong a light, and cry:

"Father in Heaven, save us now. We have not the strength to wait longer."

Late at night Reb Gedaliya would come to visit Rechele in her room. She would be lying in her canopy bed, asleep. Since becoming a prophetess, Rechele had almost ceased eating entirely; no longer did she attend to her physical needs. Her body had become white and semi-transparent, like mother-of-pearl, and it seemed to her that she was exuding a leafy fragrance. Each night angels visited her in her dreams, and Rabbi Simeon ben Yohai and the prophet Elijah came, and angels and prophets studied with her until daybreak. Often when she awoke in the morning she would be able to recite entire sections from the Zohar and its Emendations by heart. At times she spoke to Reb Gedaliya in Targum Aramaic. As she read the pages turned of their own accord. Sometimes she would put out her hand to take some object, and it would fly to her fingers, as though drawn by magic. Her body shone in the darkness like a precious stone, and her skin emitted sparks. She would lie in her canopy bed wearing a silk kerchief on her head, which rested on three pillows, one of her eyes half open, her nose white, her breathing so faint it could not be heard. Reb Gedaliya would enter naked, a thick growth of hair covering his body like a fur coat, wearing only a skull cap, and with a wax candle in his left hand. He would lift the white silk gown that covered Rechele's body, kiss her feet, and waken her.

"Rechele, it is midnight. The heavens are parting. The Divine Parents are coupling face to face. Rechele, be of good cheer. This is the hour of un-

## ח

# גאָלדענע זשופּיצלעך און מאַרצעפּאַנעס

אלול־צו. מחנות ווייבער לאָזן זיך אַרויס יעדן פרימאָרגן אויפן בית־עולם זיך צו געזעגענען מיט די טויטע, וואָס וועלן, ווען משיח וועט קומען, זיך קוילערן קיין ארץ־ישראל דורך היילן אונטער דער ערד און זייער וועג וועט דערום דויערן לענגער. גאַנצע טעג ליגן די נשים אויסגעשפּרייט אויף די קברים און שרייען אַהין אַריין מיט יאָמערלעכע קולות. מען מערט צו בעטן מחילה ביי געשטאָרבענע קרובים און שכנים; מען זאָגט זיי אָן, דאָס צו תחית־המתים איז נאָענט, און מען רופט, זיי זאָלן מליץ־יושר זיין אויף יענער וועלט. די פאַרמעגלעכע מעסטן אויס דאָס גוטע אָרט מיט קנויטן און ציען שפּעטער איבער זיי ליכט פאַרן בית־המדרש. די אָרעמע מאַכן נאַס די בערגלעך מיט זייערע טרערן. אַפילו די קינדער נעמט מען מיט און זיי שפּילן זיך צווישן די מצבות. ס'זעט־אויס, ווי די לעבעדיקע און טויטע וואָלטן געוואוינט צוזאַמען. פאַרוואונדערט זענען די ציגיינער, וואָס האָבן דאָ נישט ווייט פאַרצויגן זייערע געצעלטן. די גויים אַרום טוען זיך פרייען, ווייל זיי טראַכטן שוין צו אַרבן ביי די יידן זייער האָב. אין בית־המדרש בלאָזט מען שופר. ר' גאָדל חסיד ציטערט־אויף יעדעס מאָל, ווען ער דערהערט אַ תקיעה, און שטעלט אָן די אויערן, צי דאָס איז נישט אַמאָל שופר של משיח. מחמת צערודערונג קאָן ער נישט איינזיצן אין שטוב און דרייט זיך אַרום אינדרויסן אַהין־און־צוריק, ווי ער וואָלט עמיצן אָפּגעוואַרט. שוין עטלעכע טעג ווי אין מזרח שטייט אַ וואָלקן און לויערט איבער גאָריי. אין די אָוונטן ציט ער זיך אויס, ווערט לאַנג און נעמט־אָן דאָס געשטאַלט פון אַ פיש אַן אומגעהייער; פאַרטאָג איז ער רויט־צעגליט, ווי ער וואָלט געווען אייטל פייער. אין מיטן טאָג באַקומט ער די צורה פון אַ שיף מיט זילבערנע זעגלען און עס דוכט זיך, דאָס ער האַלט זיך אין איין דערנענטערן. ר' גאָדל און אויך די איבעריקע לייט פון דער חבריא גלויבן, דאָס מען זעט שוין דעם עמוד־ענן, וואָס ווערט דערמאָנט אין הייליקע ספרים, אָבער זיי רעדן וועגן דעם בלויז שטילערהייט און אויפן וואונק, נישט אַרויסצורופן קיין צעמישונג צווישן המון. ווייבער קאָנען נישט אָפּרייסן פון יענער זייט די אויגן, שאָקלען פרום מיט די קעפּ און ס'זעט אויס, ווי אַלע וואָלטן געוואוסט, דאָס עס איז גלייכער צו שווייגן אין אַזוי אַ צייט.

דערווייל פליסט־אָפּ איין טאָג נאָך דעם אַנדערן און דאָס נס פאַרזוימט זיך.

וואָס נענטער צו יום־טוב, אַלץ שטילער ווערט אין גאָריי, גלייך דאָס רוב באַוואוינער וואָלטן ביסלעכווייז אַרויסגעוואַנדערט, אָדער זיי באַהאַלטן זיך אויס. אין אַלע פענצטער זענען די פאָרהענגלעך אַראָפּגעלאָזט; דאָ און דאָרט שטייען די לאָדנס פאַרמאַכט. די קלייטן ווערן נישט געעפנט, אָדער ס'זיצן דאָרטן בלויז קינדער. פאַרלאָזן זעט־אויס דער רונדיקער מאַרק. דאָס געלע זאַמד איז הייס, ווי אין אַ מדבר, און אין די זייטן גייט־אויף בריעכץ. עס זעט־אויס, ווי די גאַנצע שטאָט וואָלט איינגעהאַלטן דעם אָטעם פון הוילער דערוואַרטונג. די לייט, וואָס טרעפן זיך, רעדן שאָרכענדיק, קוקן זיך נישט גלייך אין די אויגן. אַלע זענען פאַרבלענדט, ווי אין אַ ליקוי־חמה.

עס איז שוין דריי טעג פאַר ערב־יום־טוב. לויט אַלע חשבונות דאַרף מען היינט פאַרנעמען די תקיעה גדולה. אָבער די זון פאַרגייט — און מען זעט נישט און מען הערט נישט. דערווייל איז נאָך קיין שום זאַך נישט צוגעגרייט אויף די הייליקע טעג. קינדער און דערוואַקסענע זענען באָרוועס און אָפּגעריסן; ס'איז נישטאָ קיין מעל אויף קיין חלות, קיין פיש, קיין האָניג. איינצעלנע גייען אַוועק צו ר' גדליהן צו פאָרשן ביי אים וועגן דעם באַטייט פון דעם אַלעמען, אָבער ס'ווייזט זיך אַרויס, דאָס ר' גדליה איז אַוועק האָבן התבודדות אין די בערג. רעכעלע די נביאה ליגט שוין זינט עטלעכע טעג פאַרזונקען אין שלומער און כינקעלע לאָזט קיינעם צו איר נישט אַריין. אין דער לעצטער מינוט האָבן איניקע דאָרף־לייפער זיך אַרויסגעלאָזט אין די נאָענטע דערפער איינצוקויפן דאָס נויטיקסטע. אָבער מ'זעט זיי נישט צוריק. פאַרשעמט שטייען די הייזלעך, נישט געשמירטע, ס'רוב מיט אויפגעריסענע דעכער.

## 8

### *Golden Jackets and Marzipan Candy*

The month of Elul. Each morning crowds of women descended to the cemetery to bid the dead farewell; the dead would not reach the holy land as soon as the living; when the Messiah came they would pass to the Land of Israel by way of underground caverns. For days the women lay prostrate on the graves, screaming and wailing, begging the forgiveness of the dead for deserting them, explaining that the day of resurrection was near, calling upon them to intercede for their living kin and neighbors in the Hereafter. The wealthy cut wicks the length of the graves of their beloved, to make candles for the study house. The poor could only weep, and the graves were wet with their tears. Even the children were brought, and they played among the tombstones. It seemed as if the living and the dead dwelt together in the cemetery, and the gypsies who had pitched their tents close by marveled at the sight. As for the gentiles, they were delighted, believing that they would inherit all that the Jews abandoned. In the study house the ram's horn was sounded, and Reb Godel Chasid trembled at each blast, for each might be the one that announced the Messiah. Too anxious to remain at home, he paced restlessly outside. For several days a cloud had hovered in the sky to the east of Goray. Evenings, it elongated, taking on the shape of an enormous fish; mornings it was aflame, a burning red, and afternoons it seemed a ship with silver sails, drawing nearer and nearer. Reb Godel and the other members of the sect were certain this was the pillar of cloud mentioned in the holy scriptures; but they spoke of this only among themselves in hushed tones, so that the people might not become excited. The women shook their heads piously, unable to keep their eyes away from that part of the sky; all seemed to feel that at such a moment silence was best.

But the days came and went, and still there was no miracle.

As the High Holy Day grew nearer, Goray grew quieter and quieter. It was as if the inhabitants of the town had deserted it one by one, or had gone into hiding. The curtains of the houses were drawn; here and there shutters were bolted. The shops were either closed or were tended by children. The market was empty; the sand in the market place was hot as in a desert, and nettles grew at the edge of the circle. The whole town seemed to be holding its breath. When people met they discoursed in whispers, and they avoided each other's eyes. In this hour of eclipse they seemed to be dazzled.

Only three days remained before the eve of the High Holy Day, and according to all calculations this was the day on which the great blast was to be heard. But the sun set—and nothing had occurred. Nor had the people of Goray prepared for the holy days. Children and adults went barefoot and in tatters; there was no flour with which to bake the bread for the holy days; there was no fish or honey. Reb Gedaliya was sought to explain the significance of this, but it was discovered that he had gone to commune in the hills. As for Rechele, she had been in a coma for several days, and Chinkele would permit no one to see her. At the last moment runners had been sent out to the surrounding villages to buy the most necessary articles. But they had not as yet re-

לופטן . . . זיי מאָנען מאַרצעפּאַנעס און רענדלעך אונטער דער יויך, ווי מען האָט זיי צוגעזאָגט . . . טאַטעס הענגען אַראָפּ די קעפּ און פאַרזוכן פון די מאכלים בלויז אויף יוצא צו זיין, ס׳זאָל נישט הייסן, דאָס זיי פאַסטן אין ראש־השנה. זיי זינגען זמירות מיט הייזעריקע ווייַנענדיקע קולות און גייען גיך אַוועק שלאָפן הינטערן אויוון, שווייגנדיקע, ברוגזע. מאַמעס שטילן־איין די פּיצלעך, זיצן־אָפּ ביז שפּעט ביי קינדערשע וויגלעך און בעטלעך, דערציילן שלעפּערדיקערהייט מעשיות, פאַררעדן דאָס קליינוואַרג, ס׳זאָל נישט פרעגן קיין קשיות. כאָטש ס׳איז יום־טוב, פירט זיך שטיל און פאַרביסן דאָס מחלוקת צווישן שוויגערס און שנורן, מוטערס און טעכטער, שוועסטער און ברידער. מ׳שלאָפט איין אין די מלבושים, מיט הוילע הערצער און אָפענע מיילער, ווי אַמאָל אין די צייטן פון שחיטות, ווען מ׳איז קיינמאָל נישט זיכער געווען, צי מאָרגן וועט מען נישט געקוילעט ווערן.

ביידע טעג פאַר די תקיעות דרשנט ר׳ גדליה פאַרן עולם. זיין פּנים איז רויט ווי צונטער, די אויגן בליצן, און זיין יעדעס וואָרט וואַלגערט אַראָפּ שטיינער פון האַרץ. ער טענהט, אַז דער היינטיקער פאַרשטערטער יום־טוב איז דער לעצטער נסיון, מיט וועלכן קודשא־בריך־הוא וויל אויספּראָוון זיין פאָלק; ער פאַרגלייכט די איצטיקע צייט צום פאַרטאָג, ווען ס׳מוז ווערן שטאַרק פינצטער, כדי די זון זאָל דערנאָך אויפשיינען אין גאָר איר פּראַכט. ער רופט דעם עולם, מען זאָל זיך שטאַרקן אין דער אמונה און נישט אַראָפּלאָזן די הענט ערב די גרויסע טעג. ער שווערט אַ האַרבע שבועה, דאָס שבתי צבי איז דער אמתער משיח אלהי יעקב; ער געביט, יידן זאָלן אָפּטון פון זיך דעם טרויער און זיך אָנגורטן מיט בטחון און פרייד; ער דערציילט, דאָס ביי רעכעלען זענען ביינאַכט געווען די אמהות, זי צו טרייסטן, און האָבן איבערגעגעבן, דאָס דער שטן האָט דערוועקט אַ שווערן קטרוג אין הימל קעגן יענע, וואָס זענען וואַקלדיק אין זייער גלויבן, און דערפאַר איז דער קץ אָפּגעלייגט געוואָרן ביז דער צאָרן וועט זיך שטילן. איידער מען צעגייט זיך אַהיים, לייגט ער אַרויף די הענט אויף די קעפּ פון די דאַוונער און בענטשט זיי. די קינדער הויבט ער אויף און קושט זיי אין די קעפּלעך. ער רופט נאָך:

— גייט אַהיים און זייט אייך משמח . . . במהרה בימינו וועלן מיר זיין אין ארץ־ישראל . . . איש תחת גפנו ותחת תאנתו! . . .

צו תשליך פּוצן זיך אַלע אויס אין די רעשטלעך בגדי יום־טוב און מ׳לאָזט זיך שורותווייז צום טייכל הינטער דער שטאָט. די שלאָפע רעכעלע טראָגט מען אַ פאַרשלייערטע אויף אַ גאָלדענער שטול און זי איז אַרומגערינגלט פון די חשובסטע לייט. זי זעט אויס, ווי, להבדיל, אַ בילד, וואָס די גוים טראָגן אין חגא בעת אַ קלויסטער־גאַנג . . . יונגע ווייבלעך שטעלן זיך אַוועק אויפן בריקל און שאָקלען־אויס די טאַשן און די שנופּ־טיכלעך, אַ רמז אויף די עברות, וועלכע מ׳שליידערט אין וואַסער. ווי דער מנהג איז, מאַכט מען זיך לוסטיק מיט די עלטערע יידענעס און אפילו מיט די מאַנסלייט. מ׳טרייבט חוזק אויס נעכעלען, לויס ווייב, און מ׳פּליסטערט אין די אויערן, דאָס דער טייך וועט פול ווערן מיטן אויג פון אירע זינד . . . אויפן וועג צוריק פּרואוון די פּראָסטע יונגען שטעכן די נקבות מיט שפּילקעס אין די היפּטן און רעדן ניבול פּה. ר׳ גאָדל חסיד שרייט אָן אויף זיי און וואָרנט, אַז דאָס איז אַ חילול־השם; אָבער ר׳ גדליה מאַכט־אַוועק מיט דער האַנט, אַ סימן: ס׳שאַדט נישט אביסל אויפצוריכטן די דערשלאָגענע געמיטער . . . פאַרנאַכט ווערט פונדעסטוועגן אין שטעטל אַזוי שטיל, ווי אַלע וואָלטן אויסגעשטאָרבן. די לופט ווערט בלוי, ווי בלעטער פון אַלטע ספרים,

Jerusalem. . . . They wanted to wear little golden jackets. . . . They wanted wings, so they could fly through the air. . . . They wanted the marzipan candy and the gold coins in the broth that they had been promised. . . . Their fathers looked dejected and toyed with the food, eating merely to fulfill the religious duty, in order not to appear to be fasting on Rosh Hashana. They sang the High Holy Day hymns with hoarse, quavering voices and quickly went off to sleep behind the oven, silent and irritable. Mothers quieted the sucklings by nursing them, and sat up late next to the children's cribs and beds, sleepily telling stories to keep the little ones from asking questions. Though it was a High Holy Day, the silent feuds between mother-in-law and daughter-in-law, mother and daughter, brother and sister, persisted, as bitter as ever. The people of Goray fell asleep in their clothes, their mouths open and their hearts hollow, as in times of persecution when Jews are never sure that they will live through the next day.

On both the first and the second day of Rosh Hashana Reb Gedaliya preached before the ram's horn was blown. His face was cinder-red, his eyes flashed, and every word he spoke lightened the heart of the congregation. He argued that this marred holiday was the last of the trials that God was inflicting on his people. Reb Gedaliya compared the present time to the hour before dawn, when the sky must become darkest so that the sun might shine forth in all its splendor. He called on all in the congregation to be steadfast in their faith, and not to despair on this eve of great days. He swore a mighty oath that Sabbatai Zevi was the true Messiah of the God of Jacob; he bade the Jews put away their sadness and gird themselves with trust and joy; he said that the Four Matriarchs had visited Rechele at night to solace her, and they had reported that Satan had leveled a bitter accusation in Heaven against those who wavered in their faith; as a consequence, the end of days had been postponed until such time as the wrath of God should be placated. Before the congregation dispersed, Reb Gedaliya blessed each worshiper with his hands. He lifted the children to kiss them on the head, and called out as the congregation departed:

"Go home and rejoice. We shall all be in the Land of Israel soon, speedily and in our time. Every man shall sit under his vine and under his fig tree."

For the ceremony of the Casting, everyone in town put on his or her holiday rags and, walking in file, set forth in the direction of the river outside the town. Rechele, who was not well, was borne on a gilded chair, and accompanied by the most important people in town. She looked (impossible comparison!) like one of those icons that the gentiles bear in church processions during their festivals. . . . The young women stood on the bridge and shook out their pockets and kerchiefs, alluding to the transgressions that are cast into running waters. As was customary, the younger people of Goray were jolly at the expense of the old women and even the men. They jibed at Nechele, Levi's wife, whispering in one another's ears that the river would overflow with *her* sins. Returning to town, uncouth boys tried to stab the women's hips with pins and made lewd remarks. Reb Godel Chasid shouted angrily, reprimanding them for being sacrilegious; but Reb Gedaliya passed it off with a wave of his hand, signifying that there was no harm in raising people's spirits. . . . Nevertheless, at dusk the town grew so still one might have thought that everyone had died.

די שטובן קוקן וואַכעדיקע, האַלב־חרובע, און ס'שמעקט מיט שנת ת"ח. די עמערס וואַסער, וואָס מיידלעך טראָגן־אָן, דערמאָנען אין טהרה, און ס'שפּירט זיך אומעטום אָנגעברענט און טוכלע, ווי נאָך אַ שׂרפה. די מאַנסלייט זאָגן שלעפעריק תהלים אין בית־מדרש און ס'דוכט זיך, דאָס זיי בעטן־רחמים אויף אַ מסוכן־שלאָפן. די ווייבער זאַמלען זיך צונויף אין בינטלען פאַר די טירן. מ'רעדט מיט שעפּטשעניש און מ'קוקט זיך אום הינטערווייַלעכץ, ווי מען וואָלט מורא געהאַט פאַר פרעמדע אויערן. מ'לאָזט די קינדער אָפּציפּן די לעצטע פּאַטשערקעס פון די שובעס, אַבי זיי זאָלן לאָזן געמאַך. אַ יידענע האָט אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט, דאָס מען דאַרף פאַרריכטן די הייזער און אַרויסשלאָגן זיך די איינרעדעניש פון קאָפּ: משיח וועט קיין גאָריי נישט קומען . . . אָבער מ'האָט אויף איר אָנגעשריגן. מ'האָט איר געדראָט מיט די פויסטן און זי געוואָרנט, זי זאָל פאַרמאַכן דאָס מויל. מ'האָט איר דערמאָנט ווער זי איז פאַר איינע און פון וואָס פאַר אַ הויז זי שטאַמט־אָפּ. איצט ווערט גערעדט דעריבער. מען שאָקלט מיט די קעפּ און מ'שפּייט־אויס; מ'שנייצט גאָטספאַרכטיק די נעז און מ'טענהט:

— ס'זאָל זיין דער לעצטער פאַרשטערטער יום־טוב, פאָטער אין הימל!

מ'זאָל שוין דערפרייט ווערן מיט אַ וואָרער פרייד נאָך אַלדי פאַר־שעמונגען! . . .

The air turned blue, like the pages of an old book, the houses were drab, half in ruins, and it seemed like the year 1648. The pails of water that the girls carried were reminiscent of ablution rites for the dead, and everything smelled burned and acrid, as after a fire. Sleepily, the men recited psalms in the study house, as though they were asking for compassion on some person who was mortally ill. The women gathered before the doors of their homes. They spoke in hushed tones, looking around them meanwhile, fearful of being overheard by strangers; they let the children pull the last embellishments from their coats, just so that they—the mothers—might have some peace. One woman casually remarked that people ought to repair their houses and get this thing out of their heads; the Messiah was not coming to Goray. But the other women scolded her. They threatened her, warning her to be silent. She was reminded that she was no one, a person of humble origin. The women shook their heads and spat; they blew their noses piously and entreated the Almighty:

"May it be thy will, O Father in Heaven, that this holy day be the last to be spoiled! May we soon have true cause to rejoice—after such humiliation!"

## ט

## די סטרא אחרא געוועלטיקט

דעם ערשטן טאָג סוכות האָט איבער גאָריי אַראָפּגענידערט אַ מבול און געגאָסן דורכאַנאַנד דריי טעג און דריי נעכט. דער טייך איז איבער־געפּלייצט געוואָרן, זיך אַרויסגעריסן פון די ברעגן, דורכגעבראָכן די שלוזן פון דער וואַסער־מיל, אָפּגעשווענקט די דאַמבע. פון די הייזלעך אין די נידעריקע ערטער האָט מען געמוזט ראַטעווען די נפשות. אין אַלע שטובן האָבן זיך אַרומגעדרייט די ווייבער מיט פאַרשאַרצטע קליידער ביז די שענקלען, אויסגעשעפּט דאָס וואַסער מיט טעפּ און עמערס, ווי אויף אַ צעלעכערטער שיף, און ס'איז גלייך אָנגעפלאָסן פונסניי. אייזיקע ווינטן האָבן געבלאָזן, אָפּגעריסן די לעצטע שינדלען פון די דעכער און איינגעוואָרפן שאָפעס. די פענצטער זענען געוואָרן פאַר־שטעלט מיט ראָנזשעס אָדער אַרומגעשלאָגן מיט פעל. זעלטן ערגיץ ס'איז געווען אַ שייטל האָלץ צום הייצן. קליינוואַרג האָט גלייך אָנגע־הויבן צו הוסטן, באַקומען רויטע נעזלעך און טרעריקע אויגן. קראַנקע אויערן, וואָס האָבן זיך פאַרהיילט איבערן זומער, האָבן פונסניי באַגונען צו טריפן; אויסשיטן, וואָס זענען אָפּגעגאַנגען, האָבן צוריק אויפגעבליט אויף די הויטן. פון צופיל עסן פליישׁ, האָט די קינדער ווייגעטון די בייכלעך. אַ סך האָבן געבראָכן און לאַקסירט. מאַמעס זענען געלאָפן איינרייסן אין בית־מדרש, אָנגעצונדן נשמה־ליכט אין אַלע רערלעך. חדר־ייִנגלעך זענען כיתותוויז געגאַנגען תהלים־זאָגן. פונדעסטוועגן איז אַלעמאָל אין אַן אַנדער הויז אַוועקגעפאַלן אַן עופעלע און אַזוי לאַנג זיך געריסן, ביז עס האָט זיך פאַרקייכט און בלוי געוואָרן. יואלעכל דער גיהנום־שמש איז ווידער אומגעגאַנגען מיט זיין שוואַרץ קעסטל. די צאָל פון די ילדים איז געווען אַזוי גרויס, דאָס ער האָט די פיצלעך איינגעוויקלט אין לייוונט און פאַרשטעקט אין די טיפע קעשענעס פון זיין טוזליק. וויפל מאָל דער שלאַקסרעגן איז איינגעשטילט געוואָרן, האָבן מחנות קראָען זיך אַרויסגעלאָזט, געפלויגן נידעריק, קרום און מיט אַ קראַקעריי, ווי זיי זאָלן זוכן פגרים. געל ווי אייל האָט אויס־געזעט דער זומפּ און ס'זענען פון אים אויפגעגאַנגען קנוילן וואַרעמע נעפּלען, ווי ער זאָל ברענען אין זיינע טיפענישן. ס'האָט זיך דערמאָנט אין סדום ועמורה, וואָס דער רויך האָט זיך פון זיי געהויבן, ווי פון אַ קאַלך־אויוון . . .

די עלטסטע לייט האָבן נישט געדענקט אַזאַ יום־טוב און זיי האָבן אויך קיינמאָל עפּעס אַזוינס נישט געהערט פון זייערע עלטערן. דעם דריטן טאָג חול־המועד אינדערפרי איז פון דער העלער הויט פינצטער געוואָרן ווי ביינאַכט און אַלע האָבן זיך גלייך גענומען ריכטן אויף פירכטערלעכע טראָפן, דען עס האָט אויסגעזען, דאָס די וועלט גייט אונטער. אַ טאָג פאַר הושענא רבא האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ האָגל.

## 9

*The Evil One Triumphs*

On the first day of the Feast of Tabernacles a deluge descended on Goray, and the rain poured down incessantly for three days and three nights. The river overflowed, smashing the locks of the water mill and crumbling the dam. Those who dwelt in the lowlands had to be rescued. In many homes women waded about, their dresses lifted, bailing out the water with pots and buckets, only to find it pouring in once more. Icy winds tore the last shingles from the roofs and knocked down fences. The windows were covered with rags and felt was plugged in the cracks.

Very little wood could be obtained. The children began to cough, and developed red noses and watery eyes. Their ears, which had been healed by the summer sun, began to run anew; boils that had dried up swelled up again. Their stomachs ached from eating too much meat, and there were many cases of vomiting and diarrhea. Mothers ran to the study house to implore God's help, and lit candles in every candle holder. Groups of school boys went to the study house to recite psalms. Nevertheless, in house after house infants succumbed, coughing, eventually to be seized with spasms and turn blue. Joel the Sexton again made the rounds with his black basket. There were so many children for him to bury that he had to wrap the infants in linen and stuff them into the deep pockets of his overcoat. When the storm subsided, flocks of crows appeared, flying low, crookedly, and croaking, as though they hunted corpses. The swamp was oily yellow, and spirals of vapor rose from it, as from a subterranean fire. It suggested Sodom and Gomorrah, where the smoke rose as from a furnace. . . .

The oldest people in Goray could not remember another Feast of Tabernacles like this, nor had they ever heard of anything like it from *their* elders. On the morning of the third day of the holiday week it suddenly grew dark as night, and everyone at once began to prepare for the worst, for the world seemed to be about to come to an end. The day before Hoshana Rabba there was a hailstorm. Pieces of ice fell, large

די שטיקער אײַז, וואָס זענען געפֿאַלן, זענען געווען אַזוי גרויס ווי גענדזענע אייער און האָבן געהרגעט אַ סך בהמות אויפֿן געמויזעכץ און אויך פּאַסטוכער. דערנאָך האָט גענומען דונערן און בליצן, כאָטש דאָס פֿלעגט זיך קיינמאָל נישט טרעפֿן אין אַזאַ שפּעטער צײַט. אַ בלענדיקע קנויל פֿײַער איז אַרײַן אין בית־מדרש, זיך געקוילערט איבער די טישן ווי אַ באַלעם, אַרײַנגעקײַקלט זיך אין אָפֿענעם טירל פֿון אויוון און אַפּגעקומען פֿון דעם קוימען מיט אַזאַ קנאַל, דאָס כמה מענטשן זענען פֿאַרטויבט געוואָרן און געבליבן ווי טויט. פֿון דאַנען איז דער בליץ אַוועקגעפֿלויגן אין תיפֿלה און דאָרט אָנגעטון שאָדנס. די נאַכט פֿון הושענא־רבא איז געשען אַ מעשה נורא: אַ ייִדענע איז אַרויס אָנשעפּן וואַסער און די מזיקים האָבן זי אַרײַנגעוואָרפֿן אין ברונעם, און מ'האָט זי צומאָרגנס געפֿונען ליגן אינעווייניק אַ טויטע, מיטן קאָפּ אַראָפּ און די פֿיס אַרויף. די רוחות רעות האָבן אויך געשעדיקט דעם אַלטן שומר, וואָס האָט בײַנאַכט געהיטן דעם מאַרק, און בײַ אים אַרויסגעריסן אַ האַלבע באָרד.

שמיני־עצרת בײַם דאַווענען האָט זיך פֿון דער העלער הויט צעפּלאַקערט אין בית־מדרש אַ מחלוקת, וואָס אַזוינס איז נאָך ביז דאַן נישט פֿאָרגעקומען אין דער אַלטער קהלה פֿון גאָרײַ. קיין מענטש האָט שפּעטער נישט געקאָנט וויסן באַשייד ווי די שמאַך האָט זיך אָנגעהויבן. טייל האָבן דערנאָך עדות־געזאָגט, דאָס איינער פֿון ר' גדליהס שונאים האָט אים אַ פּליעם געטון אין פּנים. אַנדערע האָבן פֿאַרשפּרייט אַ שמועה, דאָס אין דער גאַנצער זאַך שטעקט די האַנט פֿון יענע־לײַט, דען מ'זאָל האָבן געזען צווישן עולם אַ פֿרעמדן מאַן, וואָס איז דערנאָך נעלם געוואָרן, ווי אין וואַסער. גענוג, דאָס פּלוצים האָט מען דערהערט פֿון אַלע זײַטן קולות און ווײַ־געשרייען, ווי אין אַן אָנגעלויף פֿון רוצחים, און עס האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ וויסט געשלעג און בלוט איז געוואָרן פֿאַרגאָסן ווי וואַסער. די לײַט פֿון דער חבֿריא האָבן זיך געוואָרפֿן אויף די מתנגדים פֿון שבתי צבֿי מיט מכּות־רצח, זיי געביילט, געטרעטן מיט די פֿיס, צושאַנדן געמאַכט מלבושים און טליתים. אויך די נשים אין ווײַבער־שול זענען זיך באַפֿאַלן מיט אכזריות, ווי אַ נישט־גוטס וואָלט זיי אָנגערייצט, אַראָפּגעריסן היבן, צעפֿליקט שאַלן און יופּיצעס, אומדערבאַרימדיק אײַנגעגראָבן זיך מיט די נעגל אין העלדזער און אָנגעפֿילט די שול מיט צאַנקערײַ און יללה. ס'האָט לאַנג געוועדט ביז ר' גדליהן און נאָך אייניקע מיושבֿע לײַט איז געראָטן נאָך פֿיל מי און אַלערליי תחבולות פֿאַנאַנדערצושיידן די צדדים און אײַנצושטילן די געמיטער, וואָרן אַפֿילו זקנים זענען נישט אָפּגעשטאַנען פֿון דעם שטרײַט און זיך באַדעקט מיט קלעפּ. ר' גאָדל חסיד האָט באַקומען אַזעלכע שלעג, דאָס זײַן גאַנץ לײַב איז געווען פֿול מיט וואונדן. עס זענען אויך אין דער מהומה געניזוקט געוואָרן אומשולדיקע קינדער און שלאַפֿע. איז דער חורבן געווען קנאַפּ, האָבן זיך צומאָרגנס, שמחת־תורה, צונויפֿגעקליבן ליידיקע יונגען פֿון פּעבל און אָפּגעטון אומווירדיקע מעשׂים. פֿריער האָבן זיי אַרומגערינגלט די האַרבעריק, ווי גזלנים, און אויסגעזויפֿט אַ פֿעסל מיט אָקאַוויט. דערנאָך האָבן זיי זיך געלאָזט מיט געזאַנג איבער די הײַזער און גערויבט גענדז, טעפּ מיט שמאַלץ, אײַנגעמאַכטס און אַלערליי געטראַנקען, וואָס זענען זיי געקומען אונטער דער האַנט. זיי האָבן אַפֿילו נישט געשוינט ר' גדליהן און געגאַנגען אויך אויף זײַן הויז, נאָר ר' גדליה האָט זיי געפּעדערט מיט קלוגשאַפֿט. איז זיי אַקעגנגעקומען, געלאָזט עפֿענען פֿאַר זיי די אַלמער און די שפּייז־קאַמער און באַפֿוילן, דאָס זיי זאָלן נעמען וואָס זייער האַרץ גלוסט, דען עס איז יום־טובֿ און עס געשיקט זיך צו זײַן בשׂמחה. אַזוי איז ער וואוילגעפֿעלן אין זייערע אויגן און זיי האָבן אים דערום אָנגעטון כּבֿוד און גערופֿן רבי. דערנאָך זענען זיי אַוועק באַטרונקענע אין די הינטער־געסלעך, וואו עס וואוינט דאָס געמיינע פֿאָלק, און האָבן פֿאַרשוועכט דעם הייליקן טאָג מיט זייער פֿאַרשײַטקייט און געטון כּל־התּועבֿות.

פֿון דאַמאָלס אָן איז נישט אַוועק אַ טאָג אָן אַ באַגעגעניש.

סוף חשוון האָט מען אינמיטן דער נאַכט דערהערט דונערן אונטער דער ערד און די הײַזער האָבן זיך געשאָקלט. אין איין שרעק זענען אַלע אַרויס נאַקעט אויף דער גאַס, און הגם דער רעש האָט באַלד אויפֿגעהערט, האָט מען זיך געפֿאָרכט צוריקצוקערן און מ'איז געבליבן אינדרויסן כּמה שעהן. דערפֿון האָט אייניקע אַרומגעכאַפּט אַ פֿאַרקילונג און זיי האָבן געקריגן דאָס קדחת רביעית. שפּעטער מיט עטלעכע טעג האָט מען אויסגעפֿונען, דאָס אין דער מויער פֿון דער שול איז פֿאַראַנדן אַ שפּאַלט פֿון דאַך ביז צום פֿונדאַמענט און מ'האָט גערעדט, דאָס עס איז נישט גלײַך דאָרט צו דאַווענען, וואָרן די ווענט זענען אין סכּנה אײַנצופֿאַלן, און אין שטאָט איז געווען אַ צעמישונג.

as goose eggs, injuring many beasts in the meadow, as well as shepherds. Afterward, it began to thunder and lightning, though that was unusual for this time of year. A blinding spiral of fire twisted into the study house, rolled across the tables, like a ball, swirled into the open oven door, and went out the chimney with so loud a crash that many people were deafened. From the study house the lightning flew off to the church, causing considerable damage. On the night of Hoshana Rabba a dreadful thing happened: A woman who had gone to fetch water was thrown by demons into the well, where she was found dead the next morning, head down and feet up. The evil spirits also molested the old night watchman, tearing off half his beard.

During prayers in the study house on Shemini Atzeret a completely unexpected fight broke out which was without precedent in Goray. Later, no one could tell exactly how it started. Some people stated that one of Reb Gedaliya's enemies had struck him in the face. Others insisted that "the others" had had a hand in the affair, for a strange man was said to have appeared among the congregation, only to slink out of sight later. Whatever the cause, there were sudden shouts and cries of pain, as during a bandit attack, and a wild bloody fight ensued. The Sabbatai Zevi sect hurled themselves murderously at their opponents, whom they beat and trampled underfoot, ruining their clothes and prayer shawls. Even the women, as though devil-driven, attacked one another remorselessly, tearing bonnets, ripping shawls and jackets, savagely digging their nails into flesh, and filling the prayer house with their uproar. It took Reb Gedaliya and a few other sensible persons a long time and a great deal of effort to separate and calm the factions, for even the old people had become involved in the battle. Reb Godel Chasid's entire body was one big bruise. In the turmoil, even children and invalids were injured. And, as though this event were not outrageous enough, the next morning, at the Feast of the Rejoicing of the Torah, a band of idlers gathered together and to begin with took over the tavern, like bandits, consuming a whole barrel of aqua vitae. Then they went from house to house singing and snatching up geese, pots full of fat and preserves, and anything drinkable that they found. Nor did they spare Reb Gedaliya. They hastened to his house also, but he was too cunning for them. He came out to meet them, and opening his closets and pantries bade them take whatever their hearts desired, for it was proper to rejoice on such a day. Thus he won favor in their eyes and they showed him respect, calling him "Rabbi." Then they departed drunkenly to the back streets where the common people lived and desecrated the holiday in other ways.

From that time on, not a day passed without incident or affliction. In the middle of the night, at the end of the month of Cheshvan, the earth was heard to rumble and the houses quaked. Everyone ran terrified into the street, unclothed; although the noise stopped, they remained outdoors for hours, afraid to return to their homes. Several developed colds from this and inflammation of the lungs. A few days later a fault was discovered in the prayer-house wall, extending from the roof to the foundation, and it was rumored to be unsafe to worship there, since the walls might collapse; this produced a new furor in the town.

ט״ז כסליו אינמיטן תפלת שחרית האָט זיך פלוצים געעפנט די טיר פון בית־מדרש און ס׳האָבן זיך באַוויזן אומגעריכטע געסט: ר׳ מרדכי יוסף און ר׳ איטשע מאַטעס, די משולחים. זייער שפּלער בליק האָט אַלעמען געטון דערשטוינען. ר׳ מרדכי יוסף האָט געהאַט שמאַטעס אויף ז׳ פיס, די לענדן זענען געווען אַרומגעהילט מיט אַ זאַק און אַ לאַץ פון זיין טוליק איז געווען אויפגעריסן, ווי ביי אַן אבל. ר׳ איטשע מאַטעס איז געווען באָרועס, פון אויבן ביז אַראָפּ באַדעקט מיט קויט, און זיין פּנים איז געווען שוואַרץ ווי אַ טאָפּ. די לייט פון גאָריי זענען געבליבן געפּלעפט. מחמת פאַרוואונדערונג האָבן זיי נישט געקאָנט עפענען די מיילער און ס׳האָט אויסגעוויזן, ווי זיי וואָלטן פאַרלוירן גאָר דעם דיבור. מען האָט די אורחים דערלאַנגט שלום, נאָר זיי האָבן נישט אָפּגעענטפערט און שטום געוואָרט, ביז דער גאַנצער עולם וועט זיך פאַרזאַמלען אַרום זיי. ערשט דאַן האָט ר׳ מרדכי יוסף מיט איינמאָל אַ שטאַרקן זעץ געטון מיט זיין קוליע אין דיל, גענומען שלאָגן מיט דער לינקער פויסט אין זיין ברוסט און שרייען מיט אַ יאָמערלעך קול:

— יידן, רייסט קריעה! . . . שיט אַש אויף די קעפּ! . . . . אַ גרויסע בראָך האָט אונדז געטראָפן! . . . אַ ביטערער חורבן! . . .

ער איז אַ פאַל געטון צו דער וואַנט, זיך פאַרקייכט, דאָס דער שוים האָט גענומען לויפן איבער זיין מויל, און אַלע זענען אָפּגעטרעטן הינטערווילעכץ. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעריכט און ווידער אָנגעהויבן:

— אַ טערק איז ער געוואָרן! . . . אַ משומד! . . . ווי צו אונדז, דאָס מיר האָבן אַזוינס דערלעבט! . . . ווינד און ווי צו אונדזערע נשמות! . . .

— ווער איז עס, ר׳ מרדכי יוסף? האָבן פיל גערופן מיט אַנגסט, דען מען האָט שוין געאָנט דאָס פורעניות.

— דער משיח סרוח! — האָט ר׳ מרדכי יוסף אַ הויל געטון מיט אַ קוויטשעדיק קול. — שבתי צבי דער מסית ומדיח און שרה די הור! . . . אויסגעמעקט זאָלן זיי ווערן! . . . אין כף־הקלע זאָל מען זיי וואַרפן! . . . די גאַנצע תוכחה אויף זייערע קעפּ! . . . אַלע מכות פון מצרים אין זייערע לייבער! . . .

ר׳ איטשע מאַטעס האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד און פאַרבאָרגן דאָס פּנים. זיין וואַטענער קאַפּטאַן איז געווען פול מיט ריסן און לעכער, די געשוואָלענע פיס — באַקלעבט מיט ליים. גראָבע, געלע טרערן האָבן אַפּגעטריפט איבער זיין באָרד און ער האָט זיך געוויגט אַהין און צוריק, ווי איבער אַ מת. ביי ר׳ מרדכי יוספן זענען די אויגן געווען רויט־צעצונדן, זיינע געדיכטע ברעמען האָבן זיך אויפגעשפּיזט, די צוויטן פון דער פייערדיקער באָרד האָבן זיך געוואָרפן און ער האָט געהאַט אַ צורה ווי איינער פון די דערצערנטע לייבן איבערן ארון־קודש. ער האָט לאַנג געהוסט און געשפּיגן, געפּאַכעט מיט דער האָריקער האַנט און געשלוכצט מיט אַ ניגון, ווי אַמאָל ווען ער פלעגט מאַכן אַ הספּד.

— אַ טאָלפּאַן האָט ער אָנגעטון, דער כלב־שוטה! . . . צו די געצן טוט ער דינען! . . . אַ גרויס ערב־רב האָט זיך אָפּגעשמדט צוזאַמען מיט אים! . . . ווי צו דעם טמא! . . . שאַנד און שמאַך צו אונדז אַלע! . . .

יידן האָבן זיך איינגעבויגן ווי אונטער אַ שווערער לאַסט. אויף אַזוי אַן אויסטערלישער הערונג האָט קיינער זיך נישט געריכט. גלייך אַזוי האָבן די לייט אויסגעזען שנת ת״ח, ווען מען איז געקומען זיי אָנזאָגן די בייזע בשורה, דאָס קאָזאַקן און טאָטערן האָבן שוין אַרומגערינגלט גאָריי . . . אַ יונגערמאַן אַ חלוש איז געוואָרן ווייס ווי קרייד און מ׳האָט געמוזט אים אָנהאַלטן ביי די אָרעמס, ער זאָל נישט פאַלן צו דער ערד. ביי איניקע האָבן זיך די האָר געשטעלט קאַפּויר פון פחד. אַפילו די קינדער זענען פאַרגליווערט געוואָרן אויף זייער אָרט. אַלעמען האָבן פאַרלאָזט די כוחות און מען איז געבליבן שטיין מיט געשטרויכלטע פיס און אָפענע לעפצן. דאַמאָלס האָט פלוצים מיט האַסטיקייט זיך געעפנט די טיר און עס איז אַריין ר׳ גדליה. ער האָט שוין זיכער געוואוסט פון אַלץ, דען ער האָט גלייך אויף דער שוועל גערופן מיט גרימצאָרן און שפּאָט:

— וואָס איז מיט אייך, מרדכי יוסף, איר וויינט, ווי אַ געווינערין!

— דו לעבסט נאָך?! — איז ר׳ מרדכי יוסף קעגן אים אויפגעשפּרונגען. — רשע מרושע! . . . שד! . . .

— בינדט אים! ער איז מטורף! . . .

— פושע באלהי ישראל! נואף! — האָט ר׳ מרדכי יוסף געברילט.

— שבתי חזיר בוקט זיך צו דער עבודה זרה און דו ליגסט מיט אַן אשת־איש! . . .

On the fifteenth day of the month of Kislev, in the midst of the morning prayer, the door of the study house suddenly opened, revealing two unexpected visitors: the emissaries, Reb Mordecai Joseph and Reb Itche Mates. Their abject appearance caused universal distress. Reb Mordecai Joseph's feet were bound with rags, his loins covered with a sack, and one of his coat lapels was rent, as though he were in mourning. Reb Itche Mates was barefoot, his body smeared from head to foot with dirt, and his face pot black. The people of Goray were completely taken aback. They were too shocked to open their mouths; they seemed to have lost the power of speech. Finally, some of the worshipers greeted the newcomers; but Reb Mordecai Joseph and Reb Itche Mates did not respond, remaining silent until the whole congregation had gathered around them. Only then did Reb Mordecai Joseph pound his crutch on the floor and beat his breast with his left fist, screaming: "O Jews, rend your garments! Sprinkle ashes on your heads! A great disaster hath overtaken us! A bitter calamity!"

He fell against the wall, gasping until the foam began to ooze out of his mouth; everyone recoiled from him. Then Reb Mordecai Joseph rose to his full height and began again: "He has become a Turk! An apostate! Woe to us that have lived to see this thing! Alas for our souls!"

"Who do you mean, Reb Mordecai Joseph?" many voices implored him, with an anxious presentiment.

"That foul liar!" Reb Mordecai screamed. "That seducer and inciter, Sabbatai Zevi, and his whore Sarah! May they be blotted out! May they be flung from the hollow of the sling! May every curse in the chapter of curses fall on their heads and every plague that afflicted the land of Egypt plague their bodies!"

Reb Itche Mates seated himself on the floor and hid his face. His kaftan was full of holes and his swollen feet were covered with clay. Large yellow tears dripped down his beard, and he swayed to and fro, as though keening over a corpse. Reb Mordecai Joseph's eyes were inflamed, his thick eyebrows prickly, his fiery beard bristled, and he resembled one of the wrathful lions carved in the woodwork above the Holy Ark. He coughed and spat at great length, beating the air with his hairy hands, and sobbing spasmodically, as at a funeral oration.

"He has put on the fez, the mad dog! He worships idols! A great multitude was converted with him! Woe to the unclean! Shame and disgrace for us all!"

All of the congregation bowed their shoulders, as under a heavy burden. They looked exactly as they had that day in the year 1648 when messengers brought them the evil news that Cossacks and Tartars encircled Goray. A young man who fainted easily turned chalk-white, and his neighbors had to hold him by the arms to keep him from slipping to the ground. Even the children froze in their places. Powerless to move, they all stood where they were on quaking feet and with open mouths. Then suddenly the door was violently opened, and Reb Gedaliya rushed into the study house. He had apparently heard all, for on the very threshold he cried with wrathful mockery:

"What is wrong with you, Reb Mordecai Joseph? Why do you cry like a woman in labor?"

"Are *you* still alive!" and Reb Mordecai Joseph sprang to face him. "Devil!"

"Bind him! He is mad!"

"O, thou that sinnest against the God of Israel! Thou adulterer!" Reb Mordecai Joseph roared. "Sabbatai Pig kneels before idols—and this man lies with a married woman!"

— יידן, ער לעסטערט! — האָט ר׳ גדליה זיך אַ ריס געטון קעגן אים און באַלד האָט מען דערהערט אַ פּאַטש, דאָס עס האָט אָפּ־געהילכט. — ער פליכט משיח ה׳ צבאות! . . .

ר׳ מרדכי יוסף האָט זיך אַ וואַקל געטון, נאָר מ׳האָט אים אָנגעכאַפּט. פון זיין האָריקער רויטער נאָז האָט גענומען שפּריצן דאָס בלוט.

— גע־וואָ־לד! — איז ער זיך פאַרגאַנגען. — גילוי־עריות און שפיכת־דמים! . . . .

— יידן, ער לייגט! — האָט ר׳ גדליה זיך געקערט צום עולם. — אַלץ, וואָס ער בילט, איז שקר וכזב! . . . נישט שבתי צבי האָט זיך געשמדט, נאָר זיין שאָטן! . . . ס׳איז אַ בפירושער זוהר! . . . משיח איז אויפגעגאַנגען אין הימל! . . . אינגיכן וועט ער ווידער נידערן און אונדז אויסלייזן! . . . דאָ האָט איר בריוו! . . . פון אַלע קדושים!...

און ער האָט אַרויסגעצויגן פון בוזים אַ פּאַק בריוו און קונטריסים.

ר׳ מרדכי יוסף האָט מיט אימפּעט זיך דורכגעריסן דורך יענע, וואָס האָבן אים פאַרצוימט דעם וועג, געשליידערט די קוליע אין דער לופט, אַ פלי געטון פאַרויס מיט צעשפּרייטע אָרעמס און מיט אַזאַ כוח, ווי אַ חיה אין איר פאַרציקונג . . . באַלד איז ער געפאַלן מיט דער גאַנצער שווערקייט פון זיין לייב, איינגעקלאַמערט זיך אין דער ערד און מ׳האָט לאַנג דערנאָך פאַרנומען זיין קלאָג:

— יידן, ראַטעוועט אייך! . . . די סטרא־אחרא געוועלטיקט . . . ווייַ־וויי! . . .

"Jews, he is blaspheming!" Reb Gedaliya leaped at Reb Mordecai Joseph and there was the sound of a slap. "He is cursing the Messiah of the Lord of Hosts!"

Reb Mordecai Joseph plunged forward, but he was seized and pulled back. Blood began to flow from his hairy, red nose.

"Woe!" he wailed. "Adultery and bloodshed!"

"Jews, he's lying!" Reb Gedaliya turned to the congregation. "This dog barks lies and deceit. Not Sabbatai Zevi, but Sabbatai Zevi's shadow was converted. There is an explicit passage in the Zohar! The Messiah has ascended to Heaven! He will soon descend and redeem us. Here are letters to prove it! From all the holy men!"

And he drew from his bosom a package of letters and circulars.

Reb Mordecai broke free from the hands of those who were restraining him, threw his crutch into the air, and rushed at Reb Gedaliya with arms outstretched like a beast of prey. But then he fell to earth and lay there hugging the ground and weeping.

"Jews, help! The Evil One triumphs! Woe . . . !"

י

## די בני הימנותא און די מתנגדים

אַלע יידן פון גאָר דער וועלט, פון פוילן און אויך פון גאָריי דער העק, האָבן זיך צעטיילט אויף צוויי צדדים: אויף בני־הימנותא און אויף מתנגדים. דאָס העלישע פייער פון מחלוקת ברענט אין יעדן ווינקל. אויף אַלע יאַרידים איז איין חברותא מחרים די אַנדערע מיט שופר־בלאָזן, טהרה־ברעט און שוואַרצע ליכט. רבנים ווערן אַרויסגע־טריבן אין די זאָקן אָדער אַרויסגעפירט אויף אַ וואָגן מיט אָקסן, ווי דאָס האָט געטראָפן אין כמה שטעט; בכבודיקע לייט ווערן געשמיסן פאַר אַלעמענס אויגן און צו שאַנד־געמאַכט. אַן אַ צאָל משולחים וואַנדערן אַרום איבער די וועגן און טראָגן מיט זיך אָלערהאַנט וואָרע און גע־פעלשטע בריוו. נביאים און מוכיחים וואַגלען פון אָרט צו אָרט און יעדער רעדט לויט זיין נוסח. אין זייער אייפער טוען־אָפּ די קנאים פיל אומרעכט. אין לובלין קומען־אַרויס געשלעגן אין די שולן און בתי־מדרשים, און פוילישע זעלנער מוזן פאַנאַנדערטרייסן די שטרייטנדיקע. אין לודמיר האָבן די קוילערס אומגעבראַכט אַ מלמד, וואָס האָט פאַרווערט צו עסן עשרה בטבת. אין הרוביעשויוו זענען די פאַרגלויבטע אין שבתי צבי געבליבן קנאַפּ אין צאָל. מ׳האָט דערפאַר זיך אָפּגעזונדערט פון זיי, ווי פון קרעציקע, און אויסגעשמירט זייערע טירן מיט פּעך, צום צייכן, דאָס קיינער זאָל נישט איבערטרעטן זייערע שוועלן. מ׳האָט אויך געאַסרט, דאָס קיינער זאָל זיי נישט פאַרקויפן קיין שפּייז, ביז זיי וועלן זיך אומקערן. די ווייניקע, וואָס האָבן זיך באַדענקט, האָבן געמוזט נעמען אויף זיך אַ האַרבע שטראָף, דהיינו: זיי האָבן אָנגעטון צעריסענע קליידער, באַדעקט די קעפּ מיט אַש און זיך אַוועקגעלייגט אין פּאָליש פון שול. דאָרטן האָבן זיי מיט די פויסטן געקלאַפּט אין די הערצער און מיט אַ הויך קול זיך מתוודה געווען אויף זייערע זינד. ווער עס איז אַריינגעקומען אָדער אַרויסגעגאַנגען, האָט איבער זיי אַריבערגעשפּרייזט. אַנדערע האָבן זיי אויך אָנגעשפּיגן אין פּנים . . .

ס׳זענען פאַראַנדן אין פוילן וויכטיקע לייט, וואָס האָבן געפּרוּאווט זיך אַריינצולייגן אין שלום, אָבער זיי זענען באַלד אויך פאַרפּלאָנטן געוואָרן אין דער נעץ פון קריגעריי און נאָך געמערט פונאַנדערצובלאָזן דעם פלאַם. אַ פּחד האָט אַרומגעכאַפּט אַלע גדולי־ישראל, דען ס׳איז געווען אַ סכנה, דאָס אַ גרויסע מחנה אָפּטריניקע זאָל זיך אָפּזונדערן פון יידישן שטאַם, ווי די קראים אין די צייטן פון ענן. פון אַלע ישובים האָבן דערגרייכט שמועות וועגן יהודים, וואָס שמדן זיך צוזאַמען מיט זייער הויזגעזינד. אַ סך האָבן אַליין זיך אָנגעטון אַ מיתה, ווי דאָס איז פאַרלאָפן אין ירושלים, אַלטונע, ווילנע און נאָך פיל אַנדערע מקומות.

אויך די שבתאים צווישן זיך זענען נישט אייניק געווען אין זייער דעה און זיך צעפאַלן אויף אַלערליי כתות.

## 10

### *The Faithful and Their Opponents*

Jews everywhere divided into two factions: that of Sabbatai Zevi, and their opponents. Controversy flamed; at every fair the two sects excommunicated each other with the threefold ritual of ram's horn blast, purification board, and black candles. Rabbis were driven from their communities in their stockinged feet, or made to ride in ox-drawn wagons; men of dignity were flogged publicly and humiliated. Numerous legates journeyed about, carrying letters, both authentic and spurious. Traveling prophets and preachers delivered individual versions of the gospel.

Zealots on both sides were guilty of injustices. In Lublin there were fights in the prayer houses, and Polish soldiers had to separate the participants. In Ludomir the slaughterers thrashed a schoolteacher who forbade people to eat on the Tenth of Tebet. In Hrubishev, only a few persons continued to believe in Sabbatai Zevi, and they were avoided, like lepers, their doors painted with pitch, to signify that none was to cross their thresholds. Moreover, the townspeople banned the sale of food to the Faithful, until they should return to the true faith. The few believers who did repent were treated harshly—they were required to dress in tatters, to cover their heads with ashes, and, lying on the floor of the prayer house anteroom, to pound their breasts while loudly confessing their sins. Everyone who entered or left the study house had to step over them. Some of the worshipers spat in their faces as well.

Certain men of stature in Poland attempted to play the role of peacemaker, but they too became entangled in controversy soon enough and concluded by inciting it even further. The great among the Jews dreaded a widespread desertion of the Jewish faith, as in the days of Anan and the Karaites. It was reported that whole families were being baptized, in every Jewish settlement. Some of the Faithful in such great communities as Jerusalem, Altona, and Vilna committed suicide.

The Faithful themselves were divided into two groups.

אײן כּתּה האָלט, אַז דאָס דור מוז װערן כּולו זכּאי. די דאָזיקע לײט פאַסטן תּעניתים און שײדן זיך אָפּ פון די װײבער. זײ דערמאָנען דעם נאָמען שבתי־צבי נישט װײניקער פון הונדערט מאָל אין טאָג און קריצן־אויס די אותיות ש און צ אויף די בײשטידלעך און אויף די פענצטער, צוקאָפּנס פון די בעטן און אפילו אויפן לײב. זײ גלויבן, דאָס שבתי צבי איז אויפגעגאַנגען לעבעדיקערהײט אין עולם־האצילות, און דער משומד, װאָס זיצט אין סטאַמבול און האָט גענומען פאַר אַ װײב אַ ישמעאלית, איז דער אשמדאי. אַן אַנדער כּתּה װײזט אויף, דאָס אײדער משיח װעט אַנטפּלעקט װערן, מוז ער פריער אַרײַן צװישן די חיצונים, אַרויסצוציען פון דאָרטן די נציצות דקדושה, װי ס'שטײט בפירוש אין תּיקוני־זהר : טב מלגאַו וביש מלבר. אויך דער נביא האָט שוין אויף אים פאָרויסגעזאָגט : ואת פּושעים נמנה. לויט זײער דעה מוז דאָס דור פאַר דער אויסלײזונג װערן כּולו חייב און זײ פלײסן זיך דערום צו פאַרדאַרבן גרויס און קלײן. זײ קומען באַהאַלטענערהײט אויף עריות, עסן חזיר און אַלערלײ אומרײנקײטן און טוען פאַרבאָרגענערהײט אב־מלאכהס אין שבת. אין שעברעשין האָט אײנער פון זײ אָפּגעגאָלט באָרד און פּאות מיט אַ גאָל־מעסער. אין קראַשניק האָט מען אין מיטן דער נאַכט אויפגעבראָכן די שול און גרײזיק געמאַכט די ספר־תּורהס, װי אויך אויסגעמעקט שמות. די סופרים לײגן אַרײַן אין די בתּים פון די תּפילין צואה. מען פסלט די מקװות, כּדי ײדן זאָלן ליגן מיט נדהס. מ'װאַרפט אונטער אין הײזער פון כּהנים גלידער פון טויטע. מ'גײט־אום פון שטוב צו שטוב און מ'טוט אַרײַן טראָפּנס חלב אין די טעפּ, טריף צו מאַכן דאָס עסן. דער שוחט פון קרעשעװ האָט אײגנס געלאָזט פּגימות אין חלף, דאָס פלײש זאָל זײַן נבלה, און ער האָט מל־געװען די נײ־געבוירענע אָן פּריעה, זײ זאָלן בלײַבן ערלים. װען די זאַך איז באַװוּסט געװאָרן, האָט מען באַנאַכט אַרומגערינגלט זײַן הויז זיך אָפּצורעכענען מיט אים און אים צו פאַרגעלטן, װי ער האָט פאַרדינט, נאָר ער איז אַנטרונען נאַקעטערהײט און עס איז נישט באַקאַנט געװען װאו זײַן געבײן איז אַהינגעקומען. כּדי צו פאַרשפּרײטן צאַנקערײ און פײַנטשאַפט, טראָגן זײ אָפּ רכילות צװישן מאַנסלײט און װײַבער און זײ ברענגען אָפט צו מעסער־שטעך. פרײטיק־צו־נאַכטס לײגן זײ אונטער פײַער, דאָס די הײַזער זאָלן זיך אָנצינדן און ײדן זאָלן אַזוי־אַרום פאַרשװעכן דעם הײליקן שבת. אויף װײַבער ציען זײ אַרויס אַ רוף, דאָס זײ האָבן מזנה געװען, און זײ דערפירן צו אַ גט. עס טרעפט, דאָס זײ לײדיקן אויס די צדקה־פּושקעס און קויפן פאַר דעם געלט װײַן, װאָס איז געגאָסן געװאָרן פאַר דער עבודה־זרה. אין זײער מוטװיליקײט זענען זײ נאָך עוסק אין קבּלה־מעשית און אין שמות. זײ באַשװערן אויך מתים און זינקען אין כּישוף.

גאָרײ איז אָפּגעריסן פון דער װעלט, פאַראָרעמט און הויל. פונדעסטװעגן הערט דאָ נישט אויף די קריגערײ און טוט זיך שטאַרקן פון טאָג צו טאָג.

ר' מרדכי יוסף, ר' גאָדל חסיד און נאָך אַנדערע האָבן זיך דערװײטערט פון דער חבריא און טוען תּשובה אויף דעם, װאָס זײ זענען פאַרפירט געװאָרן נאָך דעם פאַלשן גואל. ר' גאָדל חסיד האָט אָנגעטון פאַרפוילטע קלײדער און לאָזט יעדן פאַרנאַכט זיך שלאָגן מלקות מיט אַ רימען אויסצוקויפן זײַנע זינד. ער פאַסט ביזן אָװנט און לעגט אונטער זײַן האַרץ בלויז מיט אַ פּעני־ך ברויט און אַ קנאָבל. ר' מרדכי יוסף

One group asserted that the Messiah would not appear until the generation had become completely virtuous. Those persons fasted in penitence, and shunned intercourse with their wives. They mentioned the name of Sabbatai Zevi no less than one hundred times each day, and incised the letters S and Z on their *mezuzot* and windows, on the headboards of their beds, and even on their flesh. They were convinced that Sabbatai Zevi, though a living man, had passed into the World of Emanation, and that the apostate who resided in Stamboul and had taken an Ishmaelitish wife was the demon Ashmodai.

The other group argued that before the Messiah could be revealed he had to enter the Nether Sphere, in order to draw from it the sparks of holiness; there was an explicit text to this effect in the appendix to the Zohar—to wit: *Tov Milgav Ubish* (outwardly evil, inwardly virtuous). Furthermore, the prophet Isaiah had foretold this: "And he shall be reckoned with the sinners." According to those who supported this interpretation, the generation before redemption had to become completely guilty; consequently, they went to great lengths to commit every possible offense. They were secretly adulterous, ate the flesh of the pig and other unclean foods, and performed those labors expressly forbidden on the Sabbath as most to be avoided. In Szebreszin, one such believer shaved off his beard and earlocks with a razor. In the middle of the night, another broke into the prayer house of Krasnik and corrupted the Torah scrolls by scratching out the name of God. Scribes laid filth in the phylactery boxes that contained verses from the Bible. Other believers defiled the bathhouses, so that the women could not clean themselves properly, and their husbands had to lie with them in their unclean state. Still others threw limbs of corpses into the homes of those of priestly descent, who, as a result, were contaminated. Others went from house to house stealthily putting lard in the pots, thus polluting the food cooked in them. The slaughterer of Kreshev, in order to render slaughtered beasts unkosher, kept his knife unmended; moreover, when he circumcized the new-born, he actually prevented circumcision by not removing the membrane of the corona. The night these things were discovered, the townspeople vengefully surrounded the slaughterer's house. But he slipped away, and his end was unknown. Others of the Faithful spread dissension and calumny. They bore tales to husbands about their wives, and to wives about their husbands; thus frequently incurring violence.

They compelled the pious to desecrate the Sabbath by putting out fires started on Friday night. Divorce often resulted from their rumors of adultery concerning married women. They did not disdain emptying the charity boxes and buying wine to sacrifice to their idols. Their impulse toward corruption led them even to black magic and the conjuring up of the dead.

Though remote from the world, impoverished and bare, Goray found that the dispute did not cease with the conversion of Sabbatai Zevi, but rather increased daily.

Reb Mordecai Joseph, Reb Godel Chasid, and many others abandoned the Faithful and did penance for having succumbed to the seduction of the false redeemer. Reb Godel Chasid dressed in rags and had himself flogged every afternoon, in order to be cleansed of his sin through suffering. Fasting all day until nightfall, he then ate only a bit of bread and

גייט אום פון שטוב צו שטוב און העצט קעגן דער חבריא. ער דערציילט וועגן דער פאַרוויסטונג, וואָס זיי האָבן אַריינגעבראַכט אין אַלע יידישע ישובים, רעכנט־אויס זייערע חטאים, וואָרנט מען זאָל זיך נישט באַהעפטן צו זיי, דען זיי זענען טמא. בלויז אויף רעכעלען פאַרמיידט ער צו רעדן שלעכטס. ר׳ איטשע מאַטעס זיצט פאַרקייטלט אויפן גאָרן אין זיין שווערס הויז און שרייבט זיינע כתבים. ער דאַוונט נישט מיט מנין און קומט זעלטן אַרויס אינדרויסן. קיינער ווייסט נישט ווי ער דערנערט זיך, וואָרן קיין געשאַנקען וויל ער נישט צונעמען און מ׳שמועסט, דאָס ער באַשאַפט טויבן פון ספר־יצירה . . .

ר׳ גדליה און לוי זענען נאָך אַלץ די קעפּ פון דער שטאָט און אירע פירער. זיי האָבן אויסגערופן אַ חרם אויף ר׳ מרדכי יוספן און זיינע העלפער, דאָס קיינער זאָל זיך נישט דערנענטערן צו זיי אין זייערע פיר איילן. אַ סך ספרים פון בית־המדרש האָבן זיי אַרויסגענומען און פאַרברענט אָדער באַגראָבן, און איבערגעלאָזט בלויז ספרי־סוד. אויף ר׳ מרדכי יוספן האָבן זיי אָנגעשטעלט שאַלקהאַפטיקע יונגען זיי זאָלן אים שלאָגן. זיי האָבן געלאָקערט אויף אים הינטערן באָד, ווען ער גייט טון זיין געברויך. דאַמאָלס האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף אים, געטרעטן אים מיט די פיס, אים געוואַלגערט אין מיסט און אַזוי לאַנג זיך געלאָזט וואוילגיין איבער אים, ביז ער איז געבליבן ליגן ווי טויט. ערשט נאָך שעהן האָט אים געפונען די טיקערין און מען האָט אים אָפּגעמונטערט. זיינע מלבושים זענען געווען אויסגעווייקט מיט בלוט און בידע אויגן זענען געווען אונטערגעהאַקט. שפּעטער מיט עטליכע טעג האָט מען געצוואונגען דורך קלעפּ ר׳ איטשע מאַטעסן ער זאָל אָפּגטן זיין אשה רעכעלע, הגם דער טייך פון גאָריי האָט צוויי נעמען און עס איז אַ חרם מקדמונים דאָ נישט צו שרייבן קיין גט. ר׳ גדליה האָט אויך נישט אָפּגעוואַרט די ניינציק טעג, ווי דער דין איז, נאָר באַלד צומאָרגנס געשטעלט מיט איר אַ חופּה און אַזוי אַרום אָפן געוויזן, דאָס ער איז אַן עובר על דת.

פון דאַמאָלס אָן האָט די הפקרות אַרומגענומען גאַנץ גאָריי און די שטאָט איז געפאַלן אַלץ טיפער אין אָפּגרונט, וואָרן די לייט זענען זיכער געווען, דאָס יעדע עבירה איז אַ שטאַפּל צו לייטערונג און דערהויבונג און זיי זענען געזונקען אין מ״ט שערי־טומאה. בלויז געציילטע זענען געשטאַנען פונדערווייטנס און האָבן צוגעזען ווי דער שטן טאַנצט אין די גאַסן פון דער הייליקער קהלה.

אומווירדיק זענען די מעשים, וואָס ווערן אָפּגעטון. מ׳דערציילט, דאָס יעדע נאַכט נעמט זיך צונויף די חבריא אין אַ מקום מיוחד; דאָס ליכט ווערט פאַרלאָשן און אין דער פינצטער ליגט מען מיט פרעמדע ווייבער. ר׳ גדליה זאָל אָן דעם וויסן פון זיין אשה רעכעלע אויסבאַהאַלטן ביי זיך אַ גויע אַ זונה, וואָס איז אייגנס צוגעשיקט געוואָרן פון דער כת אין זאַמאָשטש. אויף זיין ברוסט הינטערן טלית־קטן העגנט אַ קופּערנער צלם און אין טאַש פון זיין בוזעם איז פאַרבאָרגן אַ יויזל. באַנאַכט קומען צו אים לילית און אירע באַדינערינס און ער איז זיך מיט זיי מטמא. שבת־צונאַכטס טוט ער אָן רויטע קליידער און אַ טאַלפּאַן, ווי אַ טערק, און גייט אַרויס צוזאַמען מיט זיינע תלמידים צו דער חורבה פון אַלטן שלאָס. דאָרט באַווייזט זיך צו זיי דער ס״ם און אַלע צוזאַמען בוקן זיך צו אַן אָפּגאָט פון ליים. דערנאָך טאַנצן זיי אַרום מיט שטורקאַצן. אויך ר׳ יוסף דילה־רינה קומט אַהין פון הר־שעיר אין געשטאַלט פון אַ שוואַרצן הונט. דערנאָך גייען אַלע אַריין אין די געוועלבונגען פון שלאָס און עסן דאָרטן אַ סעודה פון אבר מן החי, דהיינו: זיי רייסן שטיקער פון לעבעדיקע עופות און פאַרצערן דאָס צוזאַמען מיטן בלוט. נאָך דער סעודה באַשלאָפן פאָטערס זייערע טעכטער, ברידער — שוועסטער, זין — די מוטערס. נעכעלע לויס גייט אַרום אינגאַנצן נאַקעט און אין די אויגן פון אַלע פאַרזאַמלטע און פון איר מאַן ענטפערט זי זיך איבער צו אַ בעל־עגלה . . .

garlic. Reb Mordecai Joseph went from house to house agitating against the Faithful. Describing the desolation that followed them everywhere, he gave a long account of their misdeeds, and warned the householders against joining them. Rechele was the only one of the Faithful whom Reb Mordecai Joseph would not vilify. Reb Itche Mates sat locked in an upper-floor room of his father-in-law's house, inscribing his scrolls. He did not pray with the prayer quorum and seldom came outside. No one knew how he subsisted, for he would accept no gift; it was rumored that doves he produced by incantations from the Book of Creation were his food.

Reb Gedaliya and Levi were still leaders of the town. They excommunicated Reb Mordecai Joseph and his supporters, ordering everyone to remain at a distance of four ells from them. Reb Gedaliya and Levi removed many books from the study house and either burned or buried them; all that remained were volumes of cabalistic mystery. Then they stirred up hoodlums to ambush Reb Mordecai Joseph behind the bathhouse when he came out to relieve himself. They fell upon him, trampled him with their feet, rolled him in the dung, and beat him mercilessly until they thought him dead. Not until many hours later did the bathhouse attendant find Reb Mordecai Joseph, his clothing blood-soaked, and both his eyes blackened. A few days later these very same men compelled Reb Itche Mates to consent to divorce his wife Rechele—nor did they mind that the river of Goray had two names, and that the tradition was that no bill of divorcement could be written in the town. As for Reb Gedaliya, he did not wait the legal ninety days; the very next morning he stood with Rechele under the wedding canopy, thus openly demonstrating his contempt for the Talmud.

From that time on, Goray indulged in every kind of license, becoming more corrupt each day. Assured that every transgression was a rung in the ladder of self-purification and spiritual elevation, the people of Goray sank to the forty-nine Gates of Impurity. Only a few individuals did not join in but stood apart watching Satan dance in the streets.

And the deeds of the Faithful were truly an abomination. It was reported that the sect assembled at a secret meeting place every night; extinguishing the candles, they would lie with each other's wives. Reb Gedaliya was said to have secreted a whore sent him by the sect in Zamość somewhere in his house without the knowledge of his wife, Rechele. A copper cross hung on his breast, under the fringed vest, and an image lay in his breast pocket. At night Lilith and her attendants Namah and Machlot visited him, and they consorted together. Sabbath eve, dressing in scarlet garments and a fez, like a Muslim, he accompanied his disciples to the ruins of the old castle near Goray. There Samael presented himself to them, and they all prostrated themselves together before a clay image. Then they danced in a ring with torches in their hands. Rabbi Joseph de la Reina, the traitor, descended from Mount Seir to join them in the shape of a black dog. Afterward, as the legend went, they would enter the castle vaults and feast on flesh from the living—rending live fowl with their hands, and devouring the meat with the blood. When they had finished feasting, fathers would know their daughters, brothers their sisters, sons their mothers. Nechele, Levi's wife, strolled about unclothed, consorted with a coachman before the eyes of all the company—and of her own husband too. . . .

א מערת־פריצים איז געווארן גאריי, א שטאט, וואס איז פארשאלטן פון גאט און פון לייט. די אלטע בעלי־הבתים האבן פארכט פון שטוב ארויסצוקומען, דען אויך די קינדער זענען צוגעשטאנען צו דער כת און זיי ווארפן שטיינער אויף די מתנגדים. מען טוט זיי אפ אלערליי צו־להכעיסן. אויף זייערע שטעט אין בית־המדרש קלאפט מען אן נעגל, זיי זאלן צערייסן די מלבושים; מען שניידט זיי אפ די ציצית, מען שעדיקט זייערע ציגן. אנומלט האבן עכברושים ארייגעגאסן צו איינעם דורכן קוימען אן עמער מיט טנופת און פאראומרייניקט דאס געשיר און דאס געקעכטס. דאס רשעות גרייכט אזוי ווייט, דאס מען שיקט מסירות, מ'פארפלעקט סחורות מיט אייל, מ'איז זיך נוקם אין קליינע קינדער. וואוילע יונגען האבן אין א הינטער־גאס געלויערט אויף אן אשה, וואס האט צוריקגעקערט פון טבילה, און זיך געווארפן אויף איר זי מאנס צו זיין. ערשט ווען זי האט באגונען צו שרייען, זענען די פושעים אנטרונען, און דער חילול־השם איז געווען גרויס, דען אין די

דערפער ארום האט מען שוין גערעדט, דאס די יהודים האבן פארראטן זייער גלויבן און געווארן נייערט ווי די ציגיינער און ראבירער. די גלחים האבן גערייצט דאס פינצטערע פאלק און פארויסגעזאגט, דאס אינגיכן וועלן זיך צונויפנעמען אלע גלויביקע נוצרים מיט שווערד און שפיז און פארטיליקן די יידן מיט ווייבער און קינדער, און ס'וועט פון זיי חלילה נישט איבערבלייבן קיין געדעכעניש . . .

Goray became a den of robbers, an accursed town. The old residents were afraid to leave their homes, for children, who were also numbered among the Faithful, threw stones at the rival group. The children were particularly spiteful. They placed nails on the prayer-house seats of the old residents, causing them to tear their clothing; they cut the fringes of their prayer shawls, and molested their goats. Some boys even poured a bucket of slop down the chimney of a house and contaminated the vessels and food. The Faithful went so far as to write the government, charging their opponents with disloyalty, and they spilled oil on their goods; they even avenged themselves on small children. A woman who was returning from the bathhouse was ambushed in a back street by some hoodlums who attempted to rape her. She screamed and they ran away.

God's name was everywhere desecrated. In the villages the peasants already complained that the Jews had betrayed their faith and were behaving exactly like gypsies and outlaws. The priests were inciting the masses to a holy war. They foresaw all devout Christians gathering together, sword and spear in hand, to exterminate the Jews, man, woman, and child, so that not a trace should be left of the people of Israel (God save us!).

## יא

## די קדושה און די טומאה

זינט רעכעלע די נביאהטע האט זיך דערוואוסט פון דער שמועה, דאס שבתי צבי האט אנגעטון דעם טאלפאן, האבן הייליקע מלאכים אויפגעהערט זיך צו אנטפלעקן פאר איר. זי ליגט יעדע נאכט לאנגע שעהן אין איר הימלבעט, רעדט ארויס שמות און ווארט אויף א חזיון. זי רופט־אן נעמען פון שרים און שרפים, איז מכוון מיט איר געדאנק צום שר־הפנים מטטרון, און טוט פארגיסן איר געבעט, ביז די לעפצן ווערן מאט און די קרעפטן פארלאזן זי. פונדעסטוועגן ווערט זי נישט געענטפערט. ערשט נישט לאנג פלעגן זי אפט באזוכן בת־שבע און אביגיל און געלערנט מיט איר פארבארגענע לערנונגען. אין האלבן דרימל האט זיך באוויזן צו איר יוסף הצדיק אין זיין שיינער געשטאלט און זי ארומגעפירט איבער אלע היכלות. ער האט איר געלאזט זען דאס גן־עדן און די טויערן פון גיהנום, די אוצרות־שלג און די דריי הונדערט און צען וועלטן, וואס די רעכטפארטיקע זענען אנגעברייט צו ארבן. פון צופיל קלעטערן איבער די עולמות פלעגט זי אויפשטיין מיט אפגענומענע פיס. איצט איז רעכעלע אראפגעפאלן אין קטנות־דמוחין. מחמת צער קאן זי מער נישט עסן די פעניצלעך לעקעך, וואס טשינקעלע טראגט איר צו, און פארזוכט נישט פון דעם זיסן ווייז און די אנדערע דערקוויקענישן. זי וואשט נישט די הענט, מאכט נישט קיין ברכה און דאוונט נישט, הגם זי גארט תפלה צו טון. איר לייב, וואס האט לאנגע חדשים נישט פארלוירן די היץ, איז קאלט און ווערט פון מאל צו מאל באדעקט מיט א קילן שווייס. די שפראצנדיקע האר אויף איר אפגעגאלטן קאפ שטעכן און טוען־וויי, די באקן זענען הויל, די אויגן — גרעסער און אונטערגעשלאגן. שוין עטלעכע טעג ווי איר גומען איז כסדר טרוקן, די צונג איז פרעמד און פילט־אויס דאס גאנצע מויל, די ציין זענען הייליק, ווי זי וואלט געגעסן זויערס, די פיס - - שווער און הילצערן. דער בויך האט זיך איר אויפגעבלאזן, ווי ער וואלט פול געווען מיט ווינט . . .

## 11

*The Sacred and the Profane*

Ever since Rechele had heard that Sabbatai Zevi had donned the fez, the holy angels had ceased appearing before her. She lay in her canopy bed long hours every night, reciting holy names and awaiting a vision. She invoked cherubim and seraphim, meditated on Metatron, the Lord of the Face, and petitioned him until her lips grew weary and her strength lapsed. But there was no reply. Just recently Bathsheba and Abigail would visit her and they would study the mysteries together. When she was half-asleep, Joseph the Righteous would appear in all his beauty and grace and lead her through the heavenly mansions. He showed her the Garden of Eden and the Gates of Gehenna, the Treasures of Snow, and the Three Hundred and Ten Worlds to be inherited by the pious. When she awoke her legs would ache from so much climbing about in the celestial spheres. But now her thoughts were barren. In her sorrow she could not touch the morsels of honey cake that Chinkele set before her, or taste the sweet wine or other delicacies. She did not wash her hands, or recite the blessing over food, or pray, though she yearned for prayer. Her body, which had long ago lost its heat, would break out intermittently in perspiration. The hair sprouting on her shaven head pricked and hurt, her cheeks were hollow, her eyes dilated and her eyelids puffed. For the last few days her palate had been constantly dry, her tongue felt odd—it seemed entirely to fill her mouth; her teeth were set on edge as though she had eaten something sour; her legs were stiff and cumbersome. As though blown up with wind, her belly was distended.

At the beginning Reb Gedaliya tried to reason with Rechele and solace her. He explained that she had fallen from a high rung only to climb above it; he attempted to strengthen her with his words and to raise her spirits. Borrowing a fiddle, he played a Sabbath night melody for her in the middle of the week. He dispatched a messenger to buy her a necklace and bracelet, and invited the young wives to enter her room without asking permission and entertain her with merriment. He even sent Levi to Rechele to clarify the new ways of serving God and explicate the verse: "And I shall dwell with you in the midst of your uncleanliness." But Rechele greeted Levi with unrecognizing eyes, and was inattentive. Her soul seemed to be elsewhere.

Rechele experienced mysterious and terrifying things. Though her room was heated twice a day, she suffered constantly from cold chills that seemed to her to emanate within. Often her heart palpitated like a living creature; something contracted, coiled, and twisted like an imbedded snake in the recesses of her being. Her arms and legs were feeble, and loose in their joints. Her head hung down weakly, and she could not raise it. With nightfall she collapsed on her bed, where she remained in a trance for several hours. Her skull seemed to be filled with sand, her mouth was agape. She always woke at the same moment, in a panic, as though deathbed watchers had brought her back to life with their screams. Her throat was narrow and swollen, almost strangled; her congealed blood slowly warmed and began to flow again through her veins. It would seem to Rechele that her body had actually died and gradually was reviving.

But what had happened to Rechele the prophetess? Piety and the grace of God had left her. She had lost all inclination to study the holy books, and lacked interest in worldly affairs. She received visitors coldly, and confused their names. She had ceased to bathe every morning and no longer wore her finery. For a long time now someone inside her had been thinking twistedly, someone had been asking questions, and replying—as though a dialogue went on in her mind, complicated, tedious, with neither start nor conclusion. For days and nights on end the argument extended. Lofty words were spoken, the Torah was explained meticulously, as well as secular works; the disputants were obdurate. Often Rechele tried to comprehend the grounds of the dispute and later to recall them; but they were elusive, like words in a dream. Sometimes it seemed to Rechele that these things were only occurring within her; at other moments she saw visions that appeared and disappeared in an instant, leaving her uncertain as to what had actually happened. Once Rechele distinguished one of the disputants crying:

"God has died! The Husk shall reign for ever and ever!"

It was a tall man who said this, ash-gray, terrifying, cobwebby. Long strands of hair hung from his head; an evil, mocking smile swept across his pitted, discolored countenance. Soon after he had spoken, another voice chanted the verse from the Passover Haggadah:

"I am the Lord! I am He, and no other!"

The sacred and the profane were engaged in a disputation. The sacred had a face, but no body. The Face was flushed, as after the bath, had a white beard and long, blown earlocks. A velvet skull cap sat on its high forehead. The Face swayed in prayer; it spoke

אין אָנהויב האָט ר' גדליה געפּרואווט צו רעדן צו רעכעלעס האַרץ און זי טרייסטן. ער האָט איר אויפגעוויזן, דאָס זי איז אַראָפּגעפאַלן פון דער מדרגה, צו קאָנען שפּעטער אויפגיין העכער, זי געשטאַרקט מיט רייד און זיך געמיט איר פריילעך צו מאַכן. ער האָט געליען אַ פידל און אינמיטן דער וואָך איר אויפגעשפּילט אַ המבדיל. ער האָט געשיקט אַ שליח איר צו קויפן קרעלן און אַן אַרעם־באַנד, און באַפוילן די יונגפרויען זיי זאָלן אַריינגיין אין איר חדר אָן רשות און זי אויפהייטערן מיט געלעכטער און שפּאַס. ער האָט אַפילו געשיקט צו איר לוין, ער זאָל איר קלאָר מאַכן די נייע וועגן פון גאָטס דינסט און איר אויסטייטשן דעם פּסוק ושכנתי אתכם בתוך טומאתכם. נאָר רעכעלע האָט אים אָנגעקוקט מיט געלע אַרויסגעזעצטע ווייסלען, ווי זי וואָלט אים נישט דערקענט, און נישט געטון אויף אים קיין אַכט. ס'האָט אויסגעזען, גלייך איר געמיט וואָלט אַרומגעשוועבט ערגיץ אין ווייטענישן, וואוהין זיינע ווערטער דערגרייכן נישט.

אומהיימלעכע זאַכן טרעפן מיט רעכעלען. כאָטש איר שטוב ווערט צוויי מאָל אין טאָג געהייצט, שפּירט זי תמיד אַ שוידער און עס דוכט זיך איר אויס, ווי די קעלט וואָלט געקומען פון איר אייגענעם לייב. אָפט נעמט דאָס האַרץ זיך וואַרפן אין איר ברוסט, ווי אַ לעבעדיק באַשעפעניש; אין איר אינגעווייד שרומפּט זיך עפּעס און טוט זיך קנוילן און דרייען, ווי אַ שלאַנג וואָלט דאָרטן געזעסן. די גלידער זענען אָפּגעשלאַפט און זיצן לויז אין די געלענקען. דער קאָפּ הענגט אַראָפּ און זי האָט נישט קיין קראַפט אים פעסט־צו־האַלטן. גלייך ווי ס'ווערט אָוונט, פאַלט זי אַוועק אויפן בעט און בלייבט ליגן עטלעכע שעה ווי פאַרחלשט. דער מוח אונטערן שיידל ווערט מירביק, ווי זאַמד, דאָס מויל אויפגעריסן. זי כאַפּט זיך אויף שטענדיק אין דער אייגענער רגע, פּלוצים און מיט גרויס פּחד, ווי מ'וואָלט זי צוריקגעשריגן. די שלונג אין איר האַלדז איז ענג און געשוואָלן, ווי מ'וואָלט זי געוואָרגן, דאָס פאַרגליווערטע בלוט גייט־אויף און הויבט ווידער אָן צו רינען אין אירע אָדערן. רעכעלע פילט דאַמאָלס באַשיינפּערלעך, דאָס איר גוף איז געווען אָפּגעשטאָרבן און קערט ביסלעכווייז צוריק צום לעבן.

וואָס איז געוואָרן מיט רעכעלען דער נביאהטע? אָפּגעטון איז פון איר די פרומקייט און די לייטזעליקייט. זי האָט פאַרלוירן די לוסט צו קוקן אין ספרים און איז נישט נייגעריק צו די פאַרלויפענישן אויף דער וועלט. די לייט, וואָס קומען צו איר, נעמט זי אויף מיט קאַלטקייט און פאַרבייט זייערע נעמען. זי האָט אויפגעהערט צו באָדן יעדן פרימאָרגן איר לייב אין וואַסער, ווי איר שטייגער איז געווען ביז איצט, און האָט אויסגעטון אירע תכשיטין. שוין אַ לענגערע צייט ווי עמעץ טראַכט אין איר אַ פאַרווירט טראַכטעניש, עמעץ פרעגט אין איר און עמעץ ענטפערט־אָפּ, ווי אַ וויכוח וואָלט געפירט געוואָרן אין אירע געהירן, אַ לאַנגער, אַ פאַרוויקלטער, אַן איבערדריסיקער, אָן אַן אָנהויב און אָן אַ סוף. גאַנצע טעג און נעכט ציען זיך די טענות. הויכע רייד ווערן גערעדט, מען ושמועסט מיט אייפער דברי־תורה און וואָכעדיקע זאַכן, מען שפּאַרט זיך האַרטנעקיק. אָפט פּרואווט רעכעלע אויפכאַפּן דאָס אַמפּערניש און עס פאַרגעדענקען, נאָר עס האָט נישט קיין אָנהאַלט, ווי די ווערטער, וואָס קומען קאַפּויר אין חלום. טיילמאָל דוכט זיך איר, דאָס די זאַכן טוען זיך בלויז אין איר; אַן אַנדער מאָל זעט זי זעאונגען, וואָס באַווייזן זיך און פאַרשווינדן אין איין אויגנבליק און זי ווייסט נישט, וואָס עס איז געווען. בלויז איינמאָל האָט רעכעלע דערהערט ווי איינער פון די צדדים האָט אויסגערופן:

— גאָט איז געשטאָרבן! . . . די קליפּה וועט קיניגן לעולם ועד! . . .

אַ הויכער מאַן האָט דאָס אַרויסגערעדט, אַן אַש־גרויער, אַ פּחדימדיקער און אַזוי ווי ער וואָלט געווען אייטל שפּינוועבס. לאַנגע קודלעס האָבן אַראָפּגעהאָנגען פון זיין קאָפּ און אויף זיין נישט־ממשותדיקן, געלעכערטן און געפלעקטן פּרצוף האָט געשוועבט אַ בייזער שמייכל, אַ מאוימדיקער און פול מיט שפּאָט. באַלד דערנאָך האָט עמעץ אַ זינגגעטון מיטן ניגון פון דער הגדה:

— אני ה'! . . . אני הוא ולא אחר! . . .

די קדושה און די טומאה פירן צווישן זיך אַ שטרייט. די קדושה האָט בלויז אַ פּנים, אָן אַ גוף. דאָס פּנים איז דערהיצט, ווי נאָכן מרחץ, האָט אַ ברייטע ווייסע באָרד און לאַנגע צעפלויגענע פּאות. איבערן הויכן שטערן זיצט אַ סאַמעטענע יאַרמלקע. דאָס פּנים שאָקלט זיך און

דאַוונט; ער זאָגט מיט ברען, ווי אַמאָל ר' בינוש, און לערנט מיט אַ ניגון; עס פרעגט קשיות און ענטפערט תירוצים; עס דערציילט פרומע מעשיות צו שטאַרקן די אמונה און קריגט זיך מיט די אפיקורסים. דאָס פנים עסט און בענטשט, מאַכט קידוש און הבדלה, זאָגט גאַנצע שטיקער פייט און זהר, און אַלץ — יום־טובדיק און האָפערדיק. צומאָל, ווען רעכעלע שליסט־צו די וויעס, זעט זי דאָס פנים נאָענט אַרויסטויכן פון דער פינצטערניש. אין ביידע זייטן אויגן־ווינקלען ציטערן דינע זקנישע קנייטשעלעך. די רויטע באַקן־קישעלעך זענען דורכגעצויגן מיט בלויע אָדערלעך, די שוואַרצאַפּלען זענען צעשמייכלט מיט גענאָד, ווי ביי אַ זיידן...

די טומאה איז ערגיץ ווייט און טיף, אַרומגערינגלט מיט טונקלקייט, ווי זי וואָלט געזעסן אין אַ קעלער. זי רעדט זייער שטיל, אָן אַ שטים. זי איז פאַרדעקט און פאַרשלייערט, אַרומגעוועבט און אַרומגעשפינט. זי טוישט אָפט איר געשטאַלט. טיילמאָל זעט זי אויס ווי אַ מענטש, טיילמאָל — ווי אַ פלעדערמויז אָדער גאָר אַ שפין. עס טרעפט, דאָס רעכעלע זעט־אַרויס בלויז איר מויל, וואָס איז קרום צעעפנט און שוואַרץ, ווי ביי אַ פראָש. די טומאה זאָגט עזותקייטן און מאַכט ליצנות. זי שפרעכט אַפויר פון דעם גרוב, דער הייל, דעם לאָך, וואו זי ליגט פאַרבאָרגן. זי איז מחרף ומגדף, זאָגט אַרויס שמות־הקדושים און איז זיי מבזה. גראָבע רייד שיטן זיך פון איר און דברי־ניאוף. זי מאַכט אַלערליי וויצן און שפּאַסן, דאָס רעכעלען ווילט זיך לאַכן, כאָטש זי ווייסט, אַז דאָס איז אַ גרויסע זינד.

פון וואַנען האָבן זיך גענומען צו רעכעלען אַזעלכע אומווירדיקע געדאַנקען? די טומאה רופט־אָן מיט די שענדלעכסטע נעמען די אונטערשטע טיילן ביי מאַנסלייט און נקבות, ווייזט אַלערליי מיאוסע אָפּבילדער, און לייגט אַריין אין פסוקים פון דער תורה אַ מיין פון ניבול־פה. זי שוינט נישט די אבות און דוד המלך, בת־שבען און אסתר המלכהן. זי מאָלט אויס ווי ס'פּאָרן זיך בהמות און חיות; ווי אַן אָקס ליגט מיט אַ פרוי און ווי אַ מאַן הויערט אויף אַ חזיר. זי דערציילט פון ווייבער, וואָס גייען אַרויס ביינאַכט מזנה זיין מיט פרעמדע מענער, און פון מיידלעך, וואָס באַגעגענען זיך מיט לאַפיטוטן און נישט־גוטע. זי זאָגט כישוף־שפּרוכן אויף תרגום און רופט־אָן משחיתים אויף לאַטיין.

טיילמאָל נעמט זי פלוידערן אינגאַנצן אויף עפּעס אַ פרעמד לשון און כיכיקען אָן־ציינניק און האַלדזיק, ווי מ'וואָלט זי געקיצלט. צומאָל טרייבט זי חוזק אויף גראַמען און רופט מיט פאַרשייטקייט:

רעכעלע,
דו האָסט אַ ל...

רעכעלע האָט מורא פאַר דער טומאה, דען זי שטאַרקט זיך אַלץ מער און פאַרפּלעכט זי אַלץ ענגער אין דער נעץ. טיילמאָל ווען רעכעלע לייגט זיך אַנידער און שליסט־צו די אויגן, נעמט דאָס פנים פון דער קדושה זיך דערווייטערן אויף הינטערווייילעכץ און ווערט קליין ווי אַ ניסעלע, ביז עס פאַרשווינדט אינגאַנצן. רעכעלע געפינט זיך אין אַ פאַרצוימט אָרט, פול מיט בערגלעך, דערנער און שטיינער, ווי אַ בית־עולם. די שיין איז אַ בין־השמשותדיקע און ספקדיקע; ס'וואַלגערן זיך דאָ צעלעכערטע טעפּ און שמאַטעס; ס'איז אָנגעגאָסן, ווי נאָך רעכט־טון. זי שטייט פאַר אַ הייזל אָן פענצטער, בלויז אַ קיילעכיק לאָך געפינט זיך אין דער וואַנט און ס'גייט־אויף פון דאָרטן אַ פּאַרע. דורך די שפּאַלטן לויכט־אַדורך אַ צאַנקנדיק ליכט און ס'קוקט אַרויס עפּעס רויטס און אָנגעבלאָזנס, ווי לונג. רעכעלע האָט פחד און וויל פונדאַנען אַנטלויפן, אָבער אירע פיס זענען שווער, ווי בליי, און — גלייך אונטערגעהאַקט. זי מיט־זיך צו דערווייטערן זיך פון דאַנען, אָבער אין איר אָפּהענטיקייט פאַרקריכט זי אין אונטערערדישע שטובן, נידעריקע, מיט פאַרמאַכטע לאָדנס, בלינדע ווענט און קרומע באַלקנס. רעכעלע קלעטערט באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ, שפּאַרט זיך דורך שמאָלע עפענונגען, כאַפּט זיך מיט שלאַפע אָרעמס איבער וואַקלדיקע לייטערס, ציט זיך אויף שטריק. וואָס נידעריקער, אַלץ שטיקנדיקער ווערט און חושכדיקער. אַ בערדיקער פאַרשוין יאָגט זי נאָך, האָריק און נאַקעט, פייכט און שטינקנדיק, מיט לאַנגע הענט, ווי אַ מאַלפּע, און מיט אַן אָפענעם פּיסק. ער כאַפּט זי, טראָגט זי לייכט ווי אַ פעדער, דען זי האָט מיט איינמאָל פאַרלוירן די וואָג. פליט מיט איר איבער פאַרנאַכטיקע

with zeal, like Rabbi Benish in the old days, chanting the holy writ; it raised questions of Torah and resolved them; it told pious tales to strengthen the faith and vanquish disbelief. With sacred pride, the Face recited the blessing before meals, and prayers that come at the beginning and the end of the Sabbath, as well as whole sections from the liturgy and the Zohar. Sometimes shutting her eyes, Rechele could see the Face surging up from the darkness. Tiny old-man's wrinkles quivered in the corners of its eyes. Delicate blue veins shone in its red cheeks, its eyes smiled with grandfatherly grace.

The Profane was situated in some distant place, in darkness, deep down, like a cellar. Sometimes he spoke very low, voicelessly. Hidden and veiled, he lay inside some web or cocoon. Often, he changed shape —at times he looked human, at other times like a bat or a spider. At moments all that Rechele could see was an open mouth, askew like a frog's. The Profane was audacious, making lewd remarks. Then his voice boomed from the pit, or the cave, where he lay concealed. Taunting and blaspheming, he bandied about the names of holy men and angels. A stream of vulgarities escaped his lips. He jested and mocked profusely, bringing Rechele to the verge of laughter, though she knew that to be sinful.

Where did such shameful thoughts come from? The Profane called the nether parts of men and women by their crudest names; he showed Rechele vile sights, and discovered obscene meanings in Biblical verses.

Nor did he spare the patriarchs and King David, Bathsheba and Queen Esther. He depicted the copulation of beasts and animals, an ox with a woman, and a man with a sow. He told tales of women who lay at night with monstrous men, and of girls who had assignations with goblins and evil spirits. He recited magical incantations in Aramaic, and invoked destroyer demons in Latin. Sometimes the Profane would begin to babble in a strange tongue, cackling toothlessly and throatily, as though something tickled him. At other times he poked fun at Rechele in rhyme:

*Rechele, now*
*I'll teach thee how. . . .*

Rechele was terrified of the Profane, for he grew stronger from day to day, entangling her. Sometimes, when Rechele lay down and shut her eyes, the Face of the sacred would begin to recede until, becoming as small as a nut, it would disappear. One night Rechele found herself in a fenced-in place, full of mounds, and thorns, and stones—like a cemetery. In the dubious dusk, broken pots and rags lay about; there were puddles of water, as though a corpse had been washed here. She stood before a hut with no opening except for a round hole in the wall, whence steam issued. A dying light seeped through the cracks of the hut, and some lunglike, red, and swollen thing peered out. Afraid, Rechele wanted to run away, but her legs were leaden and faltering. Desperately she tried to run, but in her helplessness only became lost in some subterranean passage with bolted shutters, blind walls, and crooked rafters. Rechele clambered up hill and down, wormed through small openings; with feeble arms she climbed wavering ladders and pulled herself up ropes. But she continued to sink, and the lower she sank the darker it became, the more suffocating the air. A bearded figure pursued her, hairy and naked, wet and stinking, with long monkey hands and open maw. Catching her at last, he carried her as light as a feather (for she had all at once become weightless) and flew with her over dusk-

געסלעך, הויך באַבויטע, אַן הימל, פול מיט קופעס ערד, גריבער, אומ־ריינקייט. אונטן שטייען רעדלעך — לופטיקע פאַרשוינען, האַלב־שאַטן, האַלב־גוף — טייטלען־צו, ווייזן־אָן, לויפן־נאָך. ער רוקט זיך מיט איר איבער שיפּע דעכער, דורך רינעס און קוימענס, ריסיקע און טוכלע, אָן אויסגאַנג. מחמת ענגשאַפט דריקט ער זי צו צו זיך, שפּאַרט זיך אויף איר. ער איז אַ זכר, ער וויל זי מאנס זיין. ער פּרעסט אירע בריסטן און וויל פונאַנדערנעמען אירע פיס מיט זיינע האַרטע קניען. ער רעדט צו איר האַסטיק, הייזעריק, פּראַכנדיק, פול מיט געבעט און וואָרעניש:

— רעכעלע!... גיכער!... לאָז!... איך וויל דיך מטמא זיין!...

— ניין!... ניין!...

— רעכעלע, פאַרשנייד מיט מיר אַ בונד!...

— ניין!... ניין!...

— רעכעלע, ביזט טמא!...

ער וואַרפט זי אַנידער און קומט אויף איר. זי שרייט אַ ביטער געשריי, נאָר קיין קול דערהערט זיך נישט און זי רייסט זיך אויף פון שלאָף אַ באַגאָסענע מיט אַנגסטן. זי זעט בחוש ווי די פינצטערע שטוב איז פול מיט מזיקים. מטושטשע לייט יאָגן זיך, שפּרינגען, ווי אויף הייסע קוילן, שאָקלען זיך, ווי זיי וואָלטן צוזאַמען געקנעטן אַ גרויס טייג. אַ לצנישע פרייד קוקט אַרויס פון אַלע צורות. רעכעלע געדענקט נישט ווער זי איז, ווייסט נישט וואו זי געפינט זיך און וואָס עס טוט זיך אַרום איר. דער קאָפּ ליגט ווי אַ שטיין, די הויט איז באַדעקט מיט אַ קלעביקייט. צומאָל דערהערט ר' גדליה איר כאָרכלען, ווי פון אַ גוסס. ער אײַלט צו איר מיט אַ ליכט אין דער האַנט. ער רייבט־אָן אירע שלייפן מיט עסיג, ער בלאָזט אויף איר און פאָכעט, ווי ער זאָל עפּעס אָפּטרייבן; ער שפּייט זי אָפּ און קוקט זיך אום אין אַלע ווינקלען, ווי ער וואָלט דאָרטן געזוכט די ישאָדן־טוער. ר' גדליהס שווערע הענט ציטערן, טראָפּנס חלב טריפן אויף דעם איבערבעט און ער שרייט צו איר אין די אויערן, ווי זי וואָלט טויב געווען:

— רעכעלע קום צו דיר!... שטאַרק דיך!...

— חלמא טבא חזיתא!... חלמא חזיתא טבא!... טבא חזיתא חלמא!...

filled streets and tall buildings, through a skyless space full of mounds, and pits, and pollution. At their back ran hosts of airy things, half-devil and half-man, pointing at them, pursuing them. The Thing swept her over steep rooftops, gutters, and chimneys, huge and mildewy; there was no escape. It was stifling and the Thing pressed her to him, leaned against her. The Thing was a male; he wanted to ravish her. He squeezed her breasts; he tried to force her legs apart with his bony knees. He spoke to her rapidly, hoarsely, breathing hard, imploring and demanding:

"Rechele! Quick! Let me! I want to defile you!"

"No, no!"

"Rechele, make a covenant with me!"

"No, no!"

"Rechele, you are already defiled!"

He threw her down, and entered her. She cried a bitter cry, but there was no sound, and she started from sleep. With perfect clarity she saw that the dark house was crowded with evil things, insane beings running hither and thither, hopping as on hot coals, quivering and swaying, as though they were all kneading a great trough of dough. A mocking exultation shone in their faces. Rechele could not remember who she was, where she was, or what had happened. Her head was weighted like stone, her skin covered with a glutinous substance. At times Reb Gedaliya heard her gasping. With a candle, he hurried to her bedside. He rubbed her temples with vinegar, blew on her and fanned her, to drive away the intruder. Reb Gedaliya spat three times, and searched every corner of the room for some sign of the visitations. His large hands trembled; perspiration dripped from his body to Rechele's featherbed, and he shouted as though she were hard of hearing:

"Wake up! Rechele! Don't be afraid! Thou hast seen a goodly vision! A goodly vision hast thou seen! Goodly is the vision thou hast seen!"

## יב

## רעכעלע איז מעוברת פון שטן

אין גאָריי איז אַ הונגער. די קרעמערינס זיצן אין ליידיקע קראָמען און דרימלען ביי די אויסגעלאָשענע פייערטעפּ; די בעל־מלאכהס טוען נישט זייער האַנטווערק און ס'פעלט זיי געצייג. דעם היינטיקן זומער איז פון אַלץ געוואָרן אַש. אויף די פעלדער האָט מען היי־יאָר געשניטן הוילע זאַנגען און ס'איז אַפילו נישטאָ אויף קיין זריעה. פויערן פאַרלאָזן ווייב־און־קינד און גייען אַוועק איבערן לאַנד בעטלען; מ'יאָגט אַרויס די אויסגעדאַרטע פערד פון די שטאַלן, וועלף זאָלן זיי פאַרציקן. שוין אַ לאַנגע צייט, דאָס אַזוי אַ נויט איז נישט געווען. אויף די וועגן געפינט מען געפרוירענע; די מילן שטייען, דען קיינער מאָלט נישט. אין גאָריי זענען אַלע אָפּגעפאַלן פון די כוחות. דיקע לייט ווערן געל

## 12

### *Rechele Is Impregnated by Satan*

There was famine in Goray. In the half-empty shops shopkeepers dozed before cold stoves; for lack of tools artisans were idle; everything had crumbled that summer. Hollow stalks had been reaped in the fields, and there was no seed for sowing. Abandoning their families, peasants begged throughout the countryside; their emaciated horses were driven from the stalls to become prey to wolves. So devastating a famine had not been known for many years. People were found frozen on the roads; the mills stood motionless, for there was no grain to mill.

ווי זאַפּרען, באַגינען צו גיין הינקענדיק און זייערע אויגן ווערן ווייס־פאַרצויגן, ווי מיט חלב. מאָגערע באַקומען פּלוצים גלאַנציק־אויפגעלאָפענע פּנימער, ווי פון אַ צאָן געשוויר. באַריידעוודיקע ווערן שווייגנדיק, לצים טרייבן נישט קיין ליצנות. אפילו קינדער האָבן אויפגעהערט צו שטיפן און די זאָרג קוקט אַרויס פון זייערע אויגן, ווי ביי אַלטע. פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט זיצן די מאַנסלייט אין בית־מדרש און מ'וואַרעמט זיך ביים ברייטן ליימענעם אויוון. אין אָנהויב האָט מען גאַנצע טעג נאָך אַלץ געפירט וויכוחים. די מאמינים האָבן גערעדט, דאָס שבתי צבי איז מלך אין סטאַמבול און אַז ער האָט אָוועקגעשיקט שליחים צו די עשרת־השבטים זיי זאָלן אָנקומען און נישט דערשראָקן ווערן פון זיינע מעשים, דען אַלץ איז אַ גזרת־שמים. עס זענען שוין אויך אַרויסגעשוואומען די ערשטע פופציק שיפן פול מיט ווילדע העלדן, רייטוועגן און געווער, גרייט אָנצוריכטן אַ קריג. די מתנגדים האָבן געוואוסט, דאָס שבתי צבי, וואָס האָט איבערגעאָנדערשט זיין נאָמען אויף מחמד באַשי, איז געוואָרן אַ קאַליף און אַ יידן־פיינט און ער האָט אויסגעפּועלט אַ גירוש אויף אַלע פרומע לייט. נישט איינמאָל האָט מען זיך אין גאָריי געפּאַטשט. מ'האָט צעריסן בריוו און קונטרסים אויף פּיק־פּיצלעך, מ'האָט זיך געשלאָגן מיט גאַרטלען און זיך צעבלוטיקט.

איצט איז שטיל, גלייך אַלע רייד וואָלטן אויסגעשעפּט געוואָרן ביזן ענד, און אַ יאוש האָט יעדן אַרומגענומען. די זקנים רייניקן זייערע קליידער פאַר אַלעמענס אויגן, דרימלען אויף בענק און טישן און שנאָרכן הפקר, ווי אין אַן אַריינפאָר־הויז. בחורים שפּילן אין ציג־און־וואָלף און עפענען נישט קיין ספר. דען קיינער טוט נישט אויף זיי קיין אַכט. אפילו צו זינדיקן האָט מען אויפגעהערט אין גאָריי, וואָרן אויך דער יצר־הרע איז ווי איינגעשלאָפן און יעדער גייט זיין וועג. קומט אַהער אַן אורח, וואָגלט ער דאָ אַרום אַזוי לאַנג, ביז ער פאַרלאָזט די שטאָט מיט אַ ליידיקער טאָרבע און מיט אַ קללה אויף די ליפּן.

ווינד און ווייי איז צו גאָריי, אַלע פורעניותן האָבן זיך אויסגעגאָסן אויף איר קאָפּ. כאָטש ס'איז ווינטער, טרעפן אָפט שריפות. הייזלעך צינדן זיך אָן ווי פון זיך אַליין און ברענען־אויס ווי ליכט. ס'בלייבן־איבער בלויז שערבעלעך פון טעפּ און נאַקעטע קוימענס. טעג נאָכדעם שטייען דאָ ווייבער און שאַרן מיט שטעקעלעך צווישן די קופּעס אַש. מער ווי יעדעס יאָר טרעפט, דאָס מען גליטשט זיך אויס און מ'צעברעכט גלידער. מחמת די שייערן זענען לער, ווידמענען זיך אין די הייזער פעלד־מייז. טכוירן ווערגן אויס די הינער און צעבייסן אַפילו קינדער. די לייט, וואָס וואוינען הינטער דער שטאָט, ווערן באַרויבט פון גזלנים; אויף די וועגן לויערן בערן און ווילדע חזירים. זינט אַ צייט הוליען די מזיקים דאָ פריי אין די געסלעך. ביי ר' גאָדל חסיד אין הויז קלאַפּט מען יעדע נאַכט אין פענסטער. ווען מ'צינדט אָן אַ ליכט, זעט מען אויף דער וואַנט אַקעגנאיבער דעם שאָטן פון אַ ביינערדיקער האַנט מיט פינף צעשפּרייטע פינגער. ביי לוין אין קוימען הערט מען אַ קרעכצן פון אַ קימפּעטאָרין. לצים טוען־אָפּ אַלערליי שטיקלעך. דאָנערשטיק קערן זיי איבער די קנעט־מולטערס און פאַרגיסן דאָס יוירעכץ אויף דער ערד; זיי פאַרזאַלצן די געקעכטסן, רייסן־אַראָפּ מזוזות פון די טירן און ריכטן־אָפּ חתונות אין חורבות. פאָרט אַרויס אַ ייד מיט אַ וואָגן, הענגען זיי זיך אָן אויף די שפּריכן פון די רעדער, אָדער זיי פאַרבלענדן די פערד. זיי פאַרשטעלן זיך פאַר ציגנבעק און טאַנצן אַקעגן די נשים, וואָס קערן צוריק פון באָד. איינמאָל פאַרטאָג, ווען כינקעלע איז געגאַנגען דאַווענען אין ווייבער־שול, האָט זי קעגן דער שיין פון דער לבנה דערזען קריכן אַ חיה אין אַ שוואַרצער פעל. די יידענע האָט געוואָלט אַנטרינען, אָבער דאָס אומגעהייער האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די הינטערשטע לאַפּעס, ווי אַ מענטש, און זי נאָכגעיאָגט, ביז זי איז אַריינגעפאַלן אין אַ ריוו. צומאָרגנס אין אָוונט האָט דאָס בייזע באַשעפעניש איבערגעשראָקן קינדער, וואָס זענען צוריקגעגאַנגען פון חדר. איין יונגל האָט געהערט, ווי די חיה האָט עפּעס געשריגן אויף גויש און מען האָט גלייך פאַרשטאַנען, דאָס עס איז אַ ווילקאָלאַק. טייל האָבן געשמועסט בסוד, דאָס עס איז דער משוגענער פריץ זאַמאָיסקי, דען ס'האָט געטראָפן, אַז דער ווילקאָלאַק האָט געשאָסן פון אַ פּיסטויל און געוואָרפן גאָלדענע דוקאָטן . . . מען איז געלאָפן צו ר' גדליהן און רעכעלען דער נביאהטע, אָבער אויך אין זייער הויז האָט שוין געוועלטיקט די קליפּה.

The people of Goray were debilitated. Heavy persons turned saffron-yellow, began to limp, and a white film like perspiration covered their eyeballs. Slender persons developed the shiny, puffed faces associated with toothache. Chatterboxes became silent, pranksters ceased their jokes. Even the children forgot to be mischievous, and anxiety stared from their eyes as from those of the old. From early morning till late at night the men sat in the study house, warming themselves before the broad clay oven. In the beginning they still disputed. The Faithful said that Sabbatai Zevi reigned in Stamboul and that he had sent messengers to the Ten Tribes urging them to join him and to disregard what he had done, for his deeds had been decreed in Heaven. The first fifty ships loaded with mighty warriors, chariots, and arms had already embarked, in preparation for battle. But the Opponents were certain that Sabbatai Zevi, who had changed his name to Muhammed Bashi, had become a caliph and a Jew-hater, and had been responsible for an expulsion of pious Jews. Often the disputants came to blows, tore letters and pamphlets to shreds, wielded belts and drew blood.

But now, as though nothing more could be said, there was silence. Despair gripped the town. The old men publicly deloused themselves and snored without restraint on the study house tables and benches. Boys played at Goat and Wolf and never looked into books, since no one cared what they did. There was no longer even sinning; the Evil Spirit himself seemed to have dozed off; every man went his solitary way. The occasional itinerant who found himself in Goray walked the streets disconsolately for a while, and then, with empty bag and a curse on his lips, departed.

Alas for Goray—every visitation fell upon it! Despite the winter, fires were frequent. Houses seemed to catch fire by themselves, and burned to the ground. Only pot shards and bare chimneys remained. More than ever, this year, people slipped, breaking arms and legs. Because the barns were empty, field mice entered the houses. Polecats strangled chickens, and even bit children. Thieves broke into the homes of those who lived on the environs of town; bears and boars lurked on the roads. The destroyer demons had been reveling freely in the streets of Goray. Every night they beat on the windowpanes of Reb Godel Chasid's house. When a candle was lit, the shadow of a bony hand with five outspread fingers could be distinguished on the wall opposite. Groaning, as of a woman in labor, issued from the chimney of Levi's house. On Thursday imps overturned the dough troughs, spilling the dough for the white Sabbath bread; they threw handfuls of salt into the pots where dinner was being cooked, ripped the *mezuzot* from door posts, and held weddings in desolate places. Imps would hang on to the wheelspokes of a wagon, dragging the wagon back and blinding the horse. Disguising themselves as he-goats, they danced to meet the women returning from the bathhouse. Late one afternoon when Chinkele was on her way to prayers in the women's section, she saw a black-skinned beast crawling at her in the light of the rising moon. She tried to run, but the monstrosity reared up on its hind legs, like a man, and pursued her until she fell into a ditch. The next evening the same creature scared some children in the street. One of the boys heard the beast shout something in a gentile tongue. Everyone immediately understood that this was a werewolf. Some whispered that it was the mad lord Zamoyski, for once the werewolf fired a pistol and threw down some gold ducats. They ran off to tell Reb Gedaliya and Rechele the Prophetess about this—but there, also, evil reigned.

רעכעלע איז מעוברת פון שטן. זי האָט אַליין מודה געווען פאַר איר מאַן, דאָס סמאל איז געקומען צו איר בייַנאַכט, געלעגן אין איר שויס און זי באַצוואונגען. אין איר אינגעווייד זיצט אַ משחית. זי האָט געהייסן ר׳ גדליהן ער זאָל אָנטאַפּן איר בויך און ער איז וואָרהאַפטיק געווען אָנגעבלאָזן און האַרט, ווי אַ פּויק. זי האָט אים אויך דערציילט, דאָס זי האָט אינגאַנצן מער נישט די ווסת און געוויזן, אַז שדים האָבן איר פאַרפלאָכטן זיבן קאָלטענעס. אין אָנהויב האָט ר׳ גדליה נישט געגלייבט אירע רייד און געטענהט, דאָס אַלץ איז אַן אויסדרוכטעניש און אַ דמיון. ער האָט בייַנאַכט אין איר חדר אָנגעצונדן פיל פייערן און געטון אַלערהאַנט סגולות און השבעות, דען ער האָט געוואָלט בלייבן מיט איר. אָבער תיכף ווי ער האָט זיך געלייגט ביי איר זייט, זענען אַלע ליכט מיט איינמאָל פאַרלאָשן געוואָרן און ער האָט באַקומען אַזאַ שלאָג אין די שלייפן, דאָס ער איז אַראָפּגעפאַלן פון בעט. דאַן האָט ער דערהערט אַ געשריי:

— ריר זיך נישט אָן, דען זי האָט מיט מיר כורת־ברית געווען! . . .
שטיי אויף און אַנטלויף! . . .

פון דאַמאָלס אָן האָט ר׳ גדליה זיך אָפּגעשיידט פון רעכעלען און זי איבערגעלאָזט אַליין. ער האָט אַפילו פאַרטריבן כינקעלען און צוגענומען אויף איר אָרט אַ שטומע דינסטמויד, די לייט זאָלן זיך נישט דערוויסן פון דעם אָנשיקעניש. מחמת מען האָט ביי אים צוגערויבט דאָס געליבטע ווייב, האָט ער באַגונען פיל צו טרינקען און ער מערט צו שלאָפן אויף זיין באַנק־בעט. די צאָל פון זיינע גוטע פריינט ווערט געמינערט און מען וואָלט אים זיכער אַרויסגעיאָגט מיט בזיונות, ווען די קצבים וואָלטן אים נישט באַשיצט. דערוויל געשעען מיט רעכעלען דערשרעקנדיקע טראַפן.

נאַכט ביי נאַכט באַזוכט זי דער שטן און טוט זי פייניקן. ער איז שוואַרץ און הויך, מיט פייערדיקע אויגן און מיט אַ לאַנגן ווידל. זיין לייב איז קאַלט, זיינע ליפּן — ראַציק, און ער האָט אַ גערוך פון פעך. פריער באַשלאָפט ער זי פיל מאָל, ביז זי בלייבט ליגן גאָר אָנמעכטיק. דערנאָך שטייט ער אויף און טוט איר אָן אַלערליי יסורים און שפּאָס. ער רייסט־אויס אירע האָר איינציקווייז און וויקלט זיי אַרום איר האַלדז; ער קנייפט זי אין די היפטן און מאַכט צייכנס אויף איר ברוסט מיט זיינע שפּיציקע ציין. ווען זי געניצט, שפייט ער איר אַריין אין מויל, און ער גיסט־אָן וואַסער אויף איר ליילעך און חוזקט, דאָס זי האָט משתין־געווען. ער באַפעלט, דאָס זי זאָל אים ווייזן די שעמעוודיקע ערטער און טרינקען שמוץ. ער רעדט זי אָן, זי זאָל אַרויסזאָגן דעם שם־המפורש און שילטן גאָט. פרייטיק צו־נאַכטס מוז זי רייסן פּאַפּיר און אָנרירן די לייכטער. טיילמאָל דערציילט ער איר מעשיות פול מיט ניבול־פה, איר פריילעך צו מאַכן, און ר׳ גדליה הערט הינטער דער וואַנט ווי זי לאַכט אינמיטן דער נאַכט אַ הויך און מטורפדיק געלעכטער. איינמאָל, ווען ר׳ גדליה האָט געעפנט דאָס טירל פון ארון־קודש אַרויסצונעמען די ריניקייט, האָט ער געטראָפן דאָס מענטעלע דורכגעשטאָכן מיט אַ מעסער און ס׳איז אינעווייניק געלעגן אַ שטיק קויט . . .

אויסטערלישע מאַטערנישן ווערן רעכעלען אָנגעטון. צומאָל בלאָזט־אָן דאָס נישט־גוטס איינע פון אירע בריסטן, ווי אַ פּענכער. אַ פוס ווערט ביי איר געשוואָלן ווי אַ פאַס. דער נאַקן ווערט שטייף. אויפן דיקן פלייש פון דיך און אונטער די אָרעמס האָבן ביי איר אָנגעצויגן פייכטע בלאָטערן, פון וועלכע ס׳רינט אייטער. רעכעלע ציט אַרויס פון זיי שטיינדלעך, האָר, שמאַטקעלעך און ווערים. כאָטש זי עסט נישט שוין אַ לאַנגע צייט, ברעכט זי אָפט און ס׳קומען קאַפויר פון איר שרצים. טיילמאָל בילט זי ווי אַ הונט, בלעקעט ווי אַן אָקס, הירזשעט ווי אַ פערד און מאַכט־נאָך די קולות פון לייבן און לעמפּערטן. ס׳זענען דאָ טעג, ווען זי קען נישט עפענען דאָס מויל. אַן אַנדער מאָל ווערט זי טויב. עס טרעפט, דאָס די אויגן ווערן שיקלדיק און פאַרדרייט, דאָס לשון — שטאַמלדיק און נישט צום פאַרשטיין, ווי זי וואָלט רעדן פון שלאָף. ווען מען גיט איר איינצונעמען אַ רפואה, גאָרגלט זיך דער שלוק אין איר האַלדז און זי קאָן אים נישט אַראָפּשלינגען, ביז זי שפייט דאָס ווידער אויס.

צו שאַנד איז רעכעלעס נאָמען. אומזיסט פרוווט ר׳ גדליה אויס־

Rechele had been impregnated by Satan. She confessed this herself to her husband: Samael had come to her at night, and had violated her. A destroyer demon grew in her womb. She bade Reb Gedaliya probe her belly, and he discovered that, indeed, it was tight as a drum. Rechele also told Reb Gedaliya that she no longer menstruated, and she showed him where the demons had made seven braids in her hair. At first Reb Gedaliya would not believe Rechele, and maintained that she imagined it all. At night he would kindle many lights in her room, place amulets everywhere, and recite various adjurations, for he wished to remain with Rechele. But the moment he lay at her side all the candles were extinguished, and he received a blow on the temples that flung him out of bed. Then he would hear a voice cry:

"Touch her not, for she has made a covenant with me! Arise and go quickly!"

From then on Reb Gedaliya avoided all intercourse with Rechele and left her alone. He even drove Chinkele away and took instead a mute servant girl, to keep people from discovering this latest disgrace. Because his beloved wife had been stolen from him, Reb Gedaliya began to drink and slept all day on his bench bed. His friends fell away from him, and he would certainly have been driven out of town if the butchers had not sided with him. Meanwhile, horrifying things happened to Rechele.

Every night Satan visited Rechele to torment her. He was black and tall, fiery-eyed and with a long tail; his body was cold, his lips scaly, and he exhaled pitchfire. He ravished her so many times that she was powerless to move. Then, rising, he tormented her in numerous ways. Pulling the hairs singly from her head, he wound them about her throat; he pinched her in the hips and bit her breasts with his jagged teeth. When she yawned he spat down her throat; he poured water on her bedsheet and pretended she had wet her bed. He made her show him her private parts and drink slop. He seduced her into reciting the explicit name of God and blaspheming Him; on Friday nights he forced her to desecrate the Sabbath by tearing paper and touching the Sabbath candlesticks. Sometimes Satan told Rechele obscene tales, and Reb Gedaliya on the other side of the wall would hear her loud, mad laughter resounding at midnight. Once, Reb Gedaliya opened the door of the Holy Ark to take out the Torah scroll, only to find the scroll mantle slashed, and a piece of dung lying within. . . .

Rechele suffered extraordinary tortures. At times the evil one blew up one of her breasts. One foot swelled. Her neck became stiff. Rechele extracted little stones, hairs, rags, and worms from wet, pussy abscesses formed on the flesh of her thigh and under her arms. Though she had long since stopped eating, Rechele vomited frequently, venting reptiles that slithered out tail first. At times she barked like a dog, lowed like a cow, neighed like a horse, or made sounds of the lion and the leopard. There were days when she could not open her mouth; and there were others when she was deaf. Occasionally, she would squint and become cross-eyed, and her tongue would stammer incomprehensibly, as though she spoke in her sleep. The pills she was given for her illness remained in her throat, and she had to spit them out again.

באַהאַלטן די זאַך, דען די ווענט האָבן אויערן. אין אַלע שטובן רעדט מען שוין וועגן איר און מ'דערציילט וואונדערלעכע זאַכן. ביינאַכט, ווען די לבנה שיינט, גייט רעכעלע אַרויס אויפן שניי אין איין העמד און באָרוויס. זי לאָזט זיך שלאָפּענדיקערהייט צום בית־עולם, קריכט צווישן די מצבות, גראָבט אויס נפלעך מיט די בלויזע פינגער, קלעטערט אויפן דאַך פון אהל. מ'האָט זי געזען זיצן אויפן אָסוויר פון אַ ברונעם און קרייען ווי אַ האָן. אַ יידענע האָט עדות־געזאָגט, דאָס זי איז געריטן אויף אַ בעזים און נאָך איר האָט זיך געקייקלט אַ הונט אויף אַ רייף. די דאָרפלויפער באַגעגענען זי אויף די וועגן און אין די וועלדער, די וועשינס טרעפן זי זיצן ביים טייך און שווענקען וועש. נישט בלויז אין גאָריי, נאָר אויך אין יאַנעוו, טורבין, זאַמאָשטש, קראַשניק און אפילו אין לובלין האָט זיך פאַרשפּרייט די שמועה וועגן איר, דען איר נאָמען איז וואויל באַקאַנט געווען אין די אַלע ערטער ווי אַ נביאהטע. אויך די גוים אין די דערפער ווייסן, דאָס דער טייוול האָט זיך באַהאַפטן צו אַ יידישער טאָכטער, און עס ווערט געשפּראָכן דעריבער אויף יאַרידים און אין די האַרבעריקן. אין ר' גדליהס הויז זענען די לאָדן פאַר־מאַכט בייטאָג און ביינאַכט און ער טוט זיך נישט ווייזן אינדרויסן. בלויז בין־השמשות הילט ער זיך איין אין זיין טוליפּ און גייט אַוועק מיטן וועג צום שעכט־הויז, מיט אַ גראָבן שטאָק און אַ לאַמטער, ווי ער זאָל זיך פאַרכטן פאַר די לייט און פאַר דעם שפּאָט אין זייערע בליקן...

Rechele's name had become a byword. Reb Gedaliya struggled vainly to conceal what had happened, for the walls have ears. Her odd behavior was remarked on everywhere. At night when the moon shone, Rechele went into the snow, barefoot and in her nightgown. Sleepwalking, she visited the cemetery, where she crawled among the tombstones; scratching in the dirt with her fingernails, she unburied dead infants, and she climbed up on the apex of sepulchers. She had been observed sitting at the rim of a well and crowing like a rooster. One woman swore she had seen Rechele riding on a broom, with a dog rolling after her on a hoop.

The village runners encountered Rechele sitting on the banks of the river rinsing clothing. The tale of what had happened to Rechele spread to Yanov, Turbin, Zamość, Krasnik, and even to Lublin, for her name was famous in all these places as that of a prophetess. The peasants, also, knew that Satan had entered into the body of a daughter of the Jews, and this visitation was spoken of at fairs and in taverns. The shutters of Reb Gedaliya's house were bolted day and night, and he did not show his face outdoors until dusk fell. Then Reb Gedaliya would wrap himself in his great coat and set out for the slaughterhouse, carrying a heavy stick and a lantern, afraid of people and the mockery in their glances.

יג

## דער דיבוק פון גאָריי

אַ מעשה נורא מיט אַ יונגפרוי וואָס עס האָט אין איר זיך באַהאַפטן אַ דיבוק ר"ל: אַרויסגענומען פון דעם שיינעם ספר מפעלות־הארץ און מעתיק געווען אויף עברי טייטש דערום אויך די ווייבער און די מוידן און די לייט פון המון זאָלן חאָטש פאַרשטיין גאָר דאָס וואונדער און טון זייער האַרץ זיך אומצוקערן צו גאָט: און זיי זאָלן אויך זיך אַראָפּנעמען אַ ביישפּיל ווי גרויס עס איז די שטראָף פון אַ מענטש וואָס טוט חס ושלום זיך פאַרזינדיקן און באַפלעקן זיין נשמה: דער אַלמעכטיקער זאָל אונז באַשירמען פון אַלדאָס בייז און אָפּקערן פון אונז זיין גרימצאָרן און פאַרטרייבן דעם שטן וכת דיליה אויף אײביק אמן:

ויהי און עס איז געווען אין דער שטאָט גאָריי וואָס זיצט צווישן די בערג נאָענט צו די ק"ק זאַמאָשץ טורבין קראַשניק וכו' וואָס פריער איז דאָרטן געווען דער מנחת־קודש זצ"ל און נאָכדעם איז דאָ געזעסן על כסא הרבנות ר' בינוש אשכנזי זי"ע: די זאַך האָט געטון פאַרלויפן אין דעם יאָר אשר אַז זענען די זיילן פון דער וועלט אויפ־געציטערט געוואָרן פון דער מעשה שבתי צבי זיין גדעכעניש זאָל אויסגעמעקט ווערן וואָס האָט בעוונותינו הרבים זיך געשמדט און אַראָפּ־געפירט פון רעכטפאַרטיקן וועג כמה וכמה יהודים צווישן זיי פיל פרומע לייט און אָנגעצונדן אַ פייער אין אַלע עקן פון גלות: דער אל קנוא זאָל אים באַצאָלן זיין לוין און אים פאַרגעלטן זיין ווערק ווי ער האָט פאַרדינט און מיר זאָלן זוכה זיין צו אַ וואָרער אויסלייזונג במהרה בימינו ונאמר אמן:

ובעיר און אין דער שטאָט גאָריי האָט געוואוינט אַ מאַן וואָס זיין נאָמען איז געווען ברייט באַרימט מיט זיין גאָט־פאַרכטיקייט און מיט זיין שיינעם געשטאַלט און מיט זיינע גוטע מעשים און ער האָט

## 13

*The* Dybbuk *of* Goray

*A marvellous tale treating of a woman that was possessed of a* dybbuk *(God preserve us): Taken from the worthy book The Works of the Earth and rendered into Yiddish to the end that women and girls and common folk might perfectly comprehend the wonder of it all and that they might set their hearts on returning to God's ways: And that they might be instructed in how great is the punishment of the sinner who staineth his soul (God save us): May the Almighty protect us from all evil and avert his wrath from us and expel Satan and his like for ever and ever Amen:*

AND IT CAME TO PASS in the town of Goray that lay among the hills near the holy communities of Zamość, Turbin, Krashnik *et al.* where formerly dwelt the author of the work *Holy Offering* and where latterly Rabbi Benish Ashkenazy occupied the rabbinic chair (the remembrance of the righteous be a blessing to us all). It happened in that terrible year when the pillars of the earth trembled with the deed of Sabbatai Zevi (may the memory of him be blotted out): Who (for our sins are great) was himself converted and did seduce many others from the paths of righteousness and many pious amongst them and he lighted a fire in every corner of the Exile: May God who is a jealous and an avenging God give him his due and repay the wicked for his wickedness as he deserveth and may we all be deemed worthy to witness a true and a full redemption speedily and in our days and let us say Amen:

געהייסן גדליה: און דער מאַן האָט עוסק געווען אין קבלה מעשית און אין פאַרבאָרגענע לערנונגען: דהיינו ער האָט געקאָנט צאַפּן וויין פון דער וואַנט און איז געניט געווען אין דער חכמה פון אַלכימיה און יעדן ערב שבת האָט ער באַשאַפן אַ געדריטלט קאַלב ווי עס ווערט געבראַכט וועגן אונדזערע הייליקע אמוראים: דער מאַן האָט אויך געוואוסט צו טון סגולות זייער פיל דען ער איז געווען אַ חכם און פון וועגן זיין פאַרשטענדיקייט און זיינע גלאַטע רייד האָט ער געפונען לייטזעליקייט אין אַלעמענס אויגן: און באמת איז דער מאַן געווען אַ שאַלקהאַפּטיקער און אַ רשע גמור און ער האָט נייערט געטון גאָט ברוך הוא צום דערווידער: דען ער האָט שטילערהייט זיך באַנוצט מיט שמות הטומאה און געטון באַשווערן לילית נעמה און אַלדי איבעריקע משחיתים צו טון זיין ווילן: און אַזוי האָט ער אָנגעזאַמלט אוצרות פון גאָלד זילבער דימענטן און טייערע שטיינער: און ער האָט גענאַרט די שטאָטלייט און געקומען אויף זייערע ווייבער און געמערט ממזרים: און מחמת גלוסטונג צו הפקרות האָט ער אָפּגעטון שענדלעכע זאַכן וואָס קאָנען נישט באַשריבן ווערן אין אַ ספר וד״ל:

**והנה** און נון פון וועגן זיינע שווערע חטאים איז אויך זיין ווייב וואָס ער האָט זי צוגערויבט דורך תחבולות פון איר מאַן אַ גרויסן צדיק געפאַנגען געוואָרן אין דער נעץ פון די חיצונים און עס האָט זיך באַהאָפטן צו איר אַ דיבוק: און מחמת זי האָט געהאַט אַ רוף פון אַ צדיקת און אליהו פלעגט זיך אַנטפּלעקן צו איר האָט קיין מענטשן־קינד נישט צוגעגלויבט צו דער הערונג פון זיינע אויערן און אַלע זענען נייגעריק געווען אויב די זאַך איז וואָרהאַפטיק: און אַזוי איז געווען דען די יונגפרוי [רעכעלע איז געווען איר נאָמען] איז פאַרוואָר געלעגן אין איר הויז נאַקיט און איר שאַנד איז געווען אויפגעדעקט ממש און דאָס גאַנצע געשיר איז געווען צעבראָכן אויף שערבעלעך און דאָס בעטגעצייג איז געווען צעריסן און זי האָט געשריגן אַ גרויס און ביטער געשריי: און ווי אַלע האָבן זיך צונויפגענומען אַזוי האָט מען זי נישט דערקענט: דען איר געשטאַלט איז געווען גריילעך פאַרענדערט און איר פנים איז געווען ווי קרייד און די לעפצן אויסגעקרימט ווי פון אַ פאַרכאַפּעניש ל״ע און די אַפּלען פון אירע אויגן זענען געווען איבערגעקערט שלא כדרך הטבע: און דאָס קול איז נישט געווען איר קול: דען איר קול איז געווען דאָס קול פון אַן אשה און דער דיבוק האָט גערופן מיט דעם קול פון אַ מאַנסביל און מיט פיל געוויין און יאָמערניש דאָס אַ דערשרעקעניש האָט אַרומגעכאַפּט און די הערצער זענען צעגאַנגען און די קניען האָבן געשטרויכלט: און מחמת זי איז געלעגן מיט אויסגעשפּרייטע פיס ווי אַ געווינערין אויף דער בראַך שטול האָבן די נשים באַגערט איינצוטון אירע פיס וואָרן עס איז געווען אַ חרפּה פאַר די מאַנסלייט און זיי האָבן זי אויך צוגעדעקט: אָבער די קליידער זענען תיכף ומיד ווידער אַראָפּגעפאַלן פון איר דען דער רוח האָט זיי אַראָפּגעוואָרפן: און די שטאַרקייט פון אירע גלעלנקען איז געווען נישט געווינלעך דאָס אויך גבורים האָבן נישט געקאָנט זי בייקומען און די זאַך איז געווען אַ ווילדער חידוש פאַר אַלע און אַ פאַרהוילן רעטעניש:

**ויהי** און ווי ר׳ גדליה האָט געזען די מעשה און וואָס עס האָט געטראָפן און ער האָט זיך זייער געשעמט און אַ פאַרשעמטקייט האָט צוגעדעקט זיין פנים: וואָרן ער האָט געטראַכט וואָס וועלן די לייט זאָגן: אויב דער רוח האָט געהאַט שליטה צו ר׳ גדליהס ווייב און ער האָט נישט געפונען קיין ראָט איז דאָך אַ צייכן דאָס ער איז נישט קיין צדיק און זיינע קמיעות זענען געפעלשט און זיי וועלן שפעטן פון אים און נקמה נעמען: און דערום האָט ער זיך געקליגט מיט הינטערליסטיקייט און ער האָט געזאָגט איר זעט דאָך דאָס זי איז פון זינען און אַלע אירע רייד זענען פון אַ מטורפת: דאַמאָלס האָט דער דיבוק באַגונען צו שרייען: אוי און אַבוי צו דיר דו רשע וואָס האָסט גע־

**And in the town** of Goray there dwelt a man renowned far and wide for he was a Godfearing man and had a pleasing countenance and his deeds were good and the name of this man was Gedaliya: And this man was versed in the uses of the cabala and in the mysteries: To wit he could draw wine from a wall and was expert in the science of alchemy and every Sabbath eve he created a third-born calf like unto the tradition concerning our holy Amoraim: This man also knew many nostrums for he was a sage and he found favor in the eyes of all men with his understanding and smooth tongue: But in fact he was a son of Belial and entirely wicked and all that he did he did to provoke the blessed Creator: For in secret he invoked the name of the profane and he conjured up Lilith Naamah Machlot and all the other destroyer demons that they might do his will and that he might do their will: And after this fashion he amassed treasures of gold, silver, diamonds and precious stones: And he deceived the townspeople and knew their wives and fathered bastards without number: And in his lust and license he did shameful things such as are not proper to be written in a book and a word to the wise should be sufficient:

**And lo** (for his sins that were many) his own wife too (whom he had cunningly stolen from her husband a most righteous man) fell prisoner in the net of the Outer Ones and a *dybbuk* possessed her: And for that she had the name of a righteous woman and Elijah revealed himself to her; no son of man could rightly believe the tidings that came to his ears and all were curious to ascertain whether or no there was truth in the report: And there was: For the young woman (Rechele was her name) lay naked in her house and her shame was uncovered and all the utensils were broken and the bed linen was torn and she cried a loud and a bitter cry: And when all the elders of the town and its leaders gathered together they could not recognize her: For her shape was completely changed and her face was as chalk and her lips were twisted as with a seizure (God save us) and the pupils of her eyes were turned back after an unnatural fashion: And the voice that cried from her was not her voice: For her voice was a woman's voice and the *dybbuk* cried with the voice of a man with such weeping and wailing that terror seized all that were there and their hearts dissolved with fear and their knees trembled: And for that she lay with parted legs like a woman in labor on the stool the women desired to put her legs together for it was a shame before the men and they also did cover her: But at once her garments fell from her body for the evil spirit cast them off: And the strength in her limbs was unnaturally great so that even the men could not prevail and the thing was a marvel to all and a mystery indeed:

**And it came to pass** that when Reb Gedaliya saw what had transpired and what had occurred to him that he was greatly ashamed and shame did cover his face: For he thought in his heart, What will people say: If the spirit has taken possession of Reb Gedaliya's wife and he has discovered no counsel to prevent it then surely he is no righteous man and all his amulets are false and people would mock him and revenge themselves upon him: And therefore in his cunning he said, You see now she is out of her mind and all her words are the words of a madwoman: Then the *dybbuk* began to scream: Alas and alack to

ווירקס אומרעכט און דיך פאַראומרייניקט מיט אַלע אומווערדיקייטן און געלעגן מיט זונות און בועל געוועזן עריות : און איצט זאָגסטו צו לייקענען אין דעם וואָס דיינע אויגן זען דערום דיין רשעות זאָל נישט באַקאַנט ווערן פאַר לייטן און דו זאָלסט נאָך פאַרלענגערן צו גנבענען זייער דעה דורך דיינע ערמות און מוטוויליקייט : און ווי גדליה האָט דאָס געהערט איז אין אים מער נישט געבליבן קיין חיות : אָבער באַלד האָט ער זיך ווידער געשטאַרקט און גערופן זי איז משוגע און גאָר : אָבער די לייט האָבן מער נישט צוגעהאָרכט צו אים און אים נישט געגלויבט : און עס איז דאָרט בייגעווען החסיד ר׳ מרדכי יוסף ז״ל וואָס איז פריער געזונקען אין שאול תחתית און דערנאָך תשובה געטון און ניצול געוואָרן און ער האָט געצערנט די צערנונג פון גאָט און ער האָט אויפגעהויבן זיין שטעקן און געשלאָגן גדליהן : און גע־רופן רשע מרושע נון וועסטו נישט מערן צו פאַרבלענדן די אויגן פון די לייט דען דו ביסט אַ באַטריגער און אַ מכשף און פון וועגן דיר איז אויסגעגאָסן געוואָרן די פּלאָג איבער אונדז אַלע און מיר האָבן אויסגעטרונקען דעם כוס פון פורעניות : און דער תקיף גדליה האָט אים געוואָלט הרגענען נייערט די לייט האָבן זיך אָנגענומען פאַר אים און אים באַשיצט :

**והנה** און נון האָט דער דיבוק נאָך אַלץ געמערט צו שרייען און האָט זיך מתוודה געווען מיט קלאָג און אָכצעניש אויף זיינע זינד : און די אשה האָט אויפגעהויבן אַ שווערן שטיין און זי האָט מיט אים געשלאָגן אויף איר האַרץ : און עס איז געווען אַ פלא ווי זי טוט נישט צעשטויסן אירע ביינער און צעשמעטערן דעם שאַרבן דען דריי שטאַרקע מאַנסלייט האָבן דעם שטיין נישט געקאָנט רירן פון אָרט : און אין אירע הענט איז ער געווען ווי אַ פעדערל : און זי האָט אים געוואַלגערט אַהין און צוריק איבער דער לענג פון איר גוף פון איר שטערן ביז די שפּיצן פינגער און אַזוי פיל מאָל אָן איבעררייס : און דער חסיד ר׳ מרדכי יוסף ז״ל האָט אָנגעגורט זיינע לענדן און געפרעגט : וואָרום טוסטו שרייען און ביסט דיר גורם אַזוי פיל צער :

**ויאמר** און דער דיבוק האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ הויך קול און מיט רעש : ווי אַזוי זאָל איך נישט טון וויינען און שרייען : דען ווען איך בין נאָך געווען צווישן די לעבעדיקע האָב איך מטמא געווען מיין נשמה און עובר געווען כל העברות שבתורה : איך שטאָם פון לובלין און איך בין דאָרט געווען פון די גרינגע יונגען וואָס זויפן ביר אין די האַרבעריקן און מאַכן זיך לוסטיק אין די הורן הייזער : און איך האָב ווידערגעשפּעניקט אין אַלע געבאָטן פון גאָט און אים דערצערנט : אין הייליקן טאָג פון שבת האָב איך געטון אַ מלאכה און איך האָב געגעסן חזיר און אַנדערע מאכלות אסורות : און אום יום־כיפור האָב איך צום טראָץ איינגעריכט אַ סעודה און געטרונקען וויין און מיך אָפּגעגעבן מיט פריצות און אויך געהויערט אויף בהמות חיות ועופות : וויי איז צו מיר דען איך האָב געדאַכט דאָס עס איז נישטאָ קיין דין און קיין דיין און איך האָב געלייקנט דאָס די תורה איז מן השמים און איך האָב געמאַכט צושאַנד אַלע תלמידי חכמים און זיי געשאָלטן מיט חוצפה און אָנגערייצט אויף זיי הינט ווי עס איז די געוואוינהייט פון די לצים : והנה פתאום האָב איך באַקומען די שווערע שלאַג און דאָס איז אַזוי אַ שלאַפקייט וואָס מען שטייט מער נישט אויף פון איר : און איך האָב וואויל געזען דאָס עס איז געקומען מיין סוף : אָבער ווי ס׳איז דער שטייגער פון די רשעים בין איך נישט אונטערטעניק געוואָרן און פאַרבליבן האַרטנעקיק ביי דער טיר פון גיהנום און פאַר מיין טויט זענען געקומען צו מיר מיינע געזעלן און זיי האָבן מיך גע־פרעגט אברהם [אַזוי איז געווען מיין נאָמען] טוסטו באַדויערן : און איך האָב זיי געענטפערט מיט שטאָלץ דאָס אויך איצט גלויב איך נישט דאָס עס איז דאָ אַ באַשעפער אויף דער וועלט און איך האָב פאַר מיין פטירה געלעסטערט און אַזוי בין איך אויסגעגאַנגען אין לייקענונג :

thee thou wicked man Thou hast worked unrighteousness and thou hast polluted thy soul with every unworthy thing and thou hast lain with whores and thou hast fornicated: And thinkest thou now to deny the sight of thine own eyes lest that thy wickedness become known to men and that thou mightest further beguile them with thy cunning and with thy insolence: And it came to pass that when Reb Gedaliya heard these words the strength ebbed from his body: But anon he revived and cried, She is mad completely: But the people would hear him no longer and they would not believe him: And there was a pious man, one Reb Mordecai Joseph (may his remembrance be a blessing to us all) who formerly had descended to the nethermost Sheol and afterward had done penance and had saved his soul: And he was zealous for the zeal of God and he lifted up his stick and he smote Gedaliya: And he cried, Thou wretched man now shalt thou blind the eyes of this people no longer: For thou art a seducer and a magician and thou art the cause that the plague has been poured out on us all and that we must drink the cup of persecution to the dregs: Then the mighty Gedaliya would have killed him but the people took his part and defended him:

AND NOW did the *dybbuk* scream ever more loudly and he confessed his sins with a fearful lamentation and groaning: And the woman lifted a heavy stone and smote her breast: And the marvel was that her limbs were not broken nor her frame shattered for so heavy was the stone that three strong men could not move it from its place: But in her hands it was as a feather: And she smote her body with the stone from the top of her head to the tips of her toes time and again without interruption: And that pious man Reb Mordecai Joseph (his remembrance be a blessing unto us) girded his loins and asked, Why dost thou scream and bring her so much woe:

AND THE DYBBUK replied in a loud and piercing voice: How then shall I not cry and how then shall I not wail: Seeing that when I walked among the living I polluted my soul and transgressed every transgression cited in the Torah: I hail from Lublin and there I was one of those frivolous youths that swill beer in the taverns and frolic in the whore houses: And I rebelled at every command of God and incurred His wrath: On the holy Sabbath day I did work and I did eat of the pig and of the other forbidden foods: And on Yom Kippur I made a feast for spite and drank wine and gave myself to unbridled desire and I also lay with beasts, animals and fowls: Woe is me for I said in my heart, There is neither Justice nor Judge, and I denied that the Torah is from Heaven and I despised all wise scholars and I brazenly swore at them and I set dogs on them as is the practice of pranksters: When lo suddenly I suffered a stroke and this is a sickness that no one ever rises from: And I saw clearly that my end was come: But (such is the way of the wicked) I grew not submissive and I remained haughty at the very gate of Gehenna and before my death my comrades came to me and they asked me Abraham (such was my name) dost thou repent: And I answered them in my pride, Now even now I do not believe that there is a Creator in the world and before I expired I blasphemed and thus my soul left me denying Him:

**ויהי** און עס איז געווען תיכף ווי איך בין געשטאָרבן און נאָך אײדער מען האָט מיך אָפּגעהויבן און אַוועקגעלייגט אויף דער ערד האָבן זיך צו מיר באַהאַפטן דריי רוחות רעות: און זיי האָבן באַגונען מיך צו פייניקן מיט פיל אכזריות און זיי האָבן מיך געטרעטן מיט די פיס און מיר אָנגעטון יסורים קשים: און איך האָב שוין געזען דאָס עס איז יאָ דאָ אַן עונש נאָר עס איז שוין געווען שפּעט: און די גאַנצע צייט וואָס איך בין געלעגן צוגעדעקט האָבן זיי מיר פאַרשאַפט אַלערהאַנט ענויים וואָס עס איז גאָרנישט געמאָלט איבערצוגעבן: און איך האָב גערופן מיינע קרובים זיי זאָלן געפינען פאַר מיר אַ תיקון אָבער זיי האָבן נישט געקאָנט דערהערן מיין קול דען איך בין שוין געווען אַ בר־מינן: און נאָך מיין לוויה זענען נאָכגעלאָפן צען־טויזנטער און מילי־מיליאַסן קליפות: און זיי זענען אַלע געווען מיינע קינדער וואָס איך האָב געטון באַשאַפן דורך טומאת קרי און בעולות אסורות: און זיי האָבן מיך גערופן טאַטע און מיין שאַנד איז געווען גאָר אָן אַ גרעניץ:

**וכאשר** און ווי מען האָט מיך אַריינגעלייגט אין גרוב און צוגעדעקט מיט דעם לעצטן הויפן ערד איז געקומען צו מיר דער מלאך דומה: און ער האָט אַ קלאַפּ געטון מיט זיין פייערדיקער רוט איבער מיין קבר און דאָס קבר איז גלייך געשפּאָלטן געוואָרן: און ער האָט גערופן מה שמך ווי איז דיין נאָמען און איך האָב נישט געדענקט דעם פּסוק וואָרן איך האָב נישט געדאַוונט: און דער מלאך האָט געטון אַ געשריי דו טפּה סרוחה דו פּושע באלהי ישראל פאַרזוים נישט און פאַרלאָז גלייך דאָס קבר און פלי אין כף הקלע: דען דיין אָרט איז נישט אויפן בית עלמין וואו עס רוען פיל צדיקים און אנשים כשרים: און איך האָב געוואָלט בעטן ביי אים נאָר ער האָט אַראָפּגעריסן פון מיר די תכריכים און מיך געשלאָגן מיט זיין פייערדיקער רוט און מיך פאַרטריבן:

**והנה** און פון דרויסן האָבן שוין געלויערט גרויסע מחנות שדים רוחות מזיקים און מלאכי חבלה אָנגעברייט זיך צו וואַרפן אויף מיר מיט גרויס צאָרן און מיך צו צערייסן: און זיי האָבן מיך באַגעגנט מיט כעס און שפּאָט און איינגעריכט אויף מיר אַ געיעג און געפייפט און געהוליעט און מיך געיאָגט איבער אַלע וויסטע וועלדער: איך האָב געוואָלט אַנטלויפן פאַר זיי און אַנטרינען אָבער עס איז נישט געווען פאַר מיר קיין באַהעלטעניש דען זיי האָבן מיך געוואָרפן און געשליידערט ווי אַן אָפּגעריסן בלאַט: איינער האָט געצויגן פון רעכטס און דער אַנדערער פון לינקס און מיך נישט געלאָזט צורו באַטאָג און באַנאַכט און זיך געפרייט מיט מיין אַנגסט: ווען אַלע הימלען וואָלטן זיין פאַרמעט און אַלע וואַסערן טינט וואָלט מען נישט געקאָנט באַשרייבן אַ טויזנט חלק פון מיינע לייד: און פון גרויס פּחד בין איך מגולגל געוואָרן אין אַ בלאַט פון אַ בוים: אָבער אויך דאָ איז מיין צער געווען נישט אָפּ־צושאַצן דען ווען דאָס בלאַט האָט זיך געשאָקלט אין ווינט האָב איך געציטערט און געפלאַטערט גלייך איך וואָלט זיין אַ לעבעדיקער מענטש: און ווי לאַנג איך בין געזעסן אין דעם בלאַט האָבן די טייוולאָנים מיר נישט געקאָנט טון קיין שלעכטס: אָבער איך האָב געמוזט אַרויס דען אין בלאַט האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ וואָרם און ער האָט מיך געביסן: און ווי נאָר איך בין אַרויס אַזוי האָבן די שוואַרצע חיילות ווידער מיך אַרומגערינגלט און זיי האָבן מיך געקוילערט אין אַלע וויסטענישן און מדבריות פול שלאַנגען עקדישן און פיפערנאָטערס: און ווען עס איז מיר געוואָרן ענג בין איך אַריין אין אַ פראָש; און אויך דאָרט איז מיר געוואָרן זייער ביטער דען אַ מענטש קאָן נישט זיצן אין אַ פראָש וואָס ווידמעט זיך אין זומפּ און אין שטינקענדיק וואַסער: אויך די פראָש האָט געהאַט דערפון צער און זי האָט באַקומען פיל מכות און איר בויך איז געשוואָלן געוואָרן: און אַזוי בין איך פון מאָל צו מאָל מגולגל גע־וואָרן אין אַן אַנדער באַשעפעניש: און איך בין אויך כמה יאָרן געזעסן אין אַ מילשטיין און ווען ער האָט זיך געדרייט האָט ער געריבן מיינע גלידער און מיין ווייטיק איז געווען אָן אַ גרעניץ:

**וישאל** און ר' מרדכי יוסף האָט געפרעגט דעם דיבוק וואָרום ביסטו אַריין אין דער אשה און ווי האָסטו דיך באַמעכטיקט איבער איר: און דער דיבוק האָט געזאָגט: זייט וויסן דאָס גדליה איז אַ כופר בעיקר און אַ מומר להכעיס און ער האָט זיין ווייב מטמא געווען מיט כמה טומאות און דערום האָט איך געהאַט צו איר שליטה: און איינמאָל פאַרטאָג האָט די אשה באַגערט אויפצוברענגען אַ פייער פון צוויי קיזלשטיינער און די פונקען האָבן נישט אָנגעצונדן די קנויט: און זי האָט אָנגערופן דעם נאָמען פון שטן: און ווי איך האָב דאָס דערהערט בין איך אַריין אין איר לייב:

AND IT CAME TO PASS that I had but died and had not yet been lifted up and laid in the earth that three evil spirits seized me: And they tormented me cruelly and they trampled on me with their feet and they sorely afflicted me: And then I saw that indeed there is a punishment only it was already too late: And all the time I lay covered they perpetrated on me all manner of suffering that cannot be recounted: And I called on my kin that they might discover me some relief but they could not hear my voice for I was already not of this world: And tens of thousands and millions of milliards of imps followed my funeral: And they were all my children that I had created through continual defilement and fornication: And they called me Father and my shame was boundless:

AND WHEN they had laid me in the grave and piled the last shovelful of earth upon me there came to me the Angel Dumah: And he rapped on my grave with his fiery rod and the grave split open at once: And he called *Mah Shemecha* (What is thy name) and I could not remember the verse for I had not prayed: And the angel cried Thou foul seed Thou sinner against the Lord of Israel Tarry not here and abandon this grave and fly away to the hollow of the sling: For thy place is not in the graveyard where so many righteous and proper men rest in peace: And I tried to implore him but he tore the shrouds from my body and he beat me with his fiery rod and he drove me out:

AND LO without there lay in wait for me vast armies of demons and destroyer spirits and messengers of annihilation and they were all in readiness to fling themselves at me in their wrath and to rend me to bits: And they came at me in anger and mockery and they gave chase to me and they whistled and howled and pursued me through the wilderness: I sought to flee them and to escape them but there was no hiding place and they captured me and they cast me and tossed me like a bird in the wind: One pulled me from the right hand and one from the left and they would not let me be by day or by night and they delighted in my terror: Oh were all the heavens parchment and all the seas ink would they not yet suffice to inscribe one thousandth part of my ordeal: In my anguish I passed into the leaf of a tree: But there too my sorrow was immeasurable for when the leaf shook in the wind I shivered and twisted exactly as though I were a living man: Yet so long as I dwelt in the leaf the demons could do me no evil: But I was forced to leave it for a worm crept into the leaf and it bit me: And the instant I left the leaf the black hosts ringed me wildly about and they rolled me through every wilderness and desert and wasteland full of serpents and scorpions and horned snakes: And in my straits I entered into a frog: But there too things were bitter for me, for a man cannot dwell in a frog that breeds in the swamp and in stinking marshes: Also the frog suffered and sickened and her belly swelled: And thus I passed from creature to creature: Moreover for many years I dwelt in a millstone and when it turned it rubbed against my limbs and my pain knew no bounds:

AND REB MORDECAI JOSEPH asked the *dybbuk* How didst thou enter into the woman and by what means didst thou gain the ascendancy over her: And the *dybbuk* said Let it be known that Gedaliya is a denier of the faith and an apostate out of spite and that he has defiled his wife with many defilements and hence I was able to gain the ascendancy over her: For one morning the woman desired to start a fire with two flint stones and the sparks would not light the wick: And she cried out the name of Satan: And the moment I heard this I entered into her body:

AND REB MORDECAI JOSEPH said to the spirit, Through what opening didst thou force thy way into the woman, and the *dybbuk* spoke and said Through *that same place:*

THEN REB MORDECAI JOSEPH rose and smote Gedaliya with violence: Moreover the other men flung themselves at him and beat him and shed his blood and tore his beard until he fell fainting to the ground: And Reb Mordecai Joseph (may his remembrance be a blessing) flogged him forty times forty until his blood flowed like water: And the people took him and flung him into the jail that is in the prayer house anteroom. And they chained him to the post and there he remained to await his judgment: For the gentiles too were sentencing witches in their judgments and many of them were burned at the stake: And they appointed a watchman to watch him:

**ויאמר** און ר׳ מרדכי יוסף ז״ל האָט געפרעגט דעם רוח דורך וועלכער עפנונג ער איז אַריינגעדרונגען אין דער אשה: און דער דיבוק האָט געענטפערט דאָס ער איז אַריין דורך אותו מקום:

**אָז** דאַמאָלט איז ר׳ מרדכי יוסף אויפגעשטאַנען און האָט געשלאָגן גדליהן מכות רצח: און אויך די איבעריקע לייט האָבן זיך געוואָרפן איבער אים און אים געביילט און פאַרגאָסן זיין בלוט און אויסגעריסן די האָר פון זיין באָרד ביז ער איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד אין אוממאַכט: און ר׳ מרדכי יוסף ז״ל האָט אים געשלאָגן פערציק מאָל פערציק מלקות ביז זיין בלוט האָט געשפּריצט ווי וואַסער: און די לייט האָבן אים גענומען און אַריינגעוואָרפן אין געפענקעניש וואָס אין פּאָליש: און מען האָט אים צוגעבונדן צו דער קונע און ער איז דאָרט פאַרבליבן אָפּצוּוואַרטן זיין דין: דען אויך אין די בתי־דינים פון די גוים האָט מען געמשפט כישוף־מאַכערס און פיל פון זיי האָט מען פאַרברענט אויף דעם שייטער: און מען האָט אוועקגעשטעלט אַ שומר אים צו היטן:

## 14

## *The Death of Rechele*

AND IT CAME TO PASS after these things when the wicked Gedaliya had been imprisoned that Reb Mordecai Joseph (may his remembrance be a blessing) bade powerful men carry the young woman to the study house where the evil spirit might be driven out of her: For the *dybbuk* did weary her with all manner of torment and caused the name of God to be desecrated (God preserve us) and there was great sympathy for the woman: And the powerful men rose and took the woman in their arms and against her will and bore her off to the court of the prayer house: All this time the woman was still and silent as though her strength had deserted her and she was like a little child: But when they came near to the door of the prayer house anteroom then did the *dybbuk* begin to scream and wail, Bring me not nearer to this place For I cannot endure the holy air, and the sound of his outcry was heard far and wide: But the men did not heed the *dybbuk* and they carried the woman into the study house by main force though she wrestled with them: And she worked with a strength exceeding the strength of a man for her power came from the evil spirit (*vid. sup.*):

AND IT CAME ABOUT that when the woman lay on the pulpit the *dybbuk* burst into a weeping such that all who heard wept with him: For not women alone but men as well were overcome with compassion: And the *dybbuk* cried and said: Why have ye no pity on me and why do ye work all this to vex me and to distress me: Seeing that ye know full well that every thing that is holy causes me much suffering and may be compared to a needle in the flesh of a living man: Now search ye out and discover What injustice hath been done unto this woman through me: Who before I entered into her was weak and sickly and she required broth for her nourishment and she was compelled to lean on a stick for support: And now behold for that I have entered into her she has grown powerful and is able to lift up heavy burdens and go into the cold without warm garments and do all that her heart desires: Therefore what is the matter that ye

## יד

## מיתה בנשיקה

**ויהי** און עס איז געווען ווי מען האָט דעם רשע גדליה געטון אין געפענקעניש און ר׳ מרדכי יוסף ז״ל האָט געבאָטן די שטאַרקע לייט פון דעם אָרט זיי זאָלן ברענגען די יונגפרוי אין בית־מדרש צו פאַרטרייבן פון איר דעם רוח רע: דען דער דיבוק האָט זי געפייניקט מיט אַלערהאַנט מאַטערנישן און געבראַכט דאָס גאָטס נאָמען זאָל חלילה ווערן פאַרשוועכט און דאָס מיטלייד מיט איר איז געווען גרויס: און די לייט האָבן דערום זיך געפעדערט און גענומען די אשה אויף די אָרעמס און זי איבערדאַנק אַוועקגעטראָגן צום שול הויף: און די גאַנצע צייט האָט די אשה שטילגעשוויגן גלייך די כוחות וואָלטן זי פאַרלאָזט און זי איז געווען נייערט ווי אַ קינד: און ווי זיי האָבן גענענט מיט איר צו דער טיר פון פּאָליש אַזוי האָט דער דיבוק באַגונען צו שרייען מיט אַ יאָמערלעך קול ניטע דערנענטערט מיך נישט ביז אַהער דען איך קאָן נישט דולדן דעם הייליקן אוויר און זיין רוף איז געוואָרן פאַרנומען גאָר ווייט: אָבער די לייט האָבן נישט צוגעהאָרכט צו אים און זי אַריינגעטראָגן אין בית־מדרש מיט גוואַלד ווען אויך זי האָט זיך געווערט: און זי האָט אַלדאָס געווירקט מיט אַזוי אַ מאַכט וואָס איז נישט געמאָלט אויך ביי אַ גבר דען איר קראַפט איז געקומען פון דעם רוח כנ״ל:

**והיה** און ווי די אשה איז געבליבן ליגן אויף דעם באַלעמער אַזוי האָט דער דיבוק אויסגעבראָכן אין אַ געוויין דאָס אַלע האָבן מיטגעוויינט מיט אים: דען נישט בלויז נשים נאָר אויך מאַנסלייט זענען געוואָרן איבערגענומען מיט דערבאַרעמדיקייט: און דער דיבוק האָט געענטפערט און געזאָגט: וואָרום האָט איר קיין חס אויף מיר און איר טוט אַלץ צו מיין פאַרדרוס און גרימעניש: איר ווייסט דאָך וואויל דאָס יעדער דבר שבקדושה פאַרשאַפט מיר פיל לייד און איז געגליכן צו אַ נאָדל אין לייב פון אַ לעבעדיקן: נון פאָרשט נאָך און געפינט וואָס פאַר אַן אומרעכט איז דורך מיר געטון געוואָרן צו דער אשה: דען פריער איז זי געווען שלאַף און שלאַבריק און מען האָט זי געמוזט שפּייזן מיט יאַיכלעך און זי איז געצוואונגען זיך אָנצולענען אויף אַ שטעקן מחמת חולשה: און איצט איז זי פון וועגן מיר געוואָרן געקרעפטיקט און זי פאַרמאָכט אויפצוהייבן שווערע משאות און אַרומצוגיין אין דער קעלט אָן וואַרימע קליידער און צו טון אַלץ וואָס איר האַרץ גלוסט: היינט וואָס איז דער מער דאָס איר האָט אייך

צונויפגעזאמלט מיך צו רייצן ובפרט דאס איך בין א יהודי און האב פיל פורכט פאר די חיצונים: טייל פון זיי האבן דאס געשטאלט פון חזירים מיט אכט קעפ און דער גיפט אונטער זייער שנויץ איז אייטל פייער פון צלמות: און אנדערע פון זיי שטויסן מיט די הערנער גלייך די ווידערס און זיי ווערן אנגערופן שעירים: און זייער פעל איז באַ־דעקט מיט פעך און זייערע האר זענען פון דארן בכדי צו דערשרעקן די זינדיקע און זייער געביין איז הינטער די הרי חושך: נא איך בעט אייך גיט מיר א דערלויבעניש צו זיצן אין איר גוף און איך שווער דאס קיין האר וועט איר געקרימט ווערן און איך וועל זי אפהיטן ווי דאס שווארצאפל פון אויג עס זאל זי טרעפן קיין באגעגעניש און פאר־דארבונג: און ווען דאס מעסטל וועט פול ווערן און איך וועל קריגן רשות צו לידן מיין שטראף אין גיהנום י״ב חדשים אזוי וועל איך זי פארלאזן אן שום שטרויכלונג און זי אויפבינדן און לאזן אין פרידן:

**והרוח** און דער רוח האט דאס אלץ געשפראכן מיט ערמה מיט דעם מיין אפצונארן די לייט און צו שפעטן פון זיי: און עס האבן זיך דארטן געפונען פשוטע לייט וואס האבן אין זייער תמימות צוגע־גלויבט צו די רייד פון דעם דיבוק דאס זיי זענען ווער און באגערט ער זאל ווערן געשוינט: אבער החסיד ר׳ מרדכי יוסף ז״ל האט פאר־שטאנען זיינע מזמות דען ער איז געווען א גרויסער מקובל און ער האט דערום געזאגט: ניין נייערט שייד דיך אפ פון איר און קער אפ וואו קיין מענטשן גייען און קיין פי טוט טרעטן דען עס געשיקט זיך נישט דו זאלסט זיין צווישן די לעבעדיקע: און ווי ר׳ מרדכי יוסף האט גערעדט די דאזיקע רייד אזוי האט ער מכוון געווען הייליקע שמות און מיחד געווען יחודים און מצרף געווען צרופים און געמאכט די עגולים און הקפות כידוע ליודעי חן:

**אז** דאמאלס האט דער רוח פארמיטן צו רעדן ווייכע רייד און אנגע־פאנגען בדברים קשים און א פייער האט אויפגעזאטן אין זיינע נאז־לעכער און ער האט געררופן מיט א קול דאס די ווענט האבן געציטערט:

**מי אתה** ווער ביזטו דען און ווער איז דאס הויזגעזינד פון דיינע עלטערן וואס דו טראכסט ארויסצוגיין קעגן מיר: מיינסטו דען ווארהאפטיק דאס דו ביזט א בעל שם און א חכם אין קבלה: ניין דו ביזט אן עם הארץ גמור און דיינע שמות קאנען גארנישט פועל זיין: און ער האט געזאגט א שפריכווארט בלשון אשכנז זיי וועלן העלפן ווי א טויטן באנקעס און ער האט געפלוכט דעם ר׳ מרדכי יוסף ז״ל און געטריבן ליצנות וואס אזוי עפעס איז נישט געווארן געהערט זינט די וועלט שטייט און דאס פעבל האט געלאכט אויס דעם חסיד ר׳ מרדכי יוסף ז״ל: און עס איז געווען א חילול השם דען דער דיבוק האט גע־רעדט צויטיקע רייד און זיך צום נאר געמאכט און עס איז געווען א חוכא וטלולא: פויער האט ער מיט א גלאטער צונג אויסגערעכנט די זינד וואס יעדער האט געטון אין פארבארגעניש און אנגערופן די נעמען און געוואונקען מיט די אויגן און געפרעגט אויב זיי געדענקען כזה וכזה דא און דארט און עס איז אויפגעשטאנען א הארמידער: דען ער האט צו שאנד געמאכט די ווייבער פון די נכבדים און אנטפלעקט דאס די רביצין האט מזנה געווען און מוציא לעז געווען אויף פיל משפחות און דאס אלץ מיט זלזולים און חציפות: און מחמת פארשע־מונג האט קיינער זיך פארמאסטן אים אפצולייקענען דען ער האט מעיז געווען אין פנים און אויפגעדעקט פארהוילעניש און געגעבן איטלעכן א ווארצייכן: איין אשה האט ער דערמאנט דאס זי האט א ווארצל אונטער דער ברוסט, אן אנדערער דאס זי האט א האניגפלעק אדער א ווינקלבראך און א הארפלעכט און א גוליע און א קראץ און לייז הינטער דער הויט: און ער האט אויך איבערגעענטפערט דברים שבינו לבינה וד״ל: און נאכדעם האט ער זיך לוסטיק געמאכט און געזונגען לידער און אלץ צום גראם דאס אלע זענען געבליבן דערשטוינט דען עס איז נישט דער שטייגער דאס אן אשה זאל ווייזן אזעלכע חידושים: און ער האט געשפאסט אויס די ווייבער און זייער פירעכץ ווי זיי בענטשן ליכט און נעמען חלה און קלויבן ארבעס און זייערע העוויות אין מקווה

have all come together to undo me and particularly since I am of the seed of Israel and have great fear of the Outer Ones: Who some of them have the faces of boars with eight heads and the poison under their snouts is all fire from the valley of the shadow of death: And others of them butt with their horns ramlike and they are called Hairy Goat Ones: And their fur is covered with tar and the bristles thereof are of thorns to affright the sinful, and their dwelling place is beyond the Hills of Darkness: Now I implore ye, Give me leave to dwell in her body and I swear Not a hair of her head shall be harmed and I shall guard her like the apple of my eye that no mishap may trouble her: And when the allotted measure of my suffering shall be full and I shall be given leave to endure my judgment in Gehenna for the space of twelve months why then I shall forsake the woman with no further ado and unloose her and leave her in peace:

AND THE SPIRIT spoke these words with cunning purpose to deceive the people and to mock them: And there were indeed some simple folk who in their innocence believed the words of the *dybbuk* to be true and they wished him to be spared: But the pious Reb Mordecai Joseph (may his remembrance be a blessing) comprehended the demon's wiles (for he was a great cabalist) and he cried, No, Depart thou from her and go forth to that place where no man dwelleth and where no cattle of the field sets foot For it is not seemly thou shouldst continue among the living: And when Reb Mordecai Joseph had uttered these words he meditated on such holy names and formed such unions and made such combinations and described such circles and rings as are within the ken of those that are knowing in the mysteries:

THEN DID THE SPIRIT abandon gentle words and begin with the harsh words and a fire seethed from his nostrils and he cried in a loud voice that made the walls shake:

WHO ART THOU and of what merit is the house of thy forebears that thou thinkest to contend with me: Dost thou believe that thou art a master of His name and wise in cabala: No, For thou art a complete ignoramus and thy combinations can never be efficacious: And the *dybbuk* spoke a saying in the vulgar tongue *They shall avail as cupping avails the dead:* And he cursed Reb Mordecai Joseph (may his remembrance be a blessing) and played tricks upon him such as were never seen or heard since the world began, and the multitude laughed at the pious Reb Mordecai Joseph: And there was a great desecration of God's name for the *dybbuk* uttered obscenities and played the fool and there was hee-hawing and guffawing: And first he reckoned up the secret sins of each one and called them by name and winked with his eyes and asked Dost thou not remember such and such a place, and there arose a hubbub: For he put the wives of respectable men to shame and revealed that the rabbi's wife had played the whore, and he published slander concerning many families and all with contumely and effrontery: And (for that we have transgressed) no one dared give the *dybbuk* the lie and he grew bolder and discovered things that had lain hidden, giving clear signs of proof: He reminded one woman that she had a mole under her breast: Another that she had a birth mark, another a boil, another a scar, another lice, etc.: And he also repeated things that are betwixt *him* and *her*, man and wife: And then he frolicked, singing songs and all in rhyme so that all who heard were amazed, for it is not the practice for women to produce such inventions: And he derided the women and their habitudes: How they blessed the candles on Sabbaths and

**אז** דאַן האָט ר׳ מרדכי יוסף ז״ל געשריגן תקיעה און דער בעל תוקע האָט שופר געבלאָזן: און ר׳ מרדכי יוסף ז״ל האָט געשריגן איך בין דיך מחרים: אַלע קללות און חרמות זאָלן פאַלן אויף דיין קאָפּ אויב דו וועסט נישט תיכף פאַרלאָזן דעם גוף פון דער אשה: און דער חזן האָט געלייענט די תוכחה און ער האָט געשיט אַש אויף דעם קאָפּ פון דער אשה: און פון רעש זענען אָנגעקומען אין בית־מדרש אויך די גויים און דער כומר און זיי האָבן זיך געבוקט און געזען דאָס עס איז אַ צייכן פון אויבן און תפלה געטון צו דער עבודה זרה: און טייל פון זיי האָבן פאַרלאַנגט דאָס די אשה זאָל ווערן געטייט דען זי איז אַ מכשפה: און מען איז געשטאַנען צוגעדריקט דאָס קיין שפּילקע־קעפּל וואָלט אַריינגעדרונגען און עס איז געווען גאָר אַן ענגשאַפט:

**ויקרא** און דער דיבוק האָט געשריגן מאַך מיך פריי פון דעם חרם און איך בין אָנגעברייט גוטוויליק אַרויסצוגיין דען איך קאָן מער נישט ביישטיין קעגן דער קדושה: און ר׳ מרדכי יוסף ז״ל האָט געטון זיין באַגער און אים צוגעזאָגט דאָס ער וועט נאָך אים לערנען משניות און קדיש זאָגן און ער האָט אים געטרייסט און פון אים אָפּגעטון דעם חרם: אָבער תיכף נאָכדעם האָט דער רוח רע זיך באַדענקט און גע־רופן: ניין עס איז מיר דאָ גוט און איך וויל נישט אַרויס: און ר׳ מרדכי יוסף ז״ל האָט אים ווידער מחרים געווען און געוואָרנט און באַ־שוואוירן און עס האָט געזוימט כמה שעות דען דער דיבוק האָט רק געליגט און געפעלשט און געדראָשן מיט דער צונג: און ער האָט זיך געגרויסט דאָס ער האָט קיין אַנגסט פאַר שמות הקדושים און געלייקנט אין גאָט ברוך הוא: און ווען מען האָט אים געפרעגט וואָרום ווערסטו געשטראָפט האָט ער געענטפערט דאָס אַלץ איז אַ טראַף און אַ דרך הטבע: און אַזוי איז ער פאַרבליבן אין זיין אייטלקייט: און ווען מען זאָל וועלן איבער־געבן אַ טויזנט חלק פון אַלעם דעם וואָס דער רוח האָט געטון און זיינע שפּאָט רייד און ניבול פה אַזוי וואָלט קורץ געווען די צונג צו דערציילן און דער בויגן צום שרייבן: דען יעדער האָט באַשיינפּערלעך געזען דאָס וואונדער פון גאָט און געטון זיין האַרץ זיך אומצוקערן צו זיין פאָטער אין הימל: און דער נאָמען פון אַלמעכטיקן איז געוואָרן געהייליקט:

**ויהי בערב** און עס איז געווען פאַרנאַכט און דער רוח האָט אַ רוף געטון היט אייך איך וועל גלייך פאַרלאָזן דעם גוף פון דער אשה וואָרן מחמת די תקיעות און השבעות האָב איך מער דאָ קיין אָרט: און ער האָט אָנגעפאַנגען צו וויינען בדמעות שליש און ער האָט געזאָגט בעט אויף מיר רחמים דען עס איז מיר ענג: און אין בית מדרש האָט שוין געדעמערט דען עס איז געווען אום ווינטער ווען דער טאָג איז קורץ: און אַלע האָבן געזאָגט ויהי נועם און קאַפּיטלעך תהלים און אַנדערע לחשים: און פּלוצים האָט דער רוח געטון אַ געשריי רוקט אייך אָפּ איך גיי: און פון פחד איז געוואָרן אַזאַ שטופּעניש דאָס די לייט האָבן געטראָטן איינער אויף דעם אַנדערן און כמה זענען דער־דריקט געוואָרן: און אין דעם אויגנבליק האָבן אַלע צוגעזען ווי פון אותו מקום איז אַרויס אַ שטיק פייער און עס האָט געטון אַ פלי צום פענצטער און עס האָט אויסגעברענט אַ קיילעכיק לאָך אין דער שויב: און מחמת שרעק האָט קיינער געעפנט דאָס מויל דען אַלע זענען געווען ווי פאַרגליווערט: און די אשה רעכעלע איז געבליבן ליגן נייערט ווי טויט דען די כוחות האָט זי געהאַט פון רוח כנ״ל: און די ווייבער האָבן געאיילט און זי צוגעדעקט און זי געטראָגן אין איר הויז זי צו דערקוויקן און צוריקצוקערן איר חיות:

**וכמה לילות** און פיל נעכט נאָכדעם האָט דער רוח רע זי באַזוכט

**THEN DID REB MORDECAI JOSEPH** (may his remembrance be a blessing) cry Blow the blast and he who held the ram's horn blew: And Reb Mordecai Joseph cried I excommunicate thee: May every curse and every ban in the Chapter of Curses fall on thy head if thou forsake not the body of this woman immediately and out of hand: And the chanter chanted the Chapter of Curses and sprinkled ashes on the woman's head: And there was such a turbulence in the study house that the gentiles came running up too and their priest with them and they bowed for they saw that this thing was from on high and they prayed to their God: And some of them cried that the woman be put to death for that she was a witch: And the congregation stood so close in the prayer house that no more could enter and there was a great press:

**AND THE DYBBUK** cried Make me free of the ban and I undertake to leave in good faith for I can withstand the sacred no longer: And Reb Mordecai Joseph (may his remembrance be a blessing) did as the *dybbuk* had bidden promising to study the Mishna in his name and to recite the Mourner's Prayer after his soul and he solaced the *dybbuk* and lifted the ban: But at once the evil spirit denied himself and he cried: No, Here it is better for me and I shall not depart: Then Reb Mordecai Joseph laid him under a ban again and threatened the *dybbuk* and adjured him and this went on hour after hour for the *dybbuk* did nought but lie and perjure himself with his crooked tongue: And he boasted that the holy names held no terror for him and he denied the blessed God: And when they asked him Why then art thou punished he replied It is all chance and an event of nature: And thus he continued in his rebelliousness: Oh if we were to undertake to tell but one thousandth part of all that the fiend did and his ribaldry and his lewdness this tongue would be too brief to recount it and this sheet to record it: But the whole congregation saw with perfect clearness the wonders of God and set their hearts on returning to their Father in Heaven: And the name of the Almighty was consecrated that day:

**AND IT CAME TO PASS** toward evening that the spirit cried Look after yourselves For I am about to forsake the body of this woman, seeing that the blasts of the ram's horn and the adjurations have left me no place here: And he began to weep with a man's tears and he said Pray that He show me compassion for I am in dire straits: And dusk fell on the study house for it was wintertime and the days were short: And the congregation all recited the verse beginning *And let there be contentment* and various psalms and other prayers to drive the spirit away: When suddenly the spirit cried: Move off for I come: And there was such a press for very terror that many folk were trampled: The next instant the congregation beheld a flash of fire from *that same place* and it flew through the window burning a round hole in the pane: And no man opened his mouth for all were struck dumb with shock:

**BUT RECHELE LAY** on the earth like dead for her strength had come from the spirit (*vid. sup.*): And the women hastened and covered her and they bore her to her house to revive her and to bring her back to life:

**AND MANY NIGHTS** thereafter the evil spirit visited

און געקלאַפּט אין איר פענצטער און געשפּראָכן צו איר גוטע רייד: און ער האָט געזאָגט זע ווי לאַנג איך בין געווען מיט דיר ביזטו געווען בקו הבריאות: און נון ביזטו קראַנק און שמעכטיק: לאָז מיך צוריק אַריינגיין אין דיין גוף און נעם אַראָפּ די קמיעות פון דיין האַלדז און איך וועל דיר געניגן טון: און דער רוח האָט גערעדט דעסגלייכן גלאַטע רייד אָבער די אשה האָט אים נישט צוגעהאָרכט: און ער האָט זי געוואָרנט דאָס ער וועט געצאָלט ווערן פון איר און נקמה נעמען: ובעוונותינו הרבים איז אַזוי געווען: דען אויף דעם דריטן טאָג אינדערפרי ווען די ווייבער זענען געקומען צו דער אשה אויף איר אַכט צו טון האָט מען זי געפונען טויט און זי איז שוין געווען קאַלט: און מען האָט איר רעכט געטון: און ר׳ איטשע מאַטעס איר ערשטער מאַן האָט זי מספּיד געווען און געזאָגט קדיש ביי איר קבר: און מחמת פיל ליבשאַפט צו איר אָן אַ גרעניץ האָט ער געטון די זאַך צו זיין האַרץ און ער איז קראַנק געוואָרן: און פאַר דער פּטירה האָט ער אָנגעזאָגט די לייט מען זאָל אים מקבר זיין נעבן איר: און דער צדיק איז אויסגעגאַנגען בנשיקה: זכותו יגן עלינו:

**והרשע** און דער רשע גדליה האָט איבערגערעדט דעם שומר און יענער האָט אים שטילערהייט אויפגעבונדן פון דער קייט און בײדע זענען אַנטרונען: און גדליה האָט זיך ל״ע געשמדט און איז געוואָרן ביי די עכום אַ בישאָף און אַ צורר היהודים: און אַנדערע האָבן געזאָגט דאָס גדליה איז געווען דער ס״ם און אַלע זיינע מעשים זיינען געווען אייטל פאַרבלענדעניש: און פון דער מעשה קאָן מען אָפּלערנען:

דאָס גאָט ברוך הוא זאָל קיינער דערצערנען: דער טויט
וועט דאַן ווערן פאַרמיטן: און לילית וועט ווערן
פאַרשניטן: צום גלות וועט קומען אַן ענד:
און דער שטן וועט ווערן פאַרלענדט:
און יעקב וועט אויפריכטן זיין געצעלט:
און דאָס ליכט פון דער שכינה
מעכט אָנפילן גאָר די וועלט:
אמן סלה:

תם ונשלם

her and rapped on her window and spoke to her sweetly: And he said, But see As long as I dwelt in thee thou were in good health: And now art thou sickly and poorly: But let me return to thy body and remove the amulets from thy throat and I shall do thy pleasure: And the spirit spoke in this manner smooth words and pleasant but the woman would not heed him: And then he warned her that she would be repayed for this and that he would have his revenge: And so it came to pass (because of our transgressions that are great): For on the morning of the third day when the women came to Rechele to tend her they found her dead and her body was already cold: And they did what was proper with her: And Reb Itche Mates her first husband mourned her and recited the Mourner's Prayer over her grave: And in his love for her that knew no bounds he took the thing to heart and he sickened: And before he died he bade that he be buried near her: And thus that righteous man passed away with a kiss: May his merit be our shield:

AND THE WICKED GEDALIYA persuaded the watchman and the latter removed his chains and they fled together: And Gedaliya became an apostate (God save us) and rose to high position among the idolators and a troubler of Jews: And some folk say that Gedaliya was none other than Samael himself and that all his deeds were nought but seduction: And the moral of this tale is:

LET NONE ATTEMPT TO FORCE THE LORD: TO END OUR
PAIN WITHIN THE WORLD: THE MESSIAH WILL COME
IN GOD'S OWN TIME: AND FREE MEN OF DESPAIR
AND CRIME: THEN DEATH WILL PUT AWAY
HIS SWORD: AND SATAN DIE ABJURED,
ABHORRED: LILITH WILL VANISH
WITH THE NIGHT: THE EXILE
END AND ALL BE LIGHT:
AMEN SELAH:

CONCLUDED AND DONE